STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01778

A SHMOLE BRIK

L. Kurland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קורלאַנד

אַ שמאָלע בריק

ראָמאַן

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

תשמ״א — 1981

L. KURLAND
A SHMOLE BRIK
(A NARROW BRIDGE)
ROMAN

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

ל. קורלאַנד
גשר צר
רומן

הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14

הילע
פון משה כגן (קיבוץ שמיר)

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל תשמ״א

דפוס ׳נוגה׳, רח׳ אלנבי 26, חיפה

"Tous les arts ont produit
leurs merveilles,
l'art de gouverner n'a
produit que des monstres"
SAINT-JUST

דאַס בוך גייט אַרויס מיט דער
הילף פון חברת חמי טבריה, טבריה

 לייב קורלאַנד

אַ שמאָלע בריק

(ראָמאַן)

1

ער איז געפאָרן גיך, ווי איינער וואָס וויל אַנטרינען, וויל אַוועק וואָס ווייטער פון אַן אומגליק, פון אַ בייז אויג, פון אייגענעם גורל. אָדער איינער, וואָס יאָגט זיך נאָך גליק, נאָך אַן אוצר, אָדער אַנט־לויפט גאָר מיטן גליק, מיטן אוצר. ער האָט געדריקט פעסט אויפן פעדאַל און געהאַלטן די אויגן אויף דער געלער ליניע, וואָס האָט געצייכנט דעם אויסערלעכן ראַנד פונעם וועג. דער לויפנדיקער שיין פון די שטאַרקע פאָדערלעמפּ האָט געטריבן די נאַכט פון די רעדער און געיאָגט זי אויף הינטן, אַריבערן דאָך. די לבנה, וואָס איז געהאָנגען אַקראָבאַטיש צווישן הימל און וועג, איז געווען פאַרנומען מיט זיך. זי האָט זיך געריסן פון אַרומאַרעמ־דיקן רייף־געוועב און געזייט אין אַ קרייז אַרום זיך שוויס־פּערע־לער און גלאַנץ־אייגעלער ווי אַ געדיכטע פישערנעץ, געצויגן מיט גיכע פינגער פון צעשוימטע זילבער־כוואַליעס אין אַ זוניקן פאַרטאָגס.

— עס וועט זיין אַ כאַמסין, יואל — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט א פינגער אַרויסצו.

— אַ כאַמסין ביים כינרת, יעל, איז נישט ווי ביי אונדז אויפן כרמל — האָט ער געענטפערט, אַרומנעמענדיק זי מיט זיין רעכטן אָרעם.

דער אויטאָ האָט זיך אַ וואַקל געטון, אַרויף אויף דער געלער ליניע פון מיטנוועג.

— דיין האַנט איז מיר שטאַרק צום האַרצן — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטער אין איר דינער שטים — אָבער דיין לעבן נאָך מער.

— דיין לעבן, יעל. דיינס איז מיר וויכטיקער ווי מיינס — האָט ער זיך געדונגען און צוריקגעצויגן די האַנט.

— אונדזער לעבן — האָט זי געפונען אַ פשרה.

ער האָט אַ דריי געטון דאָס רעדל, אומגעקערט זיך צו דער זייטנליניע.

פון הינטן האָט פלוצעם אָנגעיאָגט אַ רעש פון רעדער און אַ געזאַנג פון יונגע העלדזער. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ. אַ שאַרפער פאַרבלענדשיין האָט אָפּגענומען איר ראיה אויף אַ ווייל. זי האָט געריבן די אויגן און געכאַפּט אַ דיסקרעטן בליק אינעם רעפלעקטאָר־שפּיגעלע. זי האָט דערקענט דעם רויטן מערצעדעס פון זשאַקן, דעם מאַראָקאַנער. צי יאָגט ער זי נאָך? צי טרייסט ער זיך שוין מיט אַ נייער ליבע? זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטון מיט אים, אַז אירע לאַנגע האָר זאָלן פאַרדעקן דאָס פּנים, כדי ער זאָל זי נישט דערקענען.

— וואָס איז דיר? — האָט ער געפרעגט, באַמערקנדיק איר אומבאַקוועמטקייט — איך פאַר אפשר צו שנעל?

— איך האָב געכאַפּט אַ פאַרבלענדליכט גראָד אין די אויגן אַריין.

— ווער הייסט דיך קוקן אויף הינטן? אין אונדזערע יאָרן דאַרף מען קוקן תמיד פאַר זיך, תמיד פאָראויס!

יואל האָט פאַרקלענערט די גיכקייט, כדי דורכצולאָזן דעם אויטאָ, וואָס וואַרפט דענערווירנדיקע ליכט־סיגנאַלן.

— מערצעדעס — האָט ער אויסגערופן, און איבערגעחזרט — מער־צע־דעס! — מיט אַ הפסקה צווישן יעדער זילב, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט סיי עקל, סיי שפּאָט. — דווקא אַ דייטשע אויטאָ, ווי ס׳וואָלט נישט עקסיסטירט קיין אַנדערע מאַרקע, ווי נאָר פון פאַרשאָלטענעם לאַנד.

— זיי זינגען אָבער העברעיִשע לידער. האָרך זיך איין — האָט זי געזאָגט, ווי כלאחר יד.

דוד מלך ישראל, חי, חי וקים,
דוד מלך ישראל, חי, חי וקים!

— וואָס פאַר אַ איראָניע פון גורל! — האָט זי צוגעגעבן — אַ דייטשע אויטאָ און דוד מלך ישראל!

— צי מיינסטו, אַז דאָס כשרט דעם שרץ?

— און מיינסטו, אַז דיין רענאָ איז אין גאַנצן אָן פגם? איז דען די דאָזיקע נאַציאָנאַליזירטע פראַנצייזישע פירמע כשר לכל הדעות? זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם אַראַבישן באָיקאָט, צוריקגעצויגן איר פאַבריק פון ישראל... לשם ביזנעס! און נאָך בעסער, בראש פון דער רענאָ־פירמע איז דעמאָלט געשטאַנען אַ יידישער דירעקטאָר, דווקא מיטן נאָמען דרייפוס.

— איבער פראַנקרייך וועט תמיד הענגען די קללה פון דער דרייפוס־אַפערע — האָט ער אונטערגעכאַפּט — צוליב אַזוי גע־רופענע הויכע מלוכה־אינטערעסן און גראָבהויטיקע אויסרעכע־נונגען ממש, אין דעם פאַל — דער אָפּגאָט פון נאַפט, פעטראָ־דאָלאַרן — וועט דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע פאַרראַטן אירע שענסטע לאָזונגען...

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן אָפענעם פענצטער און אויסגעשפּיגן.

דער רויטער מערצעדעס איז פאַרבייגעפאָרן געדיכט נעבן אים און אַ שמייס געטון אין פנים אַריין אַ געמיש פון ווינט, ליכט און אויפפראַלנדיקע טענער:

כל העולם כולו
גשר צר מאוד, גשר צר מאוד.
והעיקר, והעיקר
לא לפחד, לא לפחד כלל!

— יאָ, דער עיקר — האָט ער אַנגעשלאָסן אין פריערדיקן שמועס — די רענאַ־מאַשין איז דאָך נישט מיינע. איך האָב זיך געביטן מיט אַ קרוב, אַ געבענטשטער מיט אַ סך קינדער; ער איז געפאָרן אויף פסח קיין אילת. האָב איך אים געבאָרגט מיין שטאַרקן קאָמערציעלן פאָרד — וואָס ווערט אגב צונויפגעשטעלט אין ישראל — און גענומען זיין קליינעם און שוואַכן רענאָ.

ער האָט פאַרקלענערט דאָס ליכט און געלאָזט זיך נאָכן מערצעדעס, וואָס האָט ווייטער געלויכטן מיט פולער קראַפט און געוואָרפן אויף הינטן געגנוג וועגווייזערישן שיין.

זיי האָבן ביידע אונטערגעכאַפּט: והעיקר, והאַ־עיקר, לא לפחד, לא לפחד כלל.

זי האָט דערקענט פון הינטן דעם קאָפּ פון זשאַקן און פון נאָך צוויי פון זיינע פריינט, אויך מאַראָקאַנער, מיט וועלכע ער פלעגט אָפט פאַרברענגען.

אויפן ריזיקן קרייצוועג פון גולני האָט דער מערצעדעס זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט, זיך געוואַקלט אַ ווייל, ווי ער וואָלט געזוכט דעם וועג. דערנאָך געלאָזט זיך פאָראויס און אַראָפּצו, אין דער ריכטונג פון טבריה.

דער וועג איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, געדרייט זיך, געשלענגלט זיך, גענידערט, און אַקעגנגעטראָגן אַ ברונעמדיקן ווידערקול פון מערצעדעס־רעדער, וואָס שניידן זיך אַריין אין דער צעווינטיקטער נאַכט־שטילקייט, און פון אָפּגעריסענע לידער־קלאַנגען, וואָס דער־ווייטערן זיך, דערווייטערן זיך, און זינקען אין אַ טיפן און געדיכטן תהום.

— דער כינרת־שפּיגל, יואל! — האָט זי אַ פריידיקע פלוצעם אויסגערופן, אַנווייזנדיק אַראָפּ און אויף רעכטס.

— הוי כינרת, כינרת שלי — האָט ער גענומען אונטער־ברומען.

— ההיית או חלמתי חלום — האָט זי אויפגעזונגען אַ ווייטער־דיקע שורה פון דער באַרימטער כינרת־באַזינגערין, און איבער־געחזרט — ההיית או חלמתי חלום.

טבריה איז געשלאָפן. די לעמפּ אויף די וועגן, וואָס פירן אַריין אין שטאָט, האָבן געפינקלט מיט אַ מידן ליכט און געהוידעט זיך אויף ריזיקע מגן־דודס, אָנגעזאָגט אַז — כאָטש פאַרטון אין אַ נאַר־יום־טוב שלאָף — באַגריסט די הויפּטשטאָט פון נידערן גליל די געסט, וואָס קומען אין אירע טויערן.

אין צענטער פון שטאָט, נעבן דער פּאָסט, האָבן בליציקע רעפלעקטאָרן גענומען אין זייער בלאָ־ווייסן קרייצליכט די לעגענ־דאַרע דווידקע אויף איר הויכן פּאָסטומענט און געמאָנט דרך־ארץ פאַר די ניסימדיקע העלדן פון עצמאות־קאַמפּן. שרייאיק־צעצונדענע אותיות האָבן רעקלאַמירט כרמל־מזרחי מיט די ספּע־ציעלע כשר־לפסח ווײַנען, אביב האָט געלויבט די נייע קרישל־מצות, כשר למהדרין, וואָס אפילו אַן־צייניקע זקנים קאָנען באַניצן. שמעון דזשיגאַן האָט פאַרבעטן צו זיין חול־המועד פאַרשטעלונג, ווייל לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן. און חמי טבריה האָט פאַרזיכערט, מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן, אַז בעדער אינעם באַנייטן קוראָרט מאַכן נישט נאָר געזונטער, נאָר אויך יינגער.

די לבנה האָט געריסן די געוועבן, וואָס האַלטן זי אין קלעם, און געבליבן הענגען אויף צעשוימטע פעדעם־אויגן, ווי אַ פיש וואָס האַלט ביים באַפרייען זיך פון נעץ־געשפּאַן. דער כינרת־שפּיגל האָט אויפגעכאַפּט ברעקלעך פונעם גראַנגל און פאַרטראָגן זיי ווייט אויף די צעווינטיקטע הויכע רוקנס פון די כוואַליעס.

שאָטנס האָבן זיך געשאַרט סודותדיק צווישן די ביימער־רייען אין דער אַלעע, וואָס פירט קיין חמי טבריה. מסתמא גייען קורגעסט

שפּאַצירן, כּדי עס זאָל זיך זיי בעסער שלאָפן שפּעטער. און אפשר פּאַרליבטע פּאָרלעך, האָניק־חודשדיקע, סעניל־עראָטישע, אָדער צו־פּעליק־צונויפגעזיווגטע? אַ פויגל אָן אַ נאָמען האָט געזוכט אַן אוואַנטורע אין אַ פרעמדער נעסט און פאַריאָגט געוואָרן מיט בייז־קוויטשנדיקע קללות. שאָטנט ער איבערן וואַסער אַן אַנגע־בלאָזענער און זוכט אַ תּיקון צו זיינע נישט פאַרלאָשענע גלוסטן.

אַ חייל, מיט אַן עוזי אין איין האַנט און אַ שטאַרקע האַנטלאָמפּ אין דער צווייטער גיט אַ סימן זיך אָפּצושטעלן. ער וואַרפט אַ ליכטסנאָפּ אין די פּנימער, און הייסט פאָרן ווייטער.

2

ביים קרייצוועג, וווּ עס קלעטערט אַ שלאַנגוועג צום הר טבריה, אַרויף ביז פּוריה, און וווּ דאָס וואַסער פאַרבייגט זיך קניעדיק, אָפּדעקנדיק אַ ברייטן זאַמדבערג — אויטאָס רעכטס פונעם וועג און געצעלטן לינקס. איין אויטאָ נעבן צווייטן. איין געצעלט נעבן צווייטן. אַ צאַנקנדיקער לייכט־טורעם האָט זיך געהויבן איבער די געצעלטן און איינגעשלונגען געוואָרן דורך די שטאַרקע אויטאָ־ליכטער.

— עס איז גוט שפּעט — האָט ער געזאָגט — לאָמיר דאָ פאַרוועון נאַכט. עס זעט אויס אַ לייטישער קאַמפּינג.

— איך בין שלעפעריק — האָט זי געזאָגט מיט אַ צעגענעצט מויל — און מיד נאָך די נעכטיקע ארבע כּוסות.

— לאָמיר זוכן אַ פריי אָרט.

די רעדער האָבן זיך קוים געדרייט. זיי האָבן געזוכט אַן אָרט פאַרן אויטאָ און אויף אַוועקצושטעלן זייער געצעלט.

אין טייל געצעלטן און פּראָוויזאָרישע געוואַנט־ביידלעך האָבן דיסקרעטע ליכטער, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די וואַנט־

לער, און אינטימע פליסטערנישן פאַרראַטן די טעמפּעראַמענטן פון די, וואָס געפינען זיך אין זיי. אַ קינד האָט געוויינט שרייענדיק, ווי עס וואָלט געליטן פון צאָנווייטיק, בויכווייטיק, אָדער פון מורא. עס האָט זיך נישט געלאָזט שטילן. אַ געשנאָרך האָט געוואָרפן מיטן געוואָנט פון אַ געצעלט, ווי אַ שטורמווינט מיט שיף־זעגלען. געדיכט ביים וועג האָט זיך געטראָגן פון אַ געצעלט אַ מאָנאָטאָנע מוזיק, אַ דין־כוואַליעדיקע, אַהין־און־אַ־העריקע איינוויגנדיקע טענער פון "אויפן פּערסישן מאַרק"; מסתמא אַ פאַרבאַדינג, אָדער באַגלייט־באַדינג פאַר אינטימער עקסטאַז. אַ קליין הינטל האָט ערגעץ געבילט, ווי מ'וואָלט אים אָנגעטרעטן אויף אַ פיסל, אָדער אַן עקדיש וואָלט אים צעביסן.

זיין געצעלט איז קליין, קוים פאַר צוויי יונגע און דאַרע מענטשן, מיטלוווקסיקע — אָבער, ווי קליין דאָס אָרט זאָל נישט זיין, מוז מען עס צוערשט געפינען. די געצעלטן זענען געדיכט צעשטעלט, איינס רירט כמעט אָן דאָס צווייטע, די פיקסיר־שטריק פלאָנטערן זיך צונויף און די פאַרפעסט־שטאַנגען זענען אַפט שותפותדיקע. און דאָ און דאָרט, ווילדע קוסטעס, שטיין־אָנשיטן, הוילע פעלדזוברוכן.

— ווו געפינט מען דאָ אַן אָרט?

— און אַן אָרט פאַרן אויטאָ?

די אויטאָס זענען געדיכט צעשטעלט, זיי רירן זיך כמעט אָן. זייערע ליכטער זענען פאַרלאָשן. אינעם שיין פון די פאָדערלעמפּ פון רענאָ זען זיך אין אינגעווייד פון די אויטאָס, דאָ און דאָרטן, קעפּ צונויפגעפלאָכטענע, צונויפגעמישטע אברים פון יונגע מענטשן אין אַקראָבאַטישע פּאָזיציעס אויף די געזעסן. צי האָבן זיי נישט געפונען קיין אָרט אָנעקצושטעלן זייער געצעלט? צי האָבן זיי נישט געפונען גענוג אינטימיטעט אין אַ געצעלט? גענוג עקס־צענטרישקייט פאַר זייערע באַגערן?

אַ רגע האָט אויפגעבליצט ביי יעלן אונטערן שאַרבן דער רויטער מערצעדעס, זיינע באַקוועמע געזעסן, וועלכע מ׳האָט געקאָנט אויסלייגן ווי אַ ליגבעטל. זי האָט גיך אָפּגעטרייסלט פון זיך די אינטימע סצענעס און דאָס בילד פונעם פּאַרטנער, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרגעסן, פאַרשטויסן אויף תמיד.

זי האָט פּלוצעם באַמערקט אַ פרייען אָפּשטאַנד צווישן צוויי אויטאָס.

— אָט, יואל — האָט זי אויסגערופן אַ צופרידענע, און אַ גליקלעכע וואָס דאָס דערלויבט איר איינצייטיק איבערצוהאַקן די מחשבות — אָט, אַ פריי אָרט, יואל!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס אָרט איז געווען פריי, אָבער שמאָל. צו קליין אויף אַוועקצושטעלן זיין אויטאָ. אָבער גענוג ברייט אויף צו קאָנען אַדורכפאָרן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ זייטיקער, דיסקרעטער פעלדוועג, וואָס האָט געפירט אין אַ באַנאַ־נען־וועלדל, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן שכנותדיקן קיבוץ. ער האָט באַשלאָסן אַריינצופאָרן. יעל איז אַרויס און געהאָלפן אים מאַנעווורירן מיט די רעדער, אַז ער זאָל זיך דורכשטופּן, נישט פאַרטשעפּען. ווען דער הינטערטייל איז אַדורך, האָט ער פאַר־קערעוועט רעכטס צווישן צוויי רייען פון שיטער־צעשטעלטע באַנאַנע־ביימער.

דער צופאַל האָט געוואָלט אַז כמעט אויף דער זעלבער הייך פון וועג, האָבן זיי פּלוצעם באַמערקט אַ קליינעם פרייען שטח ביים ראַנד פון אַ לאַנגער ריי פון געצעלטן. דאָס אָרט איז געווען שמאָל, באַגרענעצט, צווישן דער אויסערלעכער וואַנט פון אַ גרעסערן געצעלט און עטלעכע געדיכטע ביימער, וואָס האָבן געוואָרפן אַ וואָלקנדיקן שאָטן און פאַרהוילן דאָס פרייע אָרט.

— אָט, אַ מזל, וואָס מיין געצעלט איז קליין — האָט ער געזאָגט — און וואָס כ׳האָב גוטע קאַצן־אויגן פון אַ קריגס־פּילאָט.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צום אויטאָ, גענומען דעם געצעלט. יואל האָט אים אויפגעלאָדנט אויפן רוקן. זי האָט גענומען אַ ריי קאַמפּינג־אַקצעסאַריעס. זיי האָבן זיך גענומען אויפשטעלן דעם געצעלט. אַ בייגלראַנד פון דער לבנה האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ בליציקער רייף פון כינרת, וואָס דער ווינט האָט פאַרקייקלט אַהערצו, און אַרויסגעהאָלפן זיי אין דער אַרבעט. זיי האָבן פאַרפעסטיקט די שטריק, פון איין זייט צו די דערנעבנדיקע געצעלט־שטאַנגען און פון דער צווייטער צו די ביימער. ער האָט פונאַנדערגעשטעלט דאָס מעטאַלענע פעלדבעטל אָנגעבלאָזן דעם פּנעומאַטישן מאַטראַץ. פונאַנדערגעוויקלט די פעלדקאָלדרע. פאַרבינדן אין אַ שלייף די אַראָפּהענגענדיקע עקן פון דעם ברעזענט־פאַרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט, ווי אַ באַוועגלעכע טיר, די דרייעק־עפענונג צום דרויסן צו.

און זיי זענען אַוועקגעפאַלן מידע אויפן געלעגער.

3

דאָס וועקן זיך פון פרימאָרגן האָט אים איבערגעוועקט.

פייגל האָבן זיך געזעגנט מיט דער נאַכט און אויפגענומען דעם אָנזאָג פון טאָג מיט שירה. צי באַדויערן זיי דעם סוף פון דער נאַכט, אָדער פרייען זיך גאָר מיט אים? צי באַגריסן זיי דעם טאָג־אָנזאָג, אָדער שרעקן זיי זיך גאָר פאַר אים? ווער ווייסט וואָס ער גרייט פאַר זיי? פאַראַן אַזוי פיל טענער און גאַמעס און אַזאַ כאַפּעניש און צונויפמיש פון אינטאָנאַציעס און אונטערטענער אינעם געזאַנג זייערן, אַז יעדער קאָן הערן דערין אַלץ, אָדער דאָס וואָס זיין געמיט פאַרלאַנגט.

יואל האָט צוגעהאַלטן פעסט די אויגן. ער האָט געפילט, אַז עס איז נאָך צו פרי פאַר אים, פאַר זיינע ביינער, זיין קאָפּ, זיין

הארץ. ער איז געווען שטארק מיד. האט ער דאך נישט געוווסט פון קיין אפרו א שיינע פאר חדשים, זייט ער איז ארויס פון חיל־אוויר און גענומען זוכן ארבעט. דערצו איז יעלס באפרייען זיך פון איר ליבע־אוואנטורע געקומען אזוי פלוצעם, אומפארהאפט. ער האט זיך נאך נישט באפרייט פונעם סיורפריז־שאק. ער איז געווען גרייט אפצווארטן א צייט, ביז זי וועט זיך צוביסלעך אויסניכטערן, באפרייען זיך פון די געפילן, וואס בינדן זי מיט איינעם, וואס האט פארנומען זיין ארט, ווען ער איז אוועק אין צה״ל. זייער באקאנטשאפט איז אייגנטלעך געווען א קורצע, אן אומשולדיקע, ווי פון פארטיי־יוגנטלעכע, וואס באגעגענען זיך אויף מיטינגען, זיצונגען, אויספלוגן... ער האט זיך געשראקן, אז איר פייערדיקער טעמפעראמענט וועט זי ארייננטרייבן אין די ארעמס פון א פיפיק־אויסנוצערישן בחור בעת זיין מיליטער־דינסט. אבער, בעת זיינע לופטפליען, לופט־מאנעווערס אדער אנגריפן, פלעגט ער באשליסן ביי זיך זיצנדיק ביים קאמאנד־אפאראט, אז ער וועט עס איר מוחל זיין, אז ער וועט נישט וועלן גארנישט וויסן — מיטן באדינג, אז זי זאל איבעררייסן אין גאנצן. וועט ער זיך ווידער דערנענטערן צו איר. ער וועט גאר נישט וועלן וויסן ווער, וואס, ווי... א סימן, אז זי האט יענעם נישט ליב געהאט. געווען נאר אן אוואנטורע אזא, אויף דער וויל. נישט מער. אויף אזא גיכע איבערקערעניש אין איר האט ער זיך נישט געריכט. און אז זי וועט פארשלאגן תיכף צו פארן אויף עטלעכע טעג, און נעכט, צום כינרת... עס איז א צו גרויסע איבערלעבעניש פאר אים, א צו גרויסע אויפטרייסלעניש, צוליב דער גיכקייט, צוליב דער פלוצעמדיקייט. א שטייגער — איינער איז קראנק, קרענקט און קרענקט, און דער סוף איז א פאטאלער, נו איז דער שאק נישט אזא גרויסער, ווייל מ׳האט זיך צוביסלעך צוגעגרייט צו דער עווענטואליטעט. אבער, ווען עמעץ פאלט אוועק פלוצעם און גייט אויס, איז די איבערלעבונג אין לשער, איבער די כוחות. אזוי, אויף גאר אן

אַנדערער פלאַר, איז מיט אים; אין דעם פאַל — אין אַ פאָזיטיווער ריכטונג. עס גייט אין דער ברוטאַלקייט פון דער געשעעניש, דער טיפקייט פון דער איבערלעבעניש...

יעל איז געשלאָפן. זי איז געלעגן אַזוי ווי זי האָט זיך געלייגט, אויף דער לינקער זייט. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך איבער־צודרייען, צו בייטן די פּאָזיציע. אַפילו ווען זי וויל, וואָלט עס איר אָנגעקומען שווער צוליב דער ענגשאַפט פונעם געלעגער. איר לינקער פוס איז אַראָפּגעהאָנגען און גערוט מיט דער פּיאַטע אויפן ערדענעם דיל. צי שלאָפט זי אַזוי פעסט צוליב מידקייט, אָדער צוליב אויסגעשעפּטע נערוון? לעבט דאָך אַ פרוי נאָך מער איבער דראַמאַטישע סיטואַציעס און קאָנפליקטן.

ער איז געלעגן געדיכט נעבן איר, אויף אַ זייט. איר לייב איז געווען הייס און דורכגענומען מיט אַ מין קעצישן געציטער לויטן ריטעם פון איר אָטעם. פון צייט צו צייט האָט אַ טיפער זיפץ אָפּגעהאַקט דאָס ריטמישע אָטעמען, זי האָט זיך אַ טרייסל געטון און אירע לאַנגע און צעשיטע האָר האָבן אַ כוואַליע געטון פאַר זיין פּנים מיט הנאה.

די זון האָט געפונען אַ וועג צו זייער געצעלט און אָנגענומען די פאָרעם פון אַ שמאָלן דרייעק, ווי דער אויבערשטער ווינקל פון לייכט־צעעפנטן ברעזענט־פאָרהאַנג. אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גאָלדענע זונפעדעם און עס איז געווען שווער צו וויסן וואָס איז וואָס.

דער שאָטן פון אַ מעווע האָט אַ פלאַטער געטון און אויף אַ ברעקל פון אַ רגע אָפּגעוואָנדן די שטראַלן פונעם צעשיינטן דרייעק. באַלד אַ צווייטער מעווע־שאָטן. זיי האָבן זיך געיאָגט אַרום געצעלט, געמאַכט ציטערן די לייכט־צעשפּאַנטע ווענטלער, לאַזנדיק הינטער זיך קורצע גאָרגל־טענער, וואָס האָבן געקלונגען מער ווי ברוגזע טענות, ווי פריידיקע פרימאָרגן־באַגריסונגען.

אַ טראַנסיסטאָר האָט זיך דאָ נישט ווייט צעגרילצט. אָן אומגעלומפּערטע, אָדער נישט־ אויסגעשלאָפענע האַנט האָט גע־זוכט זיך צו פאַרבינדן מיט דער וועלט, און די וועלט האָט געגרילצט, אַרויסגעלאָזן מאָדנע קוויטשן און בילערייען, ווי מען וואָלט זי געקוילעט. דערנאָך האָבן זיך געהערט אָפּגעריסענע טענער פונעם קלאַנגפּאַרשפּיל פון די חדשות. עמעץ קאָן נישט לעבן אָן דער רוטין פון הערן נייעס, נייעס וואָס זענען ווייט קיין רוטין נישט. אַ מין באַדינגטער רעפלעקס, אָן וועלכן מענטשן קאָנען נישט לעבן, גראָד ווי עס איז שווער צו לעבן אָן אויסרעגולירטע פיזיאָלאָגישע געברויכן, ווי עסן צו דער צייט, ווי אָפּגעבן אורין ווי נאָר עס כאַפּט דער פאַרלאַנג, גיין שלאָפן אין אַ באַשטימטער שעה. אַ מין אימפּעראַטיוו, אפילו בעת אַן אָפּרו. הגם אָפט דערוואַרטן סיורפּריזן אומאַנגענעמע, פול מיט שרעק, מיט אימה־דיקע פּאַראַנונגען. ווי דאָס לעבן סכנהדיק וואָלט געווען אַ מין באַשערטקייט, און געדינט אין דער זעלבער צייט צו הייבן די אָפּוועך־כוחות לכל צרה שלא תבוא.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. זיי האָבן זיך דערנענטערט גיך, פאַרביי דעם געצעלט און פאַרהאַלטן זיך דאָ דערנעבן. באַלד טריט נאָך גיכערע. וואָהין איילן זיך מענטשן אַזוי פאַר טאָגס? און פאַר וואָס ווערן זיי פּלוצעם אַנטשוויגן עטלעכע שפּאַן ווייטער? וואָס יאָגן זיי זיך אַזוי? די אַרבעט וואַרט דאָך נישט אויף זיי?

פּלוצעם האָבן זיך דערהערט קולות, צוערשט שטילע, בעטנ־דיקע: — נו, איילט זיך, שנעלער, איילט זיך צו!

דערנאָך באַפעלערישע: — נו, גיכער, גיכער; איך האַלט נישט אויס מער!

יואל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס געשעט דאָ אַזוינס. ער האָט זיך אונטערגעהויבן, אַנגעשפּאַרט זיך אויפן עלנבויגן און אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט געהערט אַ געמיש פון געבעט,

באַפּעל און קרעכצן, ווי פון מענטשן וואָס האָבן טענות, וואָס ליידן, וואָס בעטן הילף.

ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַראָפּגעגליטשט פון מאַטראַץ, צוגע־שאַרט זיך צום איינגאַנג, אָפּגעהילט דעם ברעזענט־פאַרהאַנג. אַ קילער ווינט האָט אַ ווייע געטון אין זיין פּנים און אָנגעיאָגט אַ פרישקייט צוזאַמען מיט אַן אומאַנגענעמען ריח, וואָס האָט פאַר־קרעמפּט זיינע נאָזפליגל און ליפּן. דער ריח איז געקומען פון דער רעכטער זייט, פון וואַנען עס זענען אָקאָרשט דערגאַנגען די קולות.

ער איז אַרויס און געבליבן אויף אַלע פיר פאַרן געצעלט.

ס׳האָט זיך געהערט אַ סקריפּ פון אַ טיר, וואָס עפנט זיך און מאַכט זיך תיכף צו. אַ פרישע כוואַליע פון אַן איבלדיק־עיפּושדיקן גערוך האָט אַ יאָג געטון אין זיינע נאָזלעכער. אַ פּרוי מיט שווערע טריט איז פאַרבייגעגאַנגען, געהאַלטן זיך ביים בויך און גערעדט צו זיך: ווען איך ווייס, אַז עס וועט מיך ווידער כאַפּן, וואָלט איך געזעסן אין שטוב... און אפשר איז עס די שולד פון דער מצה, פון די פּסחדיקע מאכלים?...

פון צווישן עטלעכע געדיכט־באַבלעטערטע אַקאַציע־ביימער האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער שוואַרצע פלעקן פון משופּעדיקע דעכלעך; דריי דעכלעך, אָפּגערוקטע איינס פון צווייטן אַ שפּאַן־צוויי. ערטערווייז האָבן זיך דורכגעריסן בלאָע פלעקן פון אַ ווענטל, אין די אָרעמס פון אַרומנעמענדיקע צווייגן און פרימאָרגן־שטראַלן. צופוסנס פון די ביימער — אַן אויסגעטרעטענער גראָזראַנד, און עטלעכע בלומען־קוסטעס, מיט לייכט צעעפנטע קעפּלעך פון פעלדרויזן.

יואל האָט אַריינגעצויגן טיפער די לופט, וועלנדיק פאַרוואַ־קירן דעם רויזן־ריח, אָבער אויף זיין אָרט איז צו אים דערגאַנגען אַ געמיש פון קאַרבול און סמאָלע, און נאָך אַ גערוך, וואָס איז

אַזוי איבלדיק און אַזוי שטאַרק אָפּשטויסנדיק, אַז שווער צו געפינען אַ פאַרגלייך.

אַ ייד, מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, גייט אַרויס פון צווישן די אַקאַציעס, בייגט זיך אַראָפּ, גיט אַ שאַר מיט אַ האַנט איבערן גראָז, זוכנדיק דעם חסד פון פרימאַרגן־טוי, און זיינע ליפּן פּרעפּ־לען: אשר יצר את האדם, את האדם, את האדם... און הייבט אויף זיינע הענט, ווי ער וואָלט אַרויסגעלאָזן אַ טויב צו די הימלען. — ואם יסתם, יסתם, יסתם אחד מהם, אוי, אוי, אוי ווי איז מיר, אי אפשר להתקיים, ווי איז מיר — להתקיים, להתקיים, טאַטע זיסער...

אַ פישער־שיפל איז געפאָרן פאַזע דעם ברעג, געמאַכט אַ רעש מיט זיין מאָטאָר, מיט די פאַרזשאַווערטע באַוועגטיילן. מיט פרישע כוחות האָבן פישערהענט געצויגן שווערע נעצן פון וואַסער, אָנגעלאָדן מיט צאַפּלדיקע פיש, מיט צעזילבערטן שוים, צעפּערלטע שופּן, און מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן ריח פון פישיויך.

4

ער האָט זיך אומגעקערט אויף די שפּיץ פינגער אין געצעלט. ער האָט זיך געהאַלטן איינגעבויגן, כדי נישט אָנצורירן די משופּע־וואַנט פונעם דרייעק. צי שלאָפט זי נאָך? זי מוז זיין מיד. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף. אירע לאַנגע האָר האָבן פאַרדעקט אַ האַלבע באַק און אַ גאַנץ אויג. די צווייטע העלפט פון פּנים האָט זיך געטונקען אין זון. אירע נאַזלעכער זענען געווען צעשפּרייט און די נאַזפליגל האָבן זיך באַוועגן ווי ביי איינעם וואָס ציט ריטמיש די לופט בעת אָטעם־איבונגען. די קאָלדרע האָט זיך געהויבן און געבידערט לויט דעם זעלבן ריטעם. זעט זיך אויס, אַז ערשט איצט רוט זי זיך אויס. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן אויף אַ זייט, נישט געקאָנט זיך רעבט אויסרוען.

— נו, זאָל זי שלאָפן, געניסן פון דער גרויסער גענאָד פון אַ פרימאָרגן־שלאָף ביים סאָמע ברעג פונעם כינרת.

הוי, כינרת שלי

ההיית או חלמתי חלום...

ער האָט געברומט אין זיך דעם ניגון פונעם כישוף־ליד און געדוכט האָט זיך אים, אַז די ווערטער מיינען נישט דעם וואַסער־שטח אַרום, נאָר זי — יעל, וואָס איז זיין חלום. איז טאַקע זיינע, יעל? ער האָט קוים געוואָגט חלומען וועגן איר. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זי פאַרגעסן אין מיליטער. ער האָט צו איר געשריבן צו איר געבוירנטאָג, צו אַ יום־טוב, ראש־השנה ברכות. איר געוווּנטשן צום פאַרענדיקן מיט הצלחה דעם קורס ווי אַ קינדער־גערטנערין. זי האָט אים געענטפערט מיט אַן אָפן קאַרטל און עטלעכע יוצא־ווערטער. קומענדיק נאָך אַ האַלב יאָר אויף חופש, האָט ער געהערט, אַז זי גייט אַרויס מיט עמעצן. האָט ער גאָרנישט געפרעגט, פאַרקירצט דעם אורלאָפּ, און מער נישט אומגעקערט זיך אַהיים ביזן סוף פון דינסט. די עלטערן זענען אים געקומען זען אין זיין איינהייט, אין דער סביבה, בעת זיינע פרייע טעג.

„ווייסט, יואל יקירי" — האָט דער טאַטע איבערגעחזרט בעת יעדן באַזוך — „מ'ווערט נישט יינגער, ווערט מען נישט. מ'דאַרף טראַכטן תכלית, יואלקע".

— וואָס ברענט, אבא, וואָס?

„מיר האָבן פאַרלוירן איבער אַ מיליאָן קינדער; און די אַראַבער מערן זיך און מערן זיך... מ'וויל נאָך דערלעבן נחת. מ'דאַרף אויפשטעלן נייע דורות. נישט אָפּשלעפּן, בני יקירי".

„נחת, יואלקע. נייע דורות, נייע דורות, יואלקע" — האָט די מאַמע נאָכגעזאָגט דעם טאַטנס בקשות.

אַ פרישע כוואַליע פונעם שאַרפן ריח האָט אים אַ יאָג געטון אין פנים אַריין. ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיין רענצל אַ פעקל

ציגאַרעטן, געזונטמען איינעם, גענומען דעם צינדער און אַרויס פֿאַרן געצעלט. ער האָט אָנגעצונדן און פֿאַרצויגן. דער ריח פֿון ווירגיניאַ־טאַבאַק האָט פֿאַרטריבן אויף אַ ווייל דאָס אומאַנגענעמע געפֿיל.

ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט צעלייגט זיין געצעלט אָט־דאָ. ער קאָן דאָך נישט כסדר רייכערן ציגאַרעטן. און זי, יעל, רייכערט דאָך נישט. ער האָט זיך אויסגעלערנט רייכערן אין מיליטער. דאָס האָט צוגעגעבן מוט צום פֿליען, בפֿרט צו די פֿלי־עקספּעדיציעס איבער דער פֿיינטלעכער טעריטאָריע. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט זיך צוגעוווינט רייכערן, וואָס ווערט אַזוי אָפּגעפֿרעגט דורך דער מעדיצין. ער האָט זיך געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פֿאַרקלענערן די צאָל ציגאַרעטן נאָכן אַרויסגיין פֿון דער אַרמעע. איצט איז ער צופֿרידן, וואָס ער האָט נאָך נישט אויפֿגעגעבן אין גאַנצן דאָס רייכערן.

וואָס וועט זי זאָגן, ווען זי וועט זיך איבערוועקן. קיין ספֿק נישט, אַז זיי וועלן מוזן אַוועק פֿון דאָ, זוכן אַ ניי אָרט ביים כינרת. איצטער וועלן זיי שוין זוכן ביי טאָג, זיך גוט אַרומקוקן.

דער עק פֿון ציגאַרעט האָט זיך דערנענטערט צו זיינע ליפּן און געזונטמען בריען. ער האָט אים אַ שליידער געטון מיט אַ שפּיי וווייט אַוועק, צוגעקוקט ווי ער פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַש און מישט זיך אויס מיטן פֿליאַזשע־זאַמד.

ער האָט געפֿילט אַ חשק צו נאָך אַ ציגאַרעט. ער וועט זיך אָבער מוזן איינהאַלטן ביז זי וועט זיך איבערוועקן.

אינעם דערנעבנדיקן געצעלט האָבן זיך פּלוצעם דערהערט גרילצנדיקע טענער געמישט מיט אַ זלידנעם געפּייף, און באַלד דערנאָך — אַ באַקאַנטער פּרויען־קול, וואָס האָט געגעבן צו וויסן די לעצטע נייעסן. יקרות. אַלץ שטייגט. אינפֿלאַציע. יורדים. נושרים. ווו איז די עליה? פֿאַר וואָס זענען יידן נישט עולה? ווידער אַ פּצצה, אַ טעראָריסטן־אויפֿרייס, אָבער אָן באַשעדיקטע. געעפֿנט

זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער בלומען־פעסטיוואַל אויפן כרמל. די קינדער פון די פאַרשולן אין חיפה, מיט בלאָ־ווייסע פאַנטאַזיע־הוטן אויף די קעפּלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער פאָרעם פון אַ ריזיקן מגן דוד, און ביי די זייטן — קינדערלעך פון קינדער־גערטנער — מיט רויזן־קרוינען, אויסגעזעצט פון איין זייט אין דער פאָרעם פון די אותיות פון שלום און פון דער צווייטער — סאַלעם, אויף אַראַביש. קינדער ברענגען דורך בלומען די בשורה פון שלום און פאַרברידערונג. קינדער...

צי האָבן זיך אויך באַטייליקט דערין די קינדערלעך פון יעלס קינדער־גאָרטן? ער זעט זי ווי זי זיצט אויפן גראָז, אין שטאָטפּאַרק, אַרום איר — קינדער אין אַ קרייז, און זי לערנט מיט זיי אַ ליד. די קינדער זינגען און קלאַפּן צו מיט די הענטעלעך.

ער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, אַ פאַרטראַכטער, אַן אַנטוישטער, וואָס ער קאָן נישט געפינען קיין אַרבעט; שוין דריי חדשים אַ באַפרייטער פון דער אַרמיי. ער האָט פּאַפּירן נישט נאָר ווי אַן ערשטראַנגיקער פּילאָט, נאָר אויך ווי אַ מאַשינען־מעכאַניקער און עלעקטראָטעכניקער, פאַכן וועלכע ער האָט זיך געלערנט בעת די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר פון זיין מיליטער־דינסט. און גאָר־נישט. ער האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין עסקאַדרע־שעף צו אַן עלעקטראָניק־אונטערנעמונג אויפן כרמל. און אָט גייט ער צוריק מיט נאָך אַן אָפּזאָג. שווערע צייטן. די לאַגע פון דער פירמע איז אַ קריטישע. האָט ער געזוכט אַנטשפּאַנונג און אַ באַלזאַם פאַר זיין פאַרוווּנדיקטן שטאָלץ און פאַר זיין צעשפּאַרנדיקער קרענקעניש אינעם רחוותדיקן גאָרטן, צווישן די ביימער, ביי די בלומען־קווייטן און געפלעגטע גראָז־בייטן.

האָט ער פּלוצעם דערהערט די קינדער־שטימעלעך, די קינדער־הענטעלעך.

און ער האָט זי דערזען.

זי האָט זיך כמעט נישט געענדערט בעת די קנאַפּע פינף יאָר. אפשר איז איר ביוסט געוואָרן פולער? דאָס פּנים האָט זיך, דוכט זיך, אויסגעצויגן און די באַקן לייכט איינגעפאַלן, אָבער די נאָז און די אויגן זענען די זעלבע. זיי האָבן אפשר פאַרלוירן עפּעס פון זייער אַמאָליקע ווילדקייט און אומרו? דער האַלב-פּאַרוונ-דיקטער נאָזשפּיץ זעט ווייטער אויס ווי ער וואָלט זיך באַוועגן ביים רעדן, אָדער אַרגומענטירן בעת אַ לעבעדיקער דיסקוסיע. און די אויגן פינקלען און רייצן אַרויסרופעריש ווי אַ מאָל, ווי בעת די אסיפות אינעם קלוב, אין דער פּאַרטיי. נאָר פאַראַן עפּעס אַ מין אומעט אין די אויגן-ווינקלען, וואָס ציט זיך אַראָפּצו און פאַלט זיך צונויף מיטן שאָטן, וואָס אַרום די איינגעפאַלענע באַקן.

— יואל! — האָט ער פלוצעם געהערט רופן זיין נאָמען, און דערקענט איר קול, וואָס האָט זיך כמעט נישט געביטן; אפשר אַ ביסל קרעפּטיקער געוואָרן — איך וואָלט געשווירן, יואל!

די קינדער זענען אַנטשוויגן געוואָרן און זי איז פלוצעם אויס-געוואַקסן נעבן אים. זי האָט אים אַרומגענומען, געדריקט פעסט צו זיך. ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער.

— ביסט פאַרבליבן דער זעלבער שעמעוודיקער, אומדרייס-טער בחור, יואל, ווי אַ מאָל. עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז דאָס ביסט דו, דער אויסגעצייכנטער פּילאָט, מיט אַזוי פיל העלדישע אויפטוען, וועגן וועלכע די גאַנצע פּרעסע האָט געשריבן.

— האָסט טאַקע געלייענט דערוועגן, יעל — האָט ער גע-פרעגט מיט אַ טאָן פון באַשיידנקייט און זשענירטקייט — אויף אַן אמת, יעל?

— אויף אַן אמת. איך האָב געוויזן זשאַקן, און געריי צט זיך מיט אים...

— וועמען געוויזן, וועמען?

— זשאַקן, אָבער נישט וויכטיק. גוט, אַז ביסט צוריקגעקומען. געוועזן שוין צייט.

— שוין צייט, זאָגסטו? פֿאַר וואָס שוין צייט, יעל?

די קינדער זענען אויסגעוואַקסן נעבן זיי, געשטעלט זיך אין אַ ראָד אַרום זיי, געגעבן זיך די הענטלעך און גענומען טאַנצן שפּרינגענדיק. יעל האָט דערלאַנגט אים די האַנט און אַריין מיט אים אינעם טאַנץ. און ער האָט נישט געהערט איר תּשובֿה אויף זיין פֿראַגע, נישט אויף דער ערשטער און נישט אויף דער צווייטער.

ער איז צו מאָרגנס ווידער געקומען אין שטאָטפּאַרק. זי האָט געדרייט זיך צווישן די קינדער, איינשטודירט מיט זיי אַ ניי ליד, אַ פּסח־ליד פֿון עומר. די קינדער האָבן געזונגען, געבוקט זיך נידעריק און באַוועגן מיט די הענטלעך, ווי זיי וואָלטן אָוועקגעלייגט אויף אַ בימה, וואָס איז געווען אין זייער פֿאַרשטעלונג, פֿריש־געשניטענע זאַנגען, דעם ערשטן שניט, די ערשטע פּרוכטן. און זייערע שטימעלעך האָבן געקלונגען, געקלונגען, ווי כּישוף־גלעקלעך אין די וווּנדער־מעשׂיות פֿאַר גוט־דערצויגענע קינדער...

צי זענען אירע קינדער אויך דאָרטן, מיט רויזן־קרוינען אויפֿן קאָפּ? צי זענען עס זייערע שטימעלעך, וואָס ער הערט? ער האָט זיך דערנענטערט צום שכנותדיקן געצעלט, כּדי בעסער צו הערן דעם רעפּאָרטאַזש פֿון דער דערעפֿענונג פֿון דער בלומען־אויסשטע־לונג. עס רעדט דער נשׂיא. ער רעדט אַלעגאָריש וועגן בלומען, וועגן שלום — שלום איןביידע שפּראַכן, און וועגן קינדער. עס רעדט דער ראש העיר. קינדער דערלאַנגען בלומען־בוקעטן דעם נשׂיא. אַ קינד זאָגט אַ פּאָר אויסגעלערנטע ווערטער מיט אַ ציטערדיק שטימעלע, ווי אַ כּישוף־גלעקעלע. איז עס אַ קינד פֿון יעלס קינדער־גאָרטן?

5

— יואל! — האָט ער פּלוצעם דערהערט איר שטים — איך זוך דיך אַרום.

זי איז געשטאַנען נעבן אים אין אַ באַד־קאָסטיום, מיט אַן אָפּגעדעקטן נאָפּל און ברייט־צעעפנט מויל. זי האָט אויסגעצויגן די אָרעמס, אָנגעשפּאַנט די בריסט־העלפטן און מיט צעברעקלטע זילבן געזאָגט: — טו אָן די באַד־היי־זע־לער, לאָ־מיר זיך גיין באָ־דן.

זי האָט פאַרמאַכט דאָס מויל מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער פאַרקוועטשט די נאָזלעכער.

— עס שטינקט — האָט זי געזאָגט און זיך אָפּגעטרייסלט מיט עקל.

יואל איז אַוועק אין געצעלט זיך איבערטאָן.

זי האָט זיך דערמאָנט איר לעצטן קאַמפּינג ביים כינרת, מיט זשאַקן. דאָס איז געווען אויף יענער זייט, נישט ווייט פון עין־גב. געווען דריי פרייע טעג פון שולע, צוליב פּורים. אַ זון האָט געסמאַליעט און דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, די כוואַליעס האָבן געגלעט ווי אַ ציטערדיקע האַנט פון אַ געליבטן, און ער האָט צו איר גערעדט שווימענדיק. ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט וועגן זיין פּלאַן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אומקערן זיך צוריק קיין מאַראָקאָ. ער האָט שוין גענוג ישראל, מיט די וואָס אַ מאָל גרעסערע שוועריקייטן צו מאַכן געלט. ער האָט שוין גענוג געלט אין דער שווייץ, פון פריער באַוויזן אָנצוזאַמלען און אַרויסצושיקן. די גאַלאָפּירנדיקע אינפלאַציע, די שטרענגע קאָנטראָל פון די טראַנזאַקציעס האָבן באַגראָבן זיינע עקספּאָרט־אימפּאָרט געשעפטן. און זיין הויפּט־פּרנסה, דאָס גאַראַזש־פּאַך, לעבט איבער אַ גרויסן קריזיס. בענזין קאָסט וואָס אַ מאָל טייערער, קויפט מען קיין אויטאָס

נישט און די אַלטע לאָזט מען שטיין, מ׳פֿאָרט מיט אויטאָבוסן, מיט דער באַן, מ׳גייט צו פֿוס... אין דער צייט, ווען דער קעניג פֿון מאַראָקאָ רופֿט צוריק זיינע יידן. דאָרטן איז בענזין ביליק, דאָס לאַנד פּראָספּערירט, און די גאַראַזשן שיטן אָן בערג מיט געלט...

זי האָט אויסגעהערט. געשוויגן. זיינע רייד זענען געפֿאַלן אויף איר ווי שווערע שטיינער. זי האָט געפֿילט ווי זיי דריקן אויף איר, שווערן אַראָפּ און אָט גייט זי אונטער. ער האָט אונטער־געשטעלט זיינע אָרעמס, זי אונטערגעהויבן און געלאָזט זיך שווימען מיט איר צום ברעג. זי האָט דעם גאַנצן טאָג נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון מויל. זי האָט געפֿילט ווי אַ קנויל האָט זיך אַריינבאַקומען הינטערן ברעטל, פֿאַרשטאָפּט די אָטעמרער, און האָקט איבער דעם קול. זי האָט געפֿילט ווי אַ בליץ פֿון הימל האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין איר שיידל און פּאַראַליזירט אירע מחשבֿות.

ערשט אין אָוונט, ביים ליכט פֿון די ברענענדיקע קוילן פֿון פֿעלד־קיכעלע, האָט זי אַרויסבאַקומען דאָס איינציקע וואָרט — גנבֿ!

אונטער דער שוץ פֿון טונקעלן אָוונט, האָט ער זיך אונטער־געגנבֿעט צו דער פֿיש־סאַדזלקע פֿון רעסטאָראַן פֿון קיבוץ עין־גבֿ און געבראַכט פֿון דאָרטן צוויי ריזיקע קאַרפּן.

— נאָ — האָט ער געזאָגט באַפֿעלעריש — בראָט זיי אָפּ, דער פֿלאַם איז נאָך שטאַרק און דער הונגער נאָך שטאַרקער.

— גנבֿ! — האָט זי איבערגעחזרט און געבליבן אויף איר געלעגער.

— געבליבן נאָך דאָרטן אַ ים מיט פֿיש, איינער אויפֿן צווייטן. עס וועט נאָך סטייען און סטייען פֿאַר אַ וועלט מיט טוריסטן און חתונות... דער קיבוץ איז שוין געגנוג רייך, אַ דאַנק דער פֿיש־מסעדה; ער וואָלט געקאָנט אָפּקויפֿן דעם גאַנצן כרמל, מיט

טבריה אַריינגערעכנט. זאָרג זיך נישט. טאַ, וואָס פאַר אַ גנב בין איך עס ?...

ער האָט זיך אַליין געפּאָרעט ביים אָפּרייניקן, צוגרייטן די פיש, בראָטן זיי אינעם ספּעציעלן בראָטפאַן. אַ שאַרפער ריח פון צוגעברענטן פישפלייש האָט איר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין און אַ שטיקנדיקער רויך האָט געטריבן טרערן פון אירע אויגן...

דאָ איז נישט דער זעלבער ריח ווי דעמאָלט. עס איז גאָר אַן אַנדערער. ער עיפּושט. מ׳וועט מוזן אַנטלויפן פון דאַ, אַזוי ווי זי איז יענעם אָוונט אַוועק, געצוווּנגען אים צוריקצופאָרן אַהיים.

— זיי מוחל — האָט זי פּלוצעם דערהערט יואלס שטים. — די הייזלעך האָבן זיך ערגעץ פאַרוואָרפן, קוים זיי אָפּגעפונען אין דער ענגעניש פונעם געצעלט.

זי האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אירע שפּרינגענדיקע באָרוועסע פיס צום וואַסער. ער נאָך איר.

— עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ פליער צו בלייבן הינטער־שטעליק! האָט זי אויסגערופן שטיפעריש.

— אויב עס זענען מיר געבליבן פליגל פון חיל־אויר, זענען זיי ביי מיר אָפּגעהאַקט געוואָרן די לעצטע חדשים.

— איך וועל זיי דיר צוריקגעבן, די פליגל — האָט זי אים צוגעוואָרפן מיט איבערצייגונג און זיכערקייט אינעם טאָן.

זי איז אַריין אין וואַסער. ער אויך. זיי האָבן געלייגט קלאַפּטער. ער האָט זיך געהאַלטן אַ צייט אויף איר הייך און זיך באַמיט, אַז דער צעבלעזלטער וואַסערשוים זאָל נישט פאַלן אויף איר צעכוואַ־ליעטן קאָפּ האָר. זי האָט דערנענטערט איר לייב צו זיינעם, אים אָנגענומען ביי אַ האַנט: — נו, לאָמיר לייגן קלאַפּטער נאָר מיט איין האַנט יעדער, ווי אַ סיאַמער צווילינג — האָט זי געבעטן באַפּעלעריש.

עס איז אים געפעלן איר פֿאַרגלייך. ער האָט זיך באַמיט צו פֿאָלגן, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט נאָכטאָן אירע באַוועגונגען. ער האָט געוואָלט באַפרייען זיין האַנט פון אירער, אָבער ער האָט געפילט, ווי זיינע באַוועגונגען ווערן שוואַכער, ווי זיין אַקסל וואָלט פּאַראַליזשירט געוואָרן פּלוצעם. נאָך גוט וואָס זי האָט נאָכגעלאָזן זיין האַנט, ווען נישט וואָלט ער זיכער אונטערגעגאַנגען.

— איצטער לאָמיר זיך לאָזן אין אַ וועטגעלויף, ווער וועט ווען איבעריאָגן — האָט זי זיך שטיפעריש צעלאַכט, מיט אַ מויל פול מיט זילבער־זוניקן שוים.

לייגן קלאַפּטער איז געווען זיין ספּעציאַליטעט. ער האָט תמיד גענומען דעם ערשטן פּרייז אין דער אַרמעע. און נישט אין זיס וואַסער ווי אין כינרת, נאָר דווקא אין אַצעאַן־וואַסער. אויך בעת די שווים־פֿאַרמעסטן אינעם געדיכטן וואַסער פון ים המלח איז ער געווען צווישן די ערשטע.

ער האָט אַ צייט זיך געהאַלטן נעבן איר און צוגעהערט צו איר לאַכנדיק־צעפּערלטע שטים־ברעקלעך. ער האָט געפילט אין זיי אַ מין טריומף, אַ מין אָפּחוזקן פון אַ שוואַכערן פון זיך.

— נו, ווער וועט ווען איבעריאָגן? — האָט זי אַריינגעשריגן אין זיין אויער.

ווי ער וואָלט באַקומען אַ פעסטן שמיץ, ווי אַ פערד בעת אַ וועטגעלויף, האָט ער גענומען באַוועגן מיט אַלע גלידער, מיט די הענט, מיטן קאָפּ, געשטויסן דאָס וואַסער פאַראויס, געשניטן מיט די הענט ווי מילפליגל אויפן ווינט, געבלאָזן עס פון זיך, אָפּגעשטופּט זיך מיט די פיס און געיאָגט דאָס וואַסער אויף הינטן, אַזוי ווי ער האָט עס געטון בעת די שווים־קאָנקורסן אין דער אַרמעע, בעת דעם לעצטן פאַרמעסט צווישן דעם לופט־און ים־פלאָט.

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט אויף הינטן, איז זי געווען ווייט,

גאָר ווייט; ער האָט קוים אַרויסגעזען איר קאָפּ צווישן די כוואַליעס, קוים געזען איר האַנט, וואָס רופט אים צוריק.

ווען ער איז ווידער געווען נעבן איר, האָט זי אויסגעשריגן אַ צופרידענע און מיט אַ טריומפירנדיקער שטים: — בראַוואָ, יואל, בראַוואָ! זעסט, איך האָב דיר שוין צוריקגעגעבן די פליגל, זעסט איך האָב דיר געזאָגט. בראַוואָ!

6

זיי האָבן גענומען שפּרייזן לענגאויס דעם ברעג, וואָס האָט זיך געטונקען אין זון.

— ווען די באָד־בגדים וועלן אויסטריקענען, וועלן מיר גיין עפּעס אָפּבאַפּן, איך האָב געבראַכט אַ טערמאָס מיט קאַפע, מצה און צוקערקוכן. און מיר וועלן איינפּאַקן. עס פאַרגייט יעדע הנאה צוליב דעם גערוך — האָט זי געזאָגט.

— ביסט גערעכט — האָט ער מסכים געווען — מיר וועלן זיך נאָך אַ ביסל אויסרוען און זיך מאַכן אין וועג אַריין.

די געצעלטן האָבן זיך צעעפנט און אַריינגעלאָזן דעם טאָג מיט זיין גאַנצער פּראַכט, צוזאַמען מיטן הימלגלי און כינרת־בלאָ. יונגע מענטשן און קינדער זענען זיי אַקעגנגעלאָפן, באַגריסט דעם טאָג מיטן קנאַקן פון די אויסגעצויגענע גלידער, און געלאָזט זיך צום וואַסער. ווער איז געבליבן שטיין ביים ברעג, און צוביסלעך אַריין וואָס ווייטער, און ווער האָט אַריינגעלאָפּירט אין דער טיף און געבליבן בלויז מיטן קאָפּ אין דרויסן, אַ באַוועגלעכער באַלעם מיט אַ גילדענער שטראַלנקרוין און אַ צעזילבערטן שוים־קראַנץ אַרום אים.

ביי טייל געצעלטן האָבן זיך באַוויזן פעלד־טישן און שטולן. מ'האָט געגעסן פרישטיק, טאָמאַטן, ירקות כלערליי, אייער, מצה

און צוגעטרונקען, טיי, קאַפּע, משקאות פון פלאַשן.

יעל איז שיער אַרויף אויף אַ ליידיקע פּושקע פון סאַרדינען, וואָס איז געלעגן מיטן אויפגעריסענעם בויך אַרויף. נאָך גוט וואָס יואל האָט זי צוריקגעהאַלטן ביים אָרעם, ווען נישט וואָלט זי זיכער באַשעדיקט אַ נאַקעטן פוס אין אַ שאַרפן קאַנט פונעם בלעך.

— מענטשן פירן זיך אויף ווי חזירים, ווי הפקר. פאַראַן אומעטום צעהאַנגענע מיסטזעק און זיי וואַרפן אַזאַ מסוכנע זאַך אינעם רשות הרבים — האָט יואל באַמערקט בייז. און צוגעגעבן — און כ׳ווייס נישט בכלל צוליב וואָס דווקא קאַנסערוון אויף פרישטיק.

— צוליב וואָס? — האָט יעל איבערגעחזרט זיין פראַגע און געענטפערט מיט אַן אַנצוהערעניש — אַז זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו לויפן...

יעל האָט זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט. זי האָט באַמערקט נעבן אַ געצעלט, אין אַ ליגשטול אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט איר אויסגעזען זייער קענטלער. זי איז געזעסן און געשטריקט. אירע אַלטע פינגער זענען געגאַנגען געשיקט אַהין און אַהער און די נאָדלען האָבן זיך באַוויגן מיט דער גענויטקייט פון מעכאַנישע שפּין־דראָטן. זי האָט עס געטון אויסנווייניק, ווייל די אויגן זענען ביי איר געווען אָפּגעהויבן פון דער וואָל און פון געשטריקעכץ, און ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געקוקט אויף איר.

— יעל! — האָט זי די ערשטע אויסגערופן מיט פרייד, ווי ווען מ׳געפינט אָפּ אַ נאָענטע קרובה, וואָס מ׳האָט לאַנג אַרומ־געזוכט — כ׳וואָלט געשווירן, אַז דאָס ביסט דו, יעל, דער פּאָרטרעט פון דיין מאַמען, דיר צו לאַנגע יאָר.

— פייגע! — האָט יעל זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר — כ׳וואָלט געשווירן, בהן שלי. פייגע, די לאַנדסמאַנקע. ווו זייט איר לעצטנס? און וואָס טוט איר דאָ?

— אריה איז אַריין אין אַ ווילדע מיט אַ בלומען־גאָרטן אין טבעון. בעסערע לופט דאָרטן פאַר די קינדער, ווי אין קויטיקן און רעשיקן חיפה. מיטגענומען די אַלטע מאַמע, די אלמנה, מיט זיך. מיטגעקומען איצט צום כינרת אויף פסח. ער האָט מיטגעבראַכט זיין יאַכט־שיפל, איז ער אַ גאַנצן טאָג, אריה מיט חמדהן, זיין ווייב, און קינדער, אויפן וואַסער; מ׳שיפט זיך, מ׳ברענט זיך אויף דער זון, מ׳כאַפּט פיש, מ׳עסט און מ׳רוט... מיר איז בעסער דאָ. מיר דרייט זיך דער קאָפּ אויף אַ שיף, קריג ים־קדחת.

— און וואָס מאַכן די אַנדערע קינדער, זאב — דוכט זיך אַוועק קיין אַמעריקע. און אַביגדור, וואָס איז אויך אַוועק ערגעץ אין חוץ לארץ...

— אין אויסטראַליע. עס גייט זיי גוט. זיי שרייבן, אַז זיי רעדן מיט די קינדער עברית, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן לשון־קודש.

— זיי רעכענען צוריקצוקומען?

— פון דיין מויל און גאָטס אויערן. זיי שרייבן אַז יאָ — זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און צוריקגענומען די נאָדלען צווישן די פינגער.

— דאָס ענדיק איך אויס סוועטערס פאַר די אייניקלעך, און באַלד נאָך פסח שיק איך זיי אַהינצו; זאָלן זיי נישט פאַרגעסן די אַלטע סבתא, זאָלן נישט פאַרגעסן אונדזער לאַנד, אונדזער הייליק לאַנד.

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און גענומען באַוועגן מיט די נאָדלען. יואל איז געשטאַנען עטלעכע שפּאַן פון זיי און באַוואונדערט דאָס איידעלע פנים פון דער אַלטער פרוי, אירע לייכט־באַזילבערטע האָר, און אירע קלוגע אויגן, וואָס זי האָט נישט אַראָפּגענומען פון יעלן און טיילמאָל געוואָנדן אין זיין זייט. זי האָט געהאַט אַ טיפע, מענלעכע שטים, און זי האָט זיך באַנוצט מיט איר, ווי עס וואָלט איר נישט אַרן, וואָס מענטשן הערן זיך צו. פלוצעם האָט זי צוגערופן נאָענטער צו זיך איר מיטשמועסערין, און אַראָפּ־

געענידערט איר קול. ער האָט דאָך באַוויזן צו דערהערן איר פראַגע:
— און דיין זשאַק וואָס מאַכט, האַ? און אויך יעלס תשובה: — געענדיקט, אַ סוף. נישטאָ מער זשאַק!

יואל האָט פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך אין סודות, און אַז ער דאַרף נישט זיין דערביי. ער האָט גענומען שפּרייזן פאַראויס.

— האָסט געמאַכט אַ גוטן טויש, יעל, מיין טייערע. נישט וואָס כ׳האָב נישט ליב קיין פרענקען. זיי זענען פּונקט אַזעלכע גוטע יידן ווי מיר זענען, ווי אונדזערע קינדער. זיי זענען אַ ביסל פויל, זאָגט מען. אָבער זיי זענען גוטע סאָלדאַטן. וואָס איז זייער שולד, אַז זיי קענען נישט קיין יידיש. ווו האָבן זיי געזאָלט זיך לערנען יידיש, צווישן די אַראַבער? נאָר וואָס, פאַר קיין איידעמס וואָלט איך זיי נישט געוואָלט נעמען; פאַר קיין שנורן אויך נישט. ווי טענהט דיין טאַטע: ער וועט נישט האָבן קיין מחותנים. גיי, פאַרשטיי זיי, מיט זייערע באַניעקערן, חומוס, קוסקוס, פייערדיקע קציצות און אויסטערלישע מאכלים, וואָס האָבן קיין יידישן טעם נישט. און מיט וועמען אויסצורעדן אַ יידיש וואָרט וואָלט ער אויך נישט געהאַט, דער טאַטע. נו, דאַרף ער זיין גליקלעך, דער טאַטע... ער וועט זיך איצט גיכער אויסהיילן פון זיינע אַסטמע־אַטאַקעס. דיין זשאַק האָט אים געקאָסט געזונט...

יעל האָט באַמערקט, אַז יואל איז אָפּגעגאַנגען ווייט, דערוויי־טערט זיך נאָך מער, איז זי צוגעפאַלן צו דער אַלטער, צוגעדריקט צו זיך פעסט, אַ קוש געטון אין ביידע באַקן, און געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ נאָך יואלן.

— אַן אַלטע באַקאַנטע — האָט זי געזאָגט, ווען זי איז געווען נעבן אים. — זי האָט זיך געשדכנט צום טאַטן, נאָך דער מאַמעס ערשטער יאָרצייט. אָבער עס איז נישט געוואָרן דערפון. זי האָט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל איר פאַרשרייבן אַ האַלב פאַרמעגן, די דירה, און אַ העלפט פון די דייטשע מאַרקן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין באַנק אַזוי פיל יאָרן, פון דער דעפּאָרטאַציע־

רענטע; נישט אַנדערש. האָט דער טאַטע געזאָגט לא, דאַרף מען נישט. די דירה און די פּרעמדע וואַלוטע פון די לאַגער־יאָרן, פון האָבן געזען דעם טויט פאַר די אויגן הונדערט מאָל אין טאָג — געהערט נישט צו קיין אַנדערן ווי צו מיין איינציקער טאַטער. און נישט צו קיין פרעמדער, נישט קיין פרעמדער, וואָס האָט נאָך דערצו קינדער־יורדים. נישטאָ קיין גרעסערע פּלאָג ווי קינדער־יורדים, ווי דאָ געבוירענע בפרט, וואָס זענען בוגד אין לאַנד און מדינה. און פאַר די בני־ירידה זאָל גיין, מיט דער צייט, מיין פּראַצע, מיין בלוט, מיין ירושה? — קיין מאָל נישט, בשום אופן נישט, ווי כ'בין אַ ייד!

יואל האָט זי אויסגעהערט געדולדיק און מיט אינטערעס. ער האָט איר געוואָלט שטעלן אַן אומדיסקרעטע פּראַגע אין שייכות מיט אַ נאָמען, וואָס איז אַט ערשט דערמאָנט געוואָרן בעת דעם שמועס און בסוד, אָבער ער האָט נישט געוואָגט. ער האָט נישט געוואָלט אַנגיין אין אירע אויגן פאַר אַ נישט־דערצויגענעם, וואָס האָט זיך דערלויבט אונטערצוהערן אַ פרעמדן געשפּרעך.

7

אינעם שכנותדיקן געצעלט האָט זיך אַ קינד צעוויינט. עס האָט געמוזט זיין אַ וויכטיקע סיבה, ווייל דאָס געוויין איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ספּאַזמאַטישער, און דאָס איינגעמען דאָס קינד מיט געבעט און מיט געשרייען האָט נישט געהאָלפן.

יעל האָט איבערגעריסן איר פרישטיק און אַרויס פון געצעלט. זי האָט געמיינט ווער ווייסט וואָס פאַר אַן עוולה ווערט באַגאַנגען לגבי דעם קינד, אָדער חלילה צוליב אַ קרענק, אַ ווייטיק. זי האָט נישט געקאָנט הערן ווי אַ קינד וויינט. עס האָט כמעט קיין מאָל נישט פּאַסירט ביי איר אין קינדער־גאָרטן. יאָ, די ערשטע טעג, ווײנען

די קינדער ווען די מאַמעס ברענגען זיי צו פירן און פאַרלאָזן זיי תּיכּף. עס טרעפט טיילמאָל, אַז אַ קינד צעוויינט זיך, ווייל עס האָט זיך פאַרגעסן און באַנעצט זיך, נישט געקאָנט איינהאַלטן גאָזן. נו, האָט עס געדויערט אַ מינוט־צוויי. זי האָט געוווּסט, ווי צו באַרויִקן אַזאַ קינד. אָבער דאָ וויינט דאָס קינד אָן אויפהער.

— אפשר קאָן איך אייך העלפן? — האָט זי געפרעגט, אָפּ־דעקנדיק לייכט אַ פליגל פון איינגאַנג־לייוונט.

— איר זייט צופעליק אַ דאָקטערין? — האָט געפרעגט אַ מענערשטים.

— ניין — האָט זי געענטפערט, אַריינשטעקנדיק טיפער איר קאָפּ — איך בין אַ גננת, האָב צו טאָן מיט קינדער, קען זיך אויס אויף קינדער. אפשר וועל איך קאָנען שטילן דאָס קינד.

— זאָל זיך דאָס קינד אויסוויינען — האָט איר די זעלבע שטים געענטפערט — וועלן זיך די לונגלעך ביי אים אַנטוויקלען. אַ מיידעלע, פון קנאָפּע דריי יאָר, האָט זי געוואָלט מיטגיין מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך צום וואַסער, האָבן מיר נישט דערלויבט; די קינדער זענען נאָך אַליין קליין, מ׳דאַרף זיי נאָך צוהיטן.

זי האָט פּלוצעם דערהערט ווי פון אַ פעלדבעטל דערגייען צו איר שטילע ברעקלעך פון קרעכצן, פון צוגעשטיקטע וויינעניש, וואָס דעם קינדס וויינען האָט צוגעטויבט. זי האָט אָפּגעדעקט ברייטער דעם פליגל, אַריינגעלאָזן זון, און געזען אַ מאַן צופוסנס פון בעטל און אַ קאָפּ פון אַ ליגנדיקער פרוי, וואָס בייסט די ליפּן.

— מיין פרוי איז אין פערטן חודש, מיט איר זעקסטן קינד. זי האָט תּמיד אַ שווער טראָגן, זי ברעכט בעת די ערשטע חדשים. זי האָט שוין געהאַט אין גאַנצן אויפגעהערט און זיך גוט געפילט. פּלוצעם האָט זיך עס ווידער דערוועקט. און דאָס צוליב דעם עיפּוש־גערוך פון די לאַטרינעס... זי ליגט כּסדר אין בעט און

אַלץ, וואָס זי נעמט אַראָפּ, גיט זי תּיכּף צוריק, זי האַלט קוים איין וואַסער, פּליסיקייטן.

— אַ געמיינהייט אַוועקצושטעלן אַזוי נאָענט פון קאַמפּינג־שטח לאַטרינעס — האָט די פרוי באַשולדיקט די אַפּוטרופּסים פון כּינרת־ברעג.

— אַ פאַרברעכן — האָט ער גענומען רעדן מיט אַ בייז־אויפגערעגטן קול — מען וואָלט זיי געדאַרפט איינזעצן, באַשטראָפן. פאַראַן אַזוי פיל אָרט, אויף יענער זייט פון די אַקאַציעס, אַוועקצושטעלן די לאַטרינעס ווייט אַוועק און אויך מער ביימער פאַראַן דאָרטן.

— רעג זיך נישט אויף, ניסים — האָט די פרוי געבעטן — עס וועט אַדורך, עס גייט דאָך תּמיד אַדורך.

זעענדיק אַ פרעמדן מענטש, איז דאָס קינד אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער די פרוי איז פּלוצעם פאַרגאַנגען אין אַ קייכנדיקן הוסט, וואָס האָט געוואָרפן מיט איר. פון איר מויל האָבן זיך געריסן אַ געדיכטע שוים און אַן אויסטערלישער געשריי, וואָס איז געקומען פון בויך אַרויס; עס האָט אויסגעזען ווי זי וועט אויסברעכן דעם מאָגן צוזאַמען מיט דער צונג. איר מאַן איז גיך צוגעלאָפן, אונטער־געהויבן איר קאָפּ, אויסגעבויגן אים צו דער ערדענער דיל, כּדי צו העלפן איר אָפּברעכן. ער האָט זיך מיטגעטרייסלט מיט איר, מיטן בעטל, און מיטגעטרייסלט האָבן זיך אויך די ווענט פון געצעלט, געריסן זיך פון די דרויסנדיקע שטריק.

דאָס קינד איז אַראָפּ פון זיין בעטל און מיט אומדרייסטע טריטלעך דערנענטערט זיך צו יעלן. יעל האָט איר דערלאַנגט אַ האַנט, דערנאָך זי אונטערגעהויבן, צוגעדריקט פעסט צו זיך. דאָס קינד האָט מיט גלאַנציקע אייגעלעך געקוקט אויף איר, געווישט די טרערן פון פרייד, וואָס זענען געוואָרן בשפע, און זיך געבעטן:

— איך וויל צום וואַסער, איך וויל צום וואַסער, איך וויל אויך שווימען ווי זיי.

— נאָר נישט שווימען, גננת. נישט שווימען, מזל. דו הערסט! דו ביסט אַ גוטע, גננת. היט אָפּ דאָס קינד. כאַפּ אויך אַ בליק אויף די אַנדערע קינדער, זיי זענען נאָך אַזעלכע פּיצעלער — האָט דער פּאָטער געבעטן און באַגלייט זיי אַרויסצו.

פּאָרן געצעלט האָט געוואַרט אויף איר יואל. ער איז געווען אומרויִק. ער האָט נישט געוווּסט, הלמאי זי זוימט דרינען אַזוי לאַנג. דערזעענדיק זי, דערצו מיט אַ קינד נעבן בוזעם, אַ שוואַרצ־האָריק מיידעלע, אויגן פול מיט גלי, אַ הויט ברוין, ווי די שקיעה זון נאָך אַ רעגן, און אַ שמייכל צעגאָסן אויף איר רונדיקן און לייכט־צעציטערטן פּנימל — איז תיכף אָפּגעטרעטן פון אים דאָס קלענסטע קערנדל פון אומרו און זאָרג. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ זונהוט מיט אַן אַרויסשטייענדיקן בלאָען פּלאַסטיק־דעכל פון פאָרנט און אין דער האַנט געהאַלטן אַן ענלעכן הוט פאַר יעלן. ער האָט צונויפגענומען אירע לאַנגע האָר, פאַרלייגט אין אַ קנויל און אַרויפגעטון דעם הוט, פאַרדעקנדיק אַ שטיק שטערן. דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט אויף איר נאָז טונקעלע זונברילן און אויך אויף זיינער. דאָס קינד האָט געקוקט אויף זיי, ווי זיי האָבן פּלוצעם באַקומען אַ פּנים ווי פאַרשטעלטע, ווי אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך ווען זיי טון זיך אָן מאַסקעס — און איז אויסגע־בראָכן מיט אַ שטאַרקן געלעכטער.

— איך וויל אויך אַ הוט — האָט דאָס מיידעלע געבעטן, ווען דאָס לאַכן האָט זיך אויסגעשעפּט און אַנגעוויזן מיט אַ הענטל אויף די אויגן, נישט קענענדיק דעם אויסדרוק, וואָס באַצייכנט ברילן.

יעלן האָט ווייי געטון דאָס האַרץ, וואָס זי קאָן נישט גענוג טאָן דער בקשה פון קינד. כדי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט, האָט זי גענומען לויפן אַראָפּצו, צום וואַסער.

אירע צוויי ברידערלעך און צוויי שוועסטערלעך האָבן זי באַמערקט אָנקומען. זיי האָבן זיך געשטעלטביים ראַנד, געקוקט מיט אויגן פול מיט חידוש, געטריבן די זון פון פּנים און נישט פאַרשטאַנען.

— גננת — האָט מזל געוואָלט אַרויסהעלפן און אָנגעוויזן אַ צעשמייכלטע אויף יעלן, וואָס האָט זי אַראָפּגעשטעלט אויפן זאַמד.

יעל האָט זיך אָוועקגעזעצט, צוגערופן די קינדער, דערלאַנגט זיי די הענט און געבעטן יואלן ער זאָל טאָן דאָס זעלבע. פון דער וויטנס האָט זיך דערהערט די קוויטשנדיקע שטים פון אַ בחור, וואָס האָט רעקלאַמירט זיינע גלידה־פּעקלעך, און פאַרפרוירן נאַשוואַרג. יואל איז אים אַקעגנגעלאָפן און גיך צוריקגעקומען מיט אַ הוט אָנגעפולט מיט אַרטיק, פאַר יעדן איינעם פון די קינדער און אויך פאַר זיי ביידן, און אַ פּעקל פאַרפרוירן נאַשוואַרג אין אַ צונטער־רויטן זעקל. די קינדער האָבן גיך אַראָפּגעצויגן דאָס פּאַקפּאַפּיר. דעם יינגסטן קינד האָט יעל געמוזט אַרויסהעלפן. דערנאָך האָט יעדער גענומען אַרבעטן מיט צונג און ליפּן, אַכטונג געבן, אַז קיין טראָפּעלע זאָל נישט אַראָפּרינען אין זאַמד אַריין, און געגלאָצט מיט די אויגן צום צונטער־רויטן זעקל מיט אומגעדולד און נייגער.

8

יואל האָט גענומען יוסין און מאַרקן — אַזוי הייסן די צוויי עלטערע קינדער — ביי די הענטלעך און אַריין פּאַמעלעך אין וואַסער. זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי קענען גוט שווימען. זיי קומען יעדעס יאָר צום כינרת און שוין אַ לאַנגע צייט ווי דער פאָטער לאָזט זיי אַליין אין וואַסער. יוסי, דער עלטערער בחור, וואָס

גרייט שוין באַצייטנס זיין בר־מצווה, שווימט בעסער ווי זיין ברודערל, און כמעט אַזוי ווי דער אבא. דער אבא האָט שוין געקענט שווימען פון פריער, פון אַגאַדיר, וואָס ביים ים. ער האָט דערציילט, אַז אַן אַראַבער האָט אים אַנומלט נאָכגעיאָגט מיט אַ מעסער, איז ער אַריין אין וואַסער און זיך געראַטעוועט.

— פאַר וואָס האָט ער אים געיאָגט מיט אַ מעסער? — האָט יואל געפרעגט.

— ווייל ער איז אַ ייד — האָט געענטפערט אַנטשלאָסן מאַרק.

— ער האָט פאַרלאַנגט פון אבא זיין "פעי", ווי דאָס הייסט דאָרטן — האָט יוסי אויפגעקלערט — עס איז געווען סוף חודש, ווען אַרבעטער באַקומען זייער חודש־לוין. האָט דער אַראַבער געלויערט אויף אים אין אָוונט. ווען דער אבא האָט זיך דער־נענטערט, איז ער אַרויס פון באַהעלטעניש, און געשריגן: "די פעי, אָדער דאָס לעבן".

— ווייל ער איז אַ ייד! — האָט מאַרק איבערגעחזרט מיט איבערצייגונג.

— און שפעטער — האָט געפרעגט נייגעריק יואל — וואָס איז געווען מיטן אַראַבער ביי דער צווייטער פעי?

— נישט געווען קיין צווייטע פעי — האָט יוסי געגעבן צו פאַרשטיין — דער אבא האָט גענומען די אמא, זיי זענען געווען ערשט נאָך דער חתונה, און אַוועק קיין מאַרסעי און פון דאָרטן קיין ישראל.

— אין דער יידישער מדינה, צווישן יידן. דאָ רויבט מען נישט צו קיין פעי מיט אַ מעסער — האָט אונטערגעכאַפּט מאַרק.

— דאָ זענען אויך פאַראַן אַראַבער — האָט יואל זיך גערייצט מיט אים.

— דאָס זענען נישט די זעלבע אַראַבער. און דאָ זענען פאַראַן יידישע שוטרים, און יידישע חיילים, און יידישע טאַנקען...

— און די אַטאָמישע באָמבע — האָט צוגעגעבן יוסי. יאָ, איך ווייס. גדעון, דער תת־אלוף במילואים, ביי וועמען דער אבא אַרבעט, האָט געזאָגט דעם אבא בסוד, אַז ער האָט געזען אין דימונה די אַטאָמישע באָמבע, ער האָט זיך געשווירן, אַז ער האָט געזען מיט אייגענע אויגן...

— יאָ, די אַטאָמישע באָמבע — האָט מאַרק זיך צוגעבויגן צו יואלן און געצויגן אים ביי דער האַנט ער זאָל זיך אָראָפּבייגן צו אים, ער זאָל קאָנען איינרוימען אַ סוד אין אויער — נישט נאָר איינע, נאָר אַ סך, גאָר אַ סך אַטאָמישע באָמבעס. דער דוד בערנאַרד האָט דערציילט דער אמא, אַז אמנון, זיין זון, וואָס איז אַ רב־סרן קבע, האָט געזען צען אַטאָמישע באָמבעס ביי אַריק שרון, דעם גענעראַל, אין דער פערמע.

— ער האָט נישט געזאָגט צען — האָט יוסי פאַרראַכטן — ער האָט געזאָגט: אַ סך, אפשר אַכט, אפשר צען, אפשר...

עס האָט זיך דערהערט אַ רעש פון אַ שיף, וואָס שניידט זיך אַריין אין די כוואַליעס און טרייבט זיי צום ברעג מיט כעס, מיט שוים, מיט צעבלעזלטע זילבער־שפּריצן. דאָס פאָרט די צליינים־שיף. זי פירט די פּילגרים־טוריסטן באַזוכן די הייליקע מקומות, לענגאויס די ברעגן, אין די פּיסטריט פון געקרייציקטן. זיי האָבן שוין באַזוכט טבחה, כפר־נחום, און דעם באַרג פון לייטזעליקייט, ווו לויט דער פאַנטאַזיע און אַפּאָסטאָלישע געברויכן פון עוואַנגעליסטן און די קאַלטע אויסרעכענונגען פון נשמה־כאַפּערס — זענען ניסים געשען, איז פון איין ברויט און פון איין פיש געוואָרן אַ סך ברויט און אַ סך פיש, און פון וואַסער איז געוואָרן וויין...

איצט פאָרן זיי פון קבר פון מאַריאַ־מאַגדאַלענאַ, דער הייליקער זונה, וואָס האָט דעם טישלער־יונג פון נצרת מקרב געווען, געשענקט אירע ווייבערישע חסדים, געשיצט קעגן רדיפות, און מיטגעגאַנגען מיט אים קיין ירושלים, ביז צו דער רוימישער תליה...

די שיף פירט זיי איצט צום כינרת־שויס, פון וואַנען עס ווערט געבוירן דער ירדן, דער נאָפּלשטריק, וואָס ציט זיך ווייט אַוועק און צעפירט מיים־חיימדיקע נאַרונג צו דער לעכצנדיקער סביבה, ביז העט אַראָפּ אין דער ערבה... ביים ירדן־נאָפּל האָבן די עוואַנגעליסטן, הונדערטער יאָר שפּעטער, זיצנדיק נזירדיק אין גריכנלאַנד, געזען אין זייער וויזיע, אַז דער, וועמען זיי האָבן געדאַרפט באַפּעסטיקן אין דער פאַנטאַזיע פון פעלקער, ווי דעם געטלעכן שליח — גייט מיט באָרוועסע פיס אויפן וואַסער־שפּיגל, און ער האַלט זיך פון אויבן, ער גייט נישט אונטער... קומען די פּילגרימען זוכן סימנים פון זיינע ניסימדיקע טריט אויפן וואַסער... זיי קומען קוקן, קוקן זיך אויס די אויגן, און זיי זעען, זיי זעען... זיי ווילן זען, זיי מוזן זען; זייערע פּילגרימישע אויגן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אַהער פון די מרחקים, אויף די פליגל פון גלחישע דרשות און עקזאַלטירטע פאַנטאַזיעס, מוזן זען; ווי דען אַנדערש? נו, זעען זיי, זיי זעען באַשיינפּערלעך די פיסטריט אויף די צעכוואַליעטע וואַסערן, וואָס פליסן אַרויס פון כינרת און איילן זיך צו דער ירדן־בריק, צו דער ירדן־טאַמע...

פאַרט די שיף. די פּילגרימען פּאַכען מיט די הענט צו די געצעלטן, צו די זאַמד־און וואַסער־געניסער. שווערע קאַמעראַס הענגען אַראָפּ פון זייערע פאַרנטס און זיי וואַרטן צוזאַמען מיט די פּילגרימען צו פאַראייביקן דעם נס.

יואל, יוסי און מאַרק פּאַכען צוריק מיט די הענט.

יעל זיצט מיט די דריי מיידעלעך אויפן זאַמד, נאָך עטלעכע קינדער אַרום זיי און אויך זיי פּאַכען צוריק און קלאַפּן מיט די הענט. יעל האָט איבערגעריסן דאָס קינדער־מעשהלע, וואָס זי האָט זיי דערציילט. זי האָט דערלאַנגט די קינדער די צוקערקעס, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אינעם זעקל. איינער פון די פּילגרימען האָט אָנגעשטעלט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט אויפצוכאַפּן די קינדער, וואָס באַגריסן זיי און קלאַפּן אין די הענטלעך. אַנדערע האָבן

געוואָרפֿן לופֿטקושן. די קינדער האָבן צוריקגעוואָרפֿן די קושן. מעוועס האָבן גענומען פֿליען צווישן דער שיף און די קינדער, מיינענדיק אַז דאָס וואַרפֿט מען ברעקלעך שפּייז פֿאַר זיי, פֿאַר זייערע אויסגעהונגערטע מעגעלעך, און אַנטוישטע — געלאָזט זיך פֿליען נאָך דער שיף.

9

יעל דערציילט ווייטער דאָס קינדער־מעשהלע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פֿאַרן סוף. די קינדער האָרכן זיך צו.

די קליינע מזל האָט דערזען אַ שערבל פֿון אַ מושלע, וואָס די כוואַליעס, צעשטורעמט דורך דער שיף, האָבן אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן ברעג. זי האָט גענומען דאָס שערבל און געגראָבן די נאַסע ערד. ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט גענוג ערד, האָט זי גענומען פֿאָרעמען אַ באַרג, מיט אירע געשיקטע הענטלעך, אַ באַרג ווי דער חרמון אַקעגנאיבער, מיט אַ שפּיץ גאָר הויך און צוויי פֿאַררונדיקטע פּוקלען פֿון ביידע זייטן. און אויפֿן סאַמע שפּיץ, אַ טייל פֿון די פּוקלען, וואָס קוקן אַהערצו — שניי. אָבער ווו נעמט זי שניי? אויבן, העכער, איז פֿאַראַן זאַמד. עס איז נישט ווייס. עס איז אָבער העל געל, פֿאַלט אַריין אין אַ ווייסקייט, וואָס איז שמוציק. וועט זאַמד פֿאַרטרעטן שניי . . .

אַ שנעלשיפֿל איז געפֿאָרן גיך, נישט ווייט פֿון ברעג. דער מאָטאָר האָט געמאַכט אַ רעש, צעפּערלט די כוואַליעס, און געיאָגט מיט געבייזער אַ זילבערשוים, וואָס אַ ווינט האָט פֿאַרטראָגן ביזן וואַסערראַנד.

— שניי! — האָט מזל אויסגערופֿן און געלאָפֿן צונויפֿנעמען דעם שוים.

יעל איז אויפגעשפרונגען און געלאָזט זיך לויפן צום קינד, עס זאָל חלילה נישט אַריין אין וואַסער.

— לאָז מיך — האָט די קליינע זיך געוועדט — שניי פאַרן חרמון, בעסער ווי זאַמד. שניי פאַרן חרמון!

יעל האָט זי גענומען אין אירע אָרעמס און געווישט די טרערן, וואָס זענען דיסקרעט גערונען איבער אירע גלייַקע בעקעלער. יואל, וואָס איז געשוווּמען מיט די צוויי יינגלעך אָפּגערוקט פונעם ברעג, האָט אַרויסגעהויבן אַ האַנט פון וואַסער און געמאַכט אַ צייכן, ווי איינער וואָס וויל געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז דאָ און פילט זיך גוט; נישט געדאגהט! יוסי און מאַרק האָבן נאָכ־געטון דאָס זעלבע.

ווען די קליינע האָט זיך געשטילט אין גאַנצן האָט יעל זיך צוריקגעזעצט. די צוויי מיידעלעך, אסתר און לאה, האָבן זיך צוגעטוליעט צו איר. די פרעמדע קינדער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטן, האָבן זיך גענומען פילן היימישער און דערנענטערט זיך, צוגערוקט זיך צו יעלן. מזל איז אַנטדרימלט געוואָרן מיטן פּנים צווישן יעלס בריסט־לאַבנס.

יוסי און מאַרק זענען פּלוצעם אָנגעקומען, אַרויסגעלאָפן פון וואַסער מיט אַ געוועט ווער פון זיי וועט אָנקומען דער ערשטער.

— איך בין דער ערשטער — האָט יוסי אויסגעשריגן, אָנרירנדיק אַן אַקסל פון יעלן.

— איך בין דער ערשטער — האָט מאַרק אויסגערופן מיט טריומף, אָנרירנדיק דאָס קעפל פון אַ קינד, וואָס האָט געשלאָפן פון הינטן דעם קינדער־ראָד.

— נישט קיין חכמה — האָט פּראָטעסטירט יוסי — קוק ווי ווייט דו ביסט פון מיר, עטלעכע מעטער.

— נישט וויכטיק — מיר האָבן זיך נישט אויסגערעדט ווו עס איז גענוי די מעטע — בין איך דעריבער דער ערשטער! —

האָט מאַרק זיך געשפּאַרט מיט דער עקשנות פון איינעם וואָס איז גערעכט.

— נו, קינדער, שפּאַרט זיך נישט — האָט יואל זיך אַריינגעמישט. — אויב אַזוי זייט איר ביידע די ערשטע, און גיט זיך די הענט גוט־ברידעריש.

פון דעם רעש האָט זיך די קליינע איבערגעוועקט און אַראָפּ פון יעלס שויס. זי האָט געמאַכט וואַקלדיקע טריטעלעך צום זאַמד צו, כדי צו פאַרענדיקן מיט אַלע פּרטים דעם חרמון־באַרג לויט איר צו ערשט פאַרטראַכטן פּלאַן.

מאַרק האָט נישט געוואָלט געבן פּאַר געווינען. עס האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, אַז ביידע קאָנען זיין גערעכט. ער האָט נישט מסכים געווען מיט יואלס פּשרה־משפּט.

— דו ביסט נישט שלמה המלך — האָט ער אָפּגעפּרעגט יואלס קאָמפּעטענץ — ער וואָלט אַנדערש געמשפּט, שלמה המלך.

— יאָ — האָט זיך אָנגערופן לאה, די נייניאָריקע, מיט די פּער־שוואַרצע קרויזן, שפּיציקע אייגעלעך און אַרויסרופּעריש בליק — יאָ, לאָמיר זיך שפּילן אינעם משפּט פון מלך שלמה.

— יאָ, לאָמיר זיך שפּילן אין משפּט פון מלך שלמה — האָט צוגעשטימט די קליינע אסתר, מיט טראַציקע אייגעלער, שוואַרץ ווי קויל, און האָר פאַרלייגט קאָקעטיש אין אַ קעקסל, מיט אַ פּנים ווי די מלכה־שבא אין אירע יאָרן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט גרייט צו שפּילן די ראָל פון איינער פון די מאַמעס.

יוסי האָט שפּאָטיש צעלאַכט זיך פון די שוועסטערלעך און זייערע פּאָזעס, אָנגענומען אסתרן ביי די אַקסלעך און זי צוריק אָוועקגעזעצט.

— לאָמיר מאַכן אַ משפּט ווי דערוואַקסענע, נישט ווי קינדער. און נישט איבער אַ קינד וועט מען זיך משפּטן און נישט מאַמעס...

— וואָס הייסט נישט אַ קינד, יוסי — האָט מאַרקן אויס־געזען קשה דער פֿאַרשלאָג.

— נישט אַ קינד, אָבער נישט ווייניקער טייער ווי אַ קינד.

— וואָס הייסט נישט ווייניקער טייער ווי אַ קינד?

— דו ביסט נאָך קינדיש, מאַרק. איך, ביי צען יאָר, בין שוין געווען אַ גאַנצער מענטש, און זיך געקענט אויף פּאָליטיק...

— איך קען זיך אויך אויף פּאָליטיק — האָט מאַרק זיך פֿאַר־טיידיקט.

— איך אויך פּאָליטיק — האָט געזאָגט לאה.

— איך אויך פּאָ...

— שווייגט, ווער פֿרעגט אייך? מיר רעדן ערנסט, קינדער־לעך — האָט יוסי געהייסן די שוועסטערלעך זיצן און נישט מישן זיך. — און אַז מען רעדט פּאָליטיק, ווייסט דאָך היינט יעדער בר־דעת, אַז ירושלים איז נישט ווייניקער טייער ווי אַ קינד, און אַז מען רייסט זיך וועגן ירושלים, די יידן און די אַראַבער, די אמתע מאַמע און די פֿאַלשע מאַמע...

מאַרק האָט געקוקט אויף אים און נישט גורס געווען געענוי אין וואָס עס גייט. די שוועסטערלעך — נאָך ווייניקער. יעל און יואל האָבן נאָכגעפֿאָלגט זיין געדאַנק און זיך געוווּנדערט ווי קומט צו אים אַזאַ איינפֿאַלערישער פֿאַרגלייך.

— איך וועל זיין דער ייִד — האָט יוסי איינגעטיילט די ראָלן — דו, מאַרק, וועסט זיין דער אַראַבער...

— ניין, דו וועסט זיין דער אַראַבער — האָט מאַרק פּראָ־טעסטירט — און איך וועל זיין דער ייִד.

— גוט. מסכים. און דו, לאה, וועסט זיין ירושלים.

— איך וויל נישט. איך וויל נישט מ׳זאָל מיך דורכשניידן.

— אַ קינד, בלייבט אַ קינד. נו, וועסט דו, גננת, זיין ירושלים. און דו, יואל, וועסט זיין שלמה המלך. מסכים, האַ?

— מסכים! — האָבן אַלע איינשטימיק אַקצעפּטירט די ראָלן.

יעל האָט זיך אָװעקגעלײגט אין מיטן ראָד, אָראָפּגעצױגן דעם הוט איבערן פּנים, פֿאַרלײגט די אָרעמס אײנעם איבערן צװײטן װי אַן איקס, און אָנגענומען אַ פּאָזע פֿון אײנער, װאָס איז געבונדן, און װאַרט אױף אַן אורטײל. יואל האָט פֿאַרנומען דאָס פּריערדיקע אָרט פֿון יעלן, אַװעקגעלײגט די פּיס אונטערן געזעס, אָנגענומען אַן ערנסטע מינע, געגעבן אַ קלאַפּ אין די האַנטפּלאַכן, אַ סימן אַז דער משפּט הײבט זיך אָן.

— ירושלים איז מײַן — האָט יוסי אױסגערופֿן און אָנגעװיזן אױף דער ליגנדיקער פֿרױ — זי איז מײַן. זי איז מײַן און קײנעמס נישט אַחוץ מײַנע!

יואל האָט געװיזן מיט דער האַנט, אַז ער גיט דאָס װאָרט מאַרקן. מאַרק איז געשטאַנען אַ פֿאַרלױרענער און נישט געװוּסט, װאָס ער דאַרף טאָן.

— דו ביסט דאָך דער ייִד, מאַרק. זאָג צי ירושלים איז דײַן, צי נישט; װאָס באַדײַט ירושלים פֿאַר אַ ייִד, זאָג — האָט יוסי אים אַרױסגעהאָלפֿן.

— ירושלים? ירושלים איז מײַן, זיכער איז זי מײַן. זי איז מײַן נשמה, מײַן נחמה, מײַן לעבן, מײַן לײַב־און־לעבן. זי איז מײַנע און קײנעמס נישט מער, מײַנע אױף תּמיד, לעולם ועד!

— נו, קריגט זיך נישט, איך בעט אײַך — האָט געזאָגט מיט גרױס אױטאָריטעט דער שופֿט — לאָמיר נעמען אַ שװערד און צעטײלן ירושלים. װעט מען געבן אַ העלפֿט יעדן פֿון אײַך. גיט אַהער אַ שװערד!

— נו, גוט. לאָמיר ברענגען אַ שװערד און דורכשנײַדן ירושלים. װעט זײַן אַ העלפֿט פֿאַר מיר און אַ העלפֿט פֿאַר דיר — האָט יוסי מסכּים געװען.

— נײן, חלילה וחס! — האָט אױסגערופֿן מאַרק, װעלכער האָט לסוף געכאַפּט גענױ אין װאָס עס גײט און װעלכע דאַרף זײַן די ראָל זײַנע — חס וחלילה. נישט צעשנײַדן. נאָר נישט

צעשניידן! זי וועט אומקומען אַ צעשניטענע. ווי וועט זי לעבן אַ געהאַלבטע, זי וועט אויסגיין און קיינער וועט גאָרנישט האָבן פון איר. זאָל שוין ירושלים, אַ גאַנצע, זיין זיינע; נאָר אַ לעבעדיקע, אַ לייב־און לעבעדיקע, מיט אַ גאַנצע נשמה, אַ גאַנצע.

יואל האָט זיך אויפגעשטעלט. געגעבן אַ קלאַפּ אין די האַנט־פלאַכן. געהייסן אַלע קינדער זיך אויפשטעלן. דערנענטערן זיך, אַרומשטעלן זיך אַרום ירושלים. ער האָט אָנגענומען די פּאָזע פון אַ שופט, פון שלומה המלך אַליין. און אַרויסגעגעבן דעם אורטייל:

— ירושלים געהערט צו מאַרקן, דעם ייד. אַזוי ווי דאָס קינד אין שלומה המלכס משפט געהערט צו דער ריכטיקער מאַמען, וואָס לאָזט נישט צעשניידן דאָס קינד. אַ קינד, אַ צעשניטענס קאָן נישט לעבן. אַזוי אויך ירושלים. דער, וואָס לאָזט נישט צעשניידן ירושלים, צו אים געהערט די שטאָט, ער איז די אמתע מאַמע, דער אמתער טאַטע די נאַטירלעכע טאַטע־מאַמע. און יענע זענען פאַלש, פאַלש, פאַלש!

יעל האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען פּאַטשן מיט די הענט, באַגלייטנדיק יעדן האַנטקלאַפּ מיט אַ הילכיקן "בראַוואָ!". די קינדער האָבן געטון געגנוי ווי זי. די קליינע מזל האָט איבער־געריסן איר אַרבעט און געטון דאָס זעלבע. יעל איז צוגעלאָפן צו איר, גענומען זי אויף זיך. געלאָזט זיך לויפן צום געצעלט. און אַלע נאָך איר.

10

ניסים איז געווען פאַרנומען מיט לויז מאַכן די שפּאַן־שטריק פון געצעלט. זיין פרוי איז געזעסן אין אַן אויסלייג־שטול אין אַ זייט. אַ ווייס קאַפּטיכל האָט פאַרדעקט אירע האָר ביז אַ האַלבן שטערן. אירע אויגן־לעדלעך זענען געווען אָנגעדראָלט ווי געוואָ־

שענע וועש פֿאַרן אויסדרײַגנגען, און די באַקן אָנגעלאָפֿן, אָנגע־שוואָלן, ווי בעת צאָן־ווייטיק. זי האָט געדרימלט.

ניסים איז אַקעגנגעלאָפֿן, געגומען די קליינע מזל און צוגע־טראָגן צו דער פֿרוי. זי האָט זיך איבערגעוועקט, זיך אויפֿגעשטעלט, אַ קוש געטון דעם קינד אין קעפּל, אין די בעקלעך, און זיך צוריקגעזעצט.

זי האָט געזאָגט, אַז עס איז איר בעסער. זייט אַ שעה־צוויי ברעכט זי נישט מער. זי שרעקט זיך אָבער פֿאַר אַ נייעם ברעך־אַטאַק. זי האָט גאָר באַזונדערס מורא פֿאַר אַ נייער כוואַליע פֿון עיפּוש, נאָך די מאָלצייטן, ווען טייל מענטשן כאַפּט אָן אַ לויפּעניש. זיי פֿולן זיך אָן די מאָגנס, די געדערים מיט כל מיני קאָנסערוון, פּושקע־פּאַטראָוועס, מצה־שפּייזן — און באַלד לויפֿן זיי זיך אויסליידיקן. די פּסח־מאכלים ווירקן נאָך ערגער ווי די חמצדיקע. נעכטן באַלד נאָכן מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ברעכן, באַנייט זיך נאָכן נאָכטמאָלצייט און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן מיט ספּאַזמען און קראַמפּן ביז ערשט נישט לאַנג. זיי האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן, אַוועקפֿאָרן פֿון דאָ, אויף אַן אַנדער אָרט. זיי האָבן געטראַכט תיכּף אַוועקצופֿאָרן. אָבער זיי זענען געווען מיד פֿון וועג. ניסים מוז אַלץ אַליין מאַכן. יוסי העלפֿט אַ ביסל, און מאַרק שטערט גיכער. נו, איצטער רעכענען זיי אויף דער הילף פֿון די שכנים, פֿון דער גננת און איר מאַן.

— זיכער וועלן מיר העלפֿן — האָט באַשטעטיקט יעל — קיין ספֿק נישט. מיר אַליין וועלן אויך פֿאַרלאָזן.

— מיר וועלן זוכן צוזאַמען. אויך אונדז שטערט דער גערוך.

— נישט אַזוי ווי אייך, גבֿרת — האָט געזאָגט מיט אַ געלעכטער יעל.

— יעל האָט ליב קינדער, זייער ליב קינדער — האָט פֿאַר־זיכערט יואל.

ניסים האָט פאַררייכערט אַ ציגאַרעט און דערלאַנגט דאָס פּעקל. יואל האָט נישט אָפּגעזאָגט. יעל האָט געדאַנקט מיט אַ תירוץ, אַז די אַסטמע פון איר פאָטער און איר פאַך ווי אַ קינדער־גערטנעריין דערלויבן עס איר נישט.

— אַז מ'האָט ליב קינדער — האָט ניסים אָנגעשלאָסן צו יואלס פּריערדיקער באַמערקונג — אַז מ'האָט ליב קינדער, מאַכט מען זיי. מ'דאַרף נישט ליב האָבן פרעמדע נאָר קודם כל אייגענע.

— גערעכט — האָבן געענטפערטביידע צוזאַמען. און יעל האָט צוגעגעבן — גיט אונדז צייט.

די מוטער האָט זיך אויפגעהויבן, געגאַנגען מיט דריבנע טריטעלעך און די קינדער זענען איר נאָכגעגאַנגען. די קינדער זענען געווען הונגעריק. יעדער איז אַרויס פון געצעלט מיט אַ מצה און אַן אָפּגעשיילט איי, און די קליינע מזל מיט אַ טיף שיסעלע אין הענטל, ווו עס איז געווען פאַרבראָקטע מצה אין מילך און פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשטעקט אַן עק פון אַן אָפּגעשיילטער באַנאַנע. די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן געצעלט, פון פאָרנט און געווען פאַרנומען מיטן עסן.

— אַ פּראָפּאָ קינדער — האָט ניסים געצויגן דעם אָנגע־הויבענעם שמועס — וועט איר זיכער נאָכגיין דעם ביישפּיל פון אַלע אשכנזים. איין קינד. מאַקסימום — צוויי. די אשכנזים זענען געווען עקשנים ביים בויען דאָס לאַנד און זענען אויך עקשנים מיט געבורטן. זיי דאַרפן זיך אָבער אָפּלערנען פון אונדז און פון די חסידים. ווען מרים, מיין פרוי, מפּלט נישט, צוליב די ברעך־אַטאַקעס, וואָלטן מיר שוין געהאַט מער ווי יעקב אבינו פון פיר ווייבער...

— לאָזט אונדז קודם האָבן דאָס ערשטע, ליבער שכן — האָט יעל איבערגעהאַקט זיינע אויספירן.

— לויט דעם אשכנזישן סיסטעם וועלן מיר אין אַ צוויי דורות זיין אַ פאָלק פון בלויז ספרדים און חסידים. אין דער צייט, ווען

די אַראַבער מערן זיך ווי די ווערעם. האָט דאָך דער באַשעפער פאַרזיכערט אברהם אבינון, אַז זיינע קינדער וועלן זיין אַזוי צאָל־רייך ווי די שטערן אין הימל און ווי זאַמדביים ים; דערווייל ווערט עס מקוים לגבי אונדזערע שונאים. מיר דאַרפן אַרויסהעלפן דעם אייבערשטן צו האַלטן וואָרט כלפי זיין פאָלק...

— איך וועל זיין אַן אויסנאַם, אדון ניסים — האָט יעל אים איבערגעהאַקט די רייד — איך רעכן צו האָבן אַ האַלבן מנין קינדער לכל הפחות.

— וואָס איז אַ האַלבער מנין — האָט זיך אַריינגעמישט יוסי, וואָס האָט אונטערגעהערט עסנדיק — איך וועל האָבן אַ מנין קינדער.

— און איך צוויי — האָט געזאָגט טראַציק מאַרק — צוויי מנינים.

— איך אויך צוויי — האָט פאַרזיכערט לאה.

אסתר האָט אויך עפּעס געזאָגט. עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווייל זי איז געווען פאַרנומען מיט אַרויסבאַקומען מיט אַ פינגערל אַ ברעקל מצה, וואָס איז פאַרקראָכן צווישן אירע וואַקלדיקע זייטן־ציינדלער.

11

פון דער ווייטנס איז דערגאַנגען די קוויטשנדיקע שטים פון דעם וואַנדערנדיקן פאַרקויפער פון אייזקרעם און פאַרפרוירענעם נאַשוואַרג.

די ערשטע האָבן אים דערהערט די קינדער. זיי האָבן גראָד געהאַט אָפּגעגעסן דאָס, וואָס די מאַמע האָט זיי דערלאַנגט. מזל האָט גיך פאַרענדיקט איר באַנאַנע און אויסגערופן אונטערשפּרינגענדיק: — גלידה, גלידה. אני רוצה גלידה!

— די קינדער האָבן ערשט געגעסן גלידה — האָט געזאָגט יואל — איך האָב זיי באַזאָרגט גלידה און צוקערקעס ערשט נישט לאַנג.

— רוצה גלידה — האָט אסתר זיך אָנגעשלאָסן אין פאַר־לאַנג פון איר ייִנגסטער שוועסטערל — איך וויל אויך, עס איז מיר טרוקן אין מויל.

— מ׳דאַרף נישט איבערטרייבן, קינדערלעך — האָט יעל געגעבן צו פאַרשטיין מעשה קענעריין — צופיל איז נישט געזונט!

— אני רוצה גלידה — האָט מזל נישט אָפּגעלאָזן און גענומען וויינען.

יעל האָט זי גענומען אויף איר אָרעם און זי באַרויִקט.

דער קול פון יונגן פאַרקויפער, וואָס רעקלאַמירט זיין סחורה, איז געוואָרן וואָס אַ מאָל נעענטער, און נאָך איידער ער איז אויסגעוואַקסן נעבן זייער געצעלט, האָבן די קינדער אים אַרומ־גערינגלט. לאה האָט געצויגן איר פאָטער ביי אַ האַנט און מאַרק ביי אַ צווייטער.

— גלידה, אבא, כ׳ווער פאַרברענט — האָט געבעטן לאה.

ניסים איז שטיין געבליבן נעבן דעם בחור מיט די טונקל־הויטיקע באַקן, געקרויזלטע האָר, וואָס האָבן זיך געשטאָקט הויך און געדיכט איבערן קאָפּ, מיט פינטלדיקע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן פון איינעם, וואָס איז פאַרדעכטיקט און וויל נישט ווייזן ווי זיי זעען אויס — און זיך געוואַקלט. עס איז געווען שווער צו וויסן צי פאַרטראַכט ער זיך צוליב דער געלט־הוצאה, צי צוליב דער באַמערקונג פון דער גננת.

— עשר לירות, עשר לירות גלידה, גלידה, כשר לפסח, כשר לפסח.

עס איז אים באַלד צוגעקומען נאָך אַ סיבה, וועלכע האָט גובר געווען די פריערדיקע און ביי אים געבוירן אַ פאַרדאַכט, ווי אַ פלוצעמדיקער ברי אונטערן שאַרבן. סיי דער הילוך און סיי

דער קול פונעם יונגן פּאַרקויפער, סיי די אויסשפּראַך האָבן ביי אים אויפגעוועקט אַ חשד, אַז ער איז אַן אַראַבער, אַ מוזולמענער. ער קען די אָריענטאַלישע אויסשפּראַך פון די ספרדים, פון די יידישע מזרח־עדות. די רישן און חיתן קלינגען מאָדנע אין זיין מויל, גאַרנישט ווי אין מויל פון די יידישע שבטים אין לאַנד.

— עשר לירות, עשר לירות, כשר לפסח, כשר לפסח, רבותי!

— האָט דער פּאַרקויפער איבערגעחזרט און אויסגעצויגן די זילבן.

ניסים האָט זיך געגנוי צוגעהאָרכט, צוגעשטעלט אַן אויער צו זיין מויל, און דער פאַרדאַכט האָט זיך ביי אים באַשטעטיקט. ער האָט אויפגעציטערט, און געקוקט אויף אים ווי מען קוקט אויף אַ שונא, אַ רוצח.

דער בחור האָט נישט געוווסט פאַר וואָס דער מענטש קוקט אויף אים אַזוי בייז, נעמט אים דורך מיט זיינע שפּיזיקע אויגן, און האָט פאַרלוירן זיין לשון. ער האָט אויסגעגראַדט די רימענס, וואָס האַלטן אונטער אויף דער הייך פון בויך די צידנית, דעם פעלד־קאַסטן מיט אייז, צו קאָנסערווירן מאכלים בעת די היצן, און אַרויפגעטון בײדע הענט אויפן צודעק, ווי ער וואָלט וועלן שיצן זיין סחורה קעגן אַנגריף־כוונות.

— דאָס איז אַן אַראַבער, אַ טעראָריסט, יידן! — האָט ניסים אויסגעשריגן מיט רוגזה און אָנגענומען דעם בחור ביים האַלדז — ער איז געשיקט געוואָרן דורך די שונאים; ער האָט זיכער אַ פּצצה, אויפרייס־מאַטעריאַל, אינעם קאַסטן, נישט אַנדערש! מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט.

דער בחור האָט זיך פאַרטיידיקט. ער האָט געשריגן, אַז ער איז נישט קיין אַראַבער. ער איז נישט קיין טעראָריסט. ער האָט געשווירן, אַז ער איז אַ ייד, ער איז אַ ספרדי, געבוירן אין בית־שאָן; אַז ער הייסט דוד, דוד כהן, דוד ווי דער מלך...

— ניין, מיר קענען זיך דערויף, מ'האָט דיך גוט אויסגעלערנט! — האָט ניסים ווייטער געשריגן — ביסט אַ טעראָריסט!

עס איז זיך גיך צעגאַנגען אַ קלאַנג איבער די געצעלטן און אויף דער פּליאַזשע, אַז מ׳האָט געכאַפּט אַ טעראָריסט. טייל האָבן געהערט, אַז מ׳האָט אים געכאַפּט מיט אַ פּצצה. מענטשן זענען אַנטלאָפן ווייט פונעם אַנגעלויף, אַרויס פון קאַמפּינג־שטח, אַרויף אויפן וועג. טייל האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן זאַמד, כדי נישט באַשעדיקט צו ווערן אין פאַל פון אַן אויפרייס.

יעל האָט געבעטן ניסימען ער זאָל אָפּלאָזן דעם האַלדז. ער וועט נישט אַנטלויפן. בעסער אַרויסרופן פּאָליציי. נישט מאַכן אַליין אַ משפּט.

— מ׳דאַרף אים לינטשן! — האָט איינער געוואָלט זיך וואַרפן אויף אים מיט געביילטע פויסטן.

אַ געוועזענער שוטר, וואָס איז געווען אַ צייט חבלן אין ירושלים, און זיך דאָ געפונען גראָד אויף קאַמפּינג, איז געקומען צו לויפן.

— מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע — האָט ער גערופן מיט אויטאָריטעט פון איינעם, וואָס איז געוווינט צו אַזעלכע זאַכן — לאָמיר זען וואָס ער האָט אין דער צידנית.

ער האָט אים אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ, געקוקט אויף די אַרומיקע מענטשן. ער האָט געהייסן די קינדער אַוועקגיין צום וואַסער און אויך די פרויען, און ניסימען האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו גיין צוזאַמען מיט אים.

— צום בור ביטחון! — האָט ער באַפוילן און געהייסן דעם בחור גיין פאָרויס.

דער בחור איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט און איבער־געחזרט כסדר, אַז ער איז אַ ייד, זיין פאָטער איז פון איראַק און די מאַמע פון תימן, אַז ער הייסט דוד, ווי דוד מלך ישראל.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די לאַטרינעס און עטלעכע מעטער ווייטער איז געווען דער זיכערקייט־גרוב פאַר פאַרדעכטיקטע חפצים.

דער געוועזענער שוטר האָט דערוויטערט אַלעמען און ער מיט ניסימען זענען צוגעגאַנגען ביזן גרוב. דעם בחור האָט מען געהייסן אַרײַנגיין און אויסליידיקן דעם קאַסטן, איבערדרייען אים אַז אַלץ זאָל פון אים אַרויס. און ווען ער האָט געטון ווי דיקטירט, האָט דער שוטר גענומען דעם קאַסטן, אויסגעקלאַפּט די טאָפּלטע זייט זײַנע, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין פאַר־באָרגעניש ערגעץ, אַ פאַרדעכטיקטער אָפּהילך. און געפּסקנט: — בסדר, בסדר גמור.

און ניסים האָט צוגעגעבן: — און מער זאָלסטו נישט קומען אַהער, הערסט!

דער בחור האָט צונויפגענומען די אַרויסגעשיטע סחורה, צוריקגעלייגט אין קאַסטן, און גענומען זיך דראַפּען פון טיפן גרוב אַרויס. יעל איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן נעבן אים. זי האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט און געהאָלפן אַרויסגיין.

— איך וועל יאָ קומען! האָט ער געענטפערט אויפן פאַר־באַט, איינהאַלטנדיק טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט — איך וועל נישט קומען אַליין, נאָר מיטן אבא; ער איז אַ מלחמה־אינוואַליד און פאַראַן אַכט קינדער אין שטוב. דער אבא אַרבעט אַ האַלבן טאָג אין חמי־טבריה און פאַרדינט נישט גענוג. ער האָט מיך געשיקט אַהער צוצופאַרדינען פּסח־צייט. ער וועט קומען זיך אָפּרעכענען מיט אײַך...

דער שוטר און ניסים, זענען אַוועק און נישט געהערט וואָס ער זאָגט. זיי האָבן געררעדט הויך. איינער האָט געוואָלט איבער־שרייען דעם צווייטן מיט געשיכטעס וועגן טעראָר־מעשים און מיט אַרגומענטן וועגן דעם ווי שטאַרק מ׳זאָל נישט זײַן פאַרזיכטיק, איז נאָך תמיד צו ווייניק. בעסער הונדערט מאָל מאַכן אַן אַלאַרם אומנייטיק ווי איין מאָל פאַרפּאַסן, פאַרזען אַן אמתע סכנה.

יעל האָט געקושט דעם פּאַרקויפער און געבעטן ער זאָל מוחל זײַן. געגעבן אים צו פאַרשטיין, ווי איינע וואָס איז באַרופן

צו באַלערנען קינדער, אויפצוקלערן זאַכן, וואָס ליגן זיך נישט לייכט אויפן שכל. ער האָט זיך צוגעהערכט, צוגעהאָרכט. ער האָט אָפּגעווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן פון די אויגן־ווינקלען; ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט, ווי ער וואָלט וועלן באַפרייען זיך פון דער עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי אים.

— קום, דוד, שרעק זיך נישט! איך וועל דיר העלפן פאַר־קויפן די פאַרבליבענע סחורה — האָט יעל אים געבעטן — קום, דוד. זיי מוחל!

ער האָט אַ קוק געטון אויף יעלן מיט צוטרוי און אַ ברייטער שמייכל האָט צעליכטיקט זיין פנים, פאַרטריבן דעם אומעט פון זיינע אויגן.

יעל האָט אים גענומען אונטער אַן אָרעם און געלאָזט זיך לויפן מיט אים צו דער פּליאַזשע, צווישן די קינדער: — עשר לירות גלידה, עשר לירות, כשר לפסח, קויפט געבליבן נאָר גע־ציילטע, איילט זיך!

ווען די צידנית איז געוואָרן ליידיק, האָט זי אים אַ קוש געטון אין שטערן און אים געבעטן: — קום מאָרגן, דוד, קום מאָרגן. איך וועל דיר העלפן.

— וועל קומען מאָרגן, זיכער וועל איך קומען. אָבער אָן אבא. איך וועל אים גאָרנישט דערציילן דערוועגן. גאָרנישט. ער וואָלט געליטן דערפון. שלום, חמודה, אַ דאַנק, גוטינקע.

— שלום, דוד. שלום דיר און זיי מוחל, פאַרגעס!

ער איז אונטערגעשפּרונגען פריילער, אַדורך די געצעלטן צום וועג, וואָס פירט קיין בית־שאן. זי איז אים נאָכגעגאַנגען. געזען ווי ער שטייט און וואַרט אויף אַ טרעמפּ. עס זענען פאַרבייגעפאָרן אַ סך אויטאָס. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. זי איז געגאַנגען רופן יואלן, כדי אָפּצופירן אים מיט זיין אויטאָ. ווען זי איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיט יואלן, איז דוד נישט

געוועז מער אויפן וועג. זעט זיך אויס, אַז עס האָט זיך געפונען אַ שאָפער מיט אַ גוט האַרץ.

12

יעל האָט צוגעגרייט פריער דעם מאָלצייט, כדי צו קאָנען העלפן דער שכנטע צום מיטאָג. זי האָט אַרויסגענומען דאָס עסן פון דער צידנית, און אויפן פאַרמאַכטן דעקל פונאַנדערגעשטעלט קאַרטאָן־טעלער און גלעזער. זיי האָבן געגעסן געבראָטענע פול־קעס, וואָס יעל האָט מיטגענומען אין וועג אַריין, געקאַכטע ירקות, טאָמאַטן, פירות, צוגעביסן מצה און צוגעטרונקען "מימי", דאָס מינעראַל־וואַסער פון קצרין. דאָס פעלדבעטל האָט זיי געדינט צום זיצן.

יואל האָט געלויבט שטאַרק אירע קולינאַרע פעיִקייטן און דעם חוש פאַר אימפּראָוויזאַציע אין די באַדינגונגען פון קאַמפּינג. ער האָט דערציילט, אַז אין דער אַרמעע איז אָפט אויסגעקומען צו קאַמפּן מיט דער איינהייט אין פעלד־באַדינגונגען, און זעלטן האָט דאָס עסן געהאַט אַ טעם. עס האָט געזעטיקט, קיין ספק נישט. עס האָט געהאַט די ריכטיקע צאָל קאַלאָריעס און וויטאַמינען. אפילו בעת די עצמאות־פייערונגען, ביי דער אָנוועזנקייט פון לופט־קאָמאַנדיר, אָדער פון אַ מיניסטער, איז די מאָלצייט געווען ווייט, גאָר ווייט פון זיין אַזוי געשמאַק, פון געבן אַזאַ הנאה.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים.

— אפשר איז עס אויך אַ פראַגע ווער עס דערלאַנגט דאָס עסן — האָט זי געפרעגט מיט אָנצוהערעניש און געקוקט אויף אים פון אַ זייט מיט אויגן פול מיט ברען.

במקום תשובה האָט ער זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און צוגעדריקט צו זיך.

די זון האָט זיך אַריינגעריסן מיטן גלי פון מיטנטאָג דורך דעם אָפּגעלענטן פאַרהאַנג און פאַרפּלייצט דאָס פעלדבעטל, ווי בעת אַ שׂרפה. יעל איז אַראָפּ, כדי צו פאַרמאַכן דעם פאַרהאַנג, און צו פאַרנעמען אַ באַקוועמערע פּאָזיציע אויפן בעטל.

ביים איינגאַנג האָט זי באַגעגנט די קליינע מזל, ווי זי שטייט דאָרטן מיט בעטנדיקע אייגעלעך, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עפּעס, אויף עמעצן. זי האָט גאַרנישט געזאָגט, נאָר אויסגעצויגן אַ פאַר־זאַמדיקט הענטל צו יעלן. יעל האָט זי אונטערהויבן, צוגעדריקט צו אירע פלאַמיקע באַקן און געשטאַנען אַ ווייל ווי פאַרלוירן. זי האָט זיך דערמאַנט, אַז פאַראַן ביי איר אין אַ טאַש אַ טעוועלע שאָקאָלאַד, האָט זי עס אויפגעזוכט, דערלאַנגט דעם קינד און געגאַנגען מיט איר צום שכנותדיקן געצעלט.

ניסים איז געלעגן ביים איינגאַנג, אויף דער זון, מיט אַ צייטונג איבערן פּנים, און געשנאַרכט. מרים איז געלעגן אין בעט, צוגע־דעקט. צונויפגעקאַרטשעט ווי אַ קינד אין בויך, אין די הויכע חודשים, און גערעדט ווי פון שלאָף.

ניסים האָט זיך אויפגעריסן פון דרימל, געזוכט דאָס קינד נעבן זיך, ווו ער האָט עס געהאַט אָוועקגעזעצט מיט שפּילצייג, און קוים האָט ער באַוויזן דורכגענומען צו ווערן פון פּחד, ווי יעל איז שטיין געבליבן נעבן אים מיטן קינד.

— דו ביסט אַ מלאך, גננת — האָט ער אויסגערופן — האָסט אָנגעטון אַ כּישוף די קינדער, באַזונדערס דער קליינער. זיי ווילן נאָר זיין מיט דיר. מ׳האָט דיך צוגעשיקט פון הימל ממש, גננת; אַ נחמה פאַר מרימס ברעכן און קראַמפּן.

— יאָ, וואָס מאַכט זי טאַקע ?

— עס איז איר בעסער. כ׳שרעק זיך אָבער פאַר דער נאָכ־מיטאָג־כוואַליע פון...

יעל האָט אַראָפּגעלאָזט די קליינע, ווייל זי האָט באַשמירט

און אויסגעחזרט, מיט דער שאַקאַלאַד, אירע באַקן, דעם גאַנצן פאַרנט מיט די בריסט־האַלטערס.

— זיי מוחל, גננת — האָט ניסים זיך אַנטשולדיקט פאַרן קינד.

די קליינע האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַרענדיקן דאָס טעוועלע און יעל איז גיך צוריק צו זיך.

יואל האָט געוואַרט אויף איר. ער האָט דערקענט דעם אָפּ־שטאַם פון די פלעקן און זיך צעלאַכט האַרציק. זי האָט אים געענט־פערט מיט אַן ענלעכן געלעכטער און פאַרמאַכט דעם ברעזענט־פאָרהאַנג אויף אַ שלייף.

— קוק נישט — האָט זי געבעטן שטיפעריש — דריי זיך אויס צו דער וואַנט. איך נעם אַראָפּ דעם ביוסט־האַלטער. איך וועל אים שפּעטער אויסוואַשן ביים כינרת.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון בעטל און אַרויסגעצויגן דעם ביוסט־האַלטער פון אירע הענט.

— נישט נייטיק קיין וואַסער. איך וועל אויסלעקן די פלעקן. שאָקאָלאַד איז זיס. געמישט מיט דיין שווייס איז זי נאָך זיסער.

— הייב אָן פון מיינע באַקן — האָט זי געזאָגט און אונטער־געשטעלט זיי צו זיין מויל — שפּעטער וועסטו אויסלעקן דעם ביוסט־האַלטער.

זיי זענען געשטאַנען און ער האָט געזוכט מיט דער צונג די זיסע פלעקן אויף איר פּנים, אויף איר נאָז, אויף אירע אויגנלעדלער, צווישן אירע ליפּן.

— אויך מיינע ברוסט־וואָרצלען זענען באַפלעקט מיט שאָ־קאָלאַד — האָט זי געזאָגט, מיט אַ צעציטערט־בעטנדיקער שטים.

ער איז געשטאַנען נעבן איר, צוגעהאַלטן זיך ביי אירע אַקס־לען, כדי נישט אומצופאַלן, און אויסגעפירט איר געבעט מיט דער עקזאַקטקייט, ווי עס וואָלט געווען אַ באַפעל פון אַ מיליטער־קאָמאַנדיר.

— און אויך מיין נאָפּל איז באַפלעקט מיט...

זי האָט נישט פאַרענדיקט. זי האָט געפילט, אַז זי האַלט זיך נישט מער אויף די פיס, אַז זיין צונג צינדט אָן אַ שרפה אין אירע גלידער און זיינע צעציטערטע פינגער קריכן איבער איר הויט ווי גלי־בינען און פולן אָן איר שאַרבן מיט אַ הימל־נעקטאַר, וואָס פאַרשיכורט, וואָס צעצאַפּלט און צעהפקרט ביז פאַרגעסונג.

13

— צי האָסטו געטראַכט אַ מאָל וועגן מיר אין מיליטער? — האָט זי געפרעגט אַנרירנדיק מיט אירע ליפּן זיין אויער.

— איך האָב נישט געוואַגט צו טראַכטן, איך בין דאָך אַזאַ נישט־דרייסטער.

— אַזאַ העלדישער פּילאָט און האָט קיין וואַגעניש נישט — האָט זי אַריינגעלאַכט אין זיין פּנים — באַקומען דעם צל״ש, די העכסטע מיליטערישע אויסצייכענונג, און נאָ דיר גאָר מאַנגל אין וואַגעניש.

— אין ליבע־זאַכן מיין איך.

— אויפן סמך פון... — האָט זי זיך צעלאַכט טראַציק — ביסטו אַן ערנסטער קאַנדידאַט צו אַ ליבע־צל״ש, מיין טייערער.

זיי האָבן געשוויגן. געאָטעמט פאַמעלעך און מיט אַ פולער ברוסט.

— אין אָנהייב — האָט ער דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט — האָב איך דיך געזען אין דער הייך, אין דער פאָרם פון אַ מלאך צווישן די וואָלקנס, און איך בין געפלויגן צו דיר אין די הימלען... שפּעטער האָב איך דיך געזוכט און געזוכט, דיך געפונען ווי אַ שעפּסל אַ פאַרבלאָנדזשעטס, וואָס וועלף יאָגן זיך נאָך אים; דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ביסט געגאַנגען זיך

לערנען קינדער־גערטנערײ... שפּעטער האָב איך דיך געזען איין מאָל נאָך, אַ טויב געיאָגט דורך אַ מוראדיקן אָדלער, וואָס וויל דיך פאַרצוקן, פאַרצוקן...

— פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען דעמאָלט מיך ראַטעווען, פאַר וואָס?

— איך האָב געוואָלט פאַרברענגען מיין אורלאָפּ פון מיליטער אין חיפה, אָבער נישט געוואָגט. געהערט, אַז דו גייסט אַרויס מיט עמעצן. האָבן טאַטע־מאַמע מיר געשדכנט אַ ווייטע קרובה, אַן איינציקע טאָכטער מגזע הביל״ווים, ווי דער אבא גופא.

— נו?

— גאָרנישט. זי איז נישט געווען ענלעך צו דיר.

— ווען דו קומסט דעמאָלט, וואָלט איך יענעם פאַרלאָזט, ווי איצט.

— איך דערמאָן זיך, אינעם יוגנט־קלוב, האָסטו געוואָלט זיך שפּילן מיט מיר אין מאָן און ווייב, און איך האָב נישט פאַר־שטאַנען. האָסטו דיך געשפּילט מיט אַנדערע. און איך בין אַוועק וויינען אונטער אַ בוים, אין פעלד...

זי האָט אים אַרומגענומען פעסט מיט ביידע אָרעמס און געטריקנט מיט אירע גלײַקע ליפּן די טרערן, וואָס האָבן פּלוצעם גענומען רינען פון זיינע אויגן.

— איך מיין — האָט זי געזאָגט שטיל און מיט אַ טאָן וואָס צעקאָכט די תאווה־שטראָמען אין די געפּעסן — איך מיין, אַז פאַראַן נאָך שאָקאָלאַד־פלעקן אויף מיין פנים, נאָך פאַרבליבן אויף די וואָרצלען, אַרום דעם נאָפּל... נישט אמת, מיין ליבער?

— אמת, מיין ליבע, יאָ... אמת, אמת!

זי האָט פּלוצלינג דערפילט ווי מ׳ציט זי ביי דער האַנט, וואָס הענגט אַראָפּ פון בעט, אַ קינדער־הענטל וואָס ציט זי, און אַ שטימעלע פון אַ קינד, וואָס רופט זי ביים נאָמען.

זי האָט צוערשט דערקענט דאָס הענטעלע און דאָס שטימעלע און ערשט שפּעטער די קאָנטורן פון קינד, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער געדעמפטער טונקלקייט פון פאַרמאַכטן געצעלט־רוים.

זי איז אַראָפּ פון בעט, אַרומגעווישט דעם שווייס מיט אַ האַנטעך און אַרויפגעצויגן אַ קליידל. מזל האָט זי געצויגן צו זיך אין געצעלט.

נעבן די אַקאַציע־ביימער האָבן זיך געזאַמלט מענטשן. אַן אָפּשטויסנדיקער גערוך האָט אַ שלאָג געטון אין איר פּנים. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

מרים איז געלעגן אויסגעבויגן צום באָדעם. ניסים האָט אונטערגעהאַלטן איר קאָפּ, עס זאָל זיך איר בעסער אָפּברעכן און זי זאָל זיך נישט אַראָפּקייקלען בעת אַן אָנפאַל פון ספּאַזמען.

— כ'וועל רופן אַ דאָקטער — האָט יעל אָנגעבאָטן.

— מ'דאַרף נישט, עס וועט אַדורך — האָט מרים זיך אָנגעשטרענגט און אַרויסגעבראַכט צעשטיקלטע ווערטער, ווי ברעךברעקלעך פון בויך אַרויס — עס איז ווייט פון טבר־יה, ווער ווייסט ווי־פיל אַ דאָק־טער וועט נעמען.

עס וועט אַדורך — האָט ניסים באַשטעטיקט — כ'בין געוווינט דערצו. מיר וועלן דאָך במילא אין גיכן אַוועק פון דאָ.

יעל האָט באַשלאָסן גיין זוכן אַ דאָקטער, וואָס געפינט זיך דאָ אפשר גראָד אויף קאַמפּינג. זי איז געלאָפן פון איין געצעלט צום צווייטן און געפרעגט צי איז נישטאָ צופעליק אַ דאָקטער; מ'דאַרף נייטיק אַ דאָקטער, עס איז דרינגענדיק.

פייגע, וואָס איז קוים אַריין אין דרימל נאָכן עסן, האָט דערקענט די שטים פון יעלן און איז גיך אַרויס צו איר אַ נייגעריקע:

— וואָס פלוצעם אַ דאָקטער? צו וועמען?

— שטעלט נישט קיין פראַגן. נישטאָ קיין דאָקטער צופעליק דאָ ערגעץ?

— וואַרט צו. פּאַראַן. עטלעכע שפּאַן פון דאַ, אינעם גרינעם געצעלט דאָרטן — האָט זי אָנגעוויזן מיט דער האַנט — געפינט זיך איינער, וואָס מ׳רופט אים דאָקטער, אַפילו זיין אייגענע פרוי רופט אים נישט אַנדערש ווי ביים טיטל. ער איז אָבער גוט אַלט.

— אַן אַלטער דאָקטער איז אָפט בעסער ווי אַ יונגער. בפרט ווען מ׳דאַרף אימפּראָוויזירן, אין וואַקאַנס־באַדינגונגען ביים וואַסער.

פייגע האָט זי צוגעפירט צום געצעלט און אַריינגעשריגן: — אַדון דאָקטער, אַדון דאָקטער, מ׳דאַרף אייך האָבן.

— ווער דאַרף איר האָבן? — האָט זיך געהערט פון דרינען אַ הייזעריקער קול — אַ דאָקטער, אָדער מיך?

יעל האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און געענטפערט מיט אַן איבערגענומענער שטים: — מ׳דאַרף אייך ביידן, קומט דאָקטער, האָט רחמנות.

עס איז אַרויס צו איר אַן אַלטער מאַן, איינגעבויגן, מיט געדיכטע שווייס־פּערל אויפן קאָפּ אַנשטאָט האָר, דיקע גלעזער אין שוואַרצע ראָמען איבער די אויגן און אַ געפלעגט דרייעק־בערדל האָט פאַרלענגערט זיין רונדיק פּנים, וואָס איז געווען אויסגעפּולט ביז איבער די ברעגן מיט אַ דיסקרעטן און נאַטירלעכן שמייכל, אַ סימן פון לויטער גוטסקייט און דינסט־גרייטקייט. זיין ציטערדיקער קאָפּ, וואָס האָט זיך כסדר געשאָקלט אויף יאָ, האָט עס באַשטעטיקט.

— מיין טייערינקע — האָט ער אויפגעהויבן זיינע קלוגע אויגן אויף איר — איר דאַרפט זיכער אַ פּראַקטיצירנדיקן דאָקטער. זייט די לאַגערן האָב איך נישט באַהאַנדלט קיין קראַנקע... געטון מעדיצינישע אַדמיניסטראַטיוו־אַרבעט אין מיניסטעריום, נישט גע־היילט... אין וואָס האַנדלט זיך אייגנטלעך, וואָס איז די קרענק, מיין טייערינקע?

— אַ פרוי, וואָס ברעכט, די נשמה גייט איר אויס ברעכנדיק.

— אפשר שוואַנגערט זי? — האָט ער געפרעגט.

יעל האָט נישט געענטפערט דירעקט, אויס מורא, אַז ער וועט זיך צוריקציען, און זאָגן, אַז ער איז קיין גינעקאָלאָג נישט, מ'זאָל רופן אַ ספּעציאַליסט.

— זי ברעכט שטאַרק — האָט זי איבערגעחזרט — לאָמיר גיין! זי וועט נאָר אַ קוק געבן אויף אייך, חשובער דאָקטער, אויף אייער פּנים, פון וועלכן עס קוקן אַראָפּ צענדליקער יאָרן פון דערפאַרונג, פון קלוגשאַפט, לעבנס־חכמה — וועט זי פון דעם אַליין געזונט ווערן, אויפהערן ברעכן.

— ברעכן, ברעכן — האָט אַ וואָלקן פון אומעט פאַרשאָטנט זיין פּנים און צוגעגעבן כוח אין די פיס — איך האָב געהיילט יידן, וואָס ברעכן, אין לאַגער. איך בין אַ ספּעציאַליסט פון היילן ברעכן...

ער האָט אָפּגעזיפצט און זיך אָנגעשטרענגט אָנצוהאַלטן דעם ריטעם פון די טריט פון דער יונגער פרוי.

— און איך בין אויך אַ ספּעציאַליסט צו מאַכן פון טויט לעבעדיק, פון טויט לעבעדיק... איך וועל עס אייך דערציילן שפּעטער. גיין גיך און דערציילן איז פאַר מיר אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג.

ווען ער איז אַריין האָט אַ ליכטיקייט זיך צעגאָסן איבערן געצעלט און אַן אויפפראַלנדיקע לייטזעליקייט האָט צעשיינט די טריבע, צעוויטיקטע פּנימער.

— סבא — האָט מזל אויסגערופן מיט פרייד און דערלאַנגט דעם דאָקטער איר הענטעלע.

דער דאָקטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַ קוש געטון דעם קינד אין הענטעלע, דערנאָך אין קעפּעלע. יעל האָט זי גענומען, געבליבן שטיין מיט איר ביים איינגאַנג. ניסים האָט אָפּגעטרעטן זיין אָרט.

— גוט, גוט אַזוי. וואָס מער קינדער אַלץ בעסער. בעסער פאַר דער משפחה. בעסער פאַרן פאָלק. אַ פאָלק פון די לאַגערן וועט נאָר דעמאָלט האָבן אַ קיום ווען עס וועט זיין אַ פאָלק פון געזונטע סברהס, אַ פאָלק פון אייניקלעך, פון אוראייניקלעך גע־בוירענע אין לאַנד... איך האָב שוין זוכה געווען צו דריי אור־אייניקלעך; אויף אייך געזאָגט, אויף אַלע יידן געזאָגט... ווען מיינע טאַטע־מאַמע האָבן זעקס קינדער, ווי איר, און נישט צוויי, וואָלט נאָך די לאַגערן זיכער געבליבן מער ווי איינער ממשיך צו זיין...

ער האָט גערעדט און אין דער זעלבער צייט אונטערזוכט דעם בויך, צוגעלייגט אַן אויער צו איר האַרץ, צוויי פינגער צו איר פולס, געהייסן זיך אויפזעצן, געהייסן אַרומגיין.

— יאָ, דערווייל דאַרף מען זען, אַז דאָס זעקסטע קינד זאָל קומען אויף דער וועלט, אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל צו דער קליינער, מלא־חניקער פרינצעסין...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. צוגעגאַנגען צו יעלן.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז כ׳האָב געהיילט ברעכן אין די לאַגערן. ווייסטו ווי אַזוי, אין באַדינגונגען פון הונגער, שיטערע זופ און אַ ברויט־רעפטל, די גרויס פון אַ קינדער־פויסטל; און אָן מעדיצינען... ווייסטו ווי אַזוי? מיט צעריבענער און טרוקע־נער קאָרע פון בוים, אָדער מיט הובלינעס פון געזעגעכץ, פון אַ האָלץ־לאַגער אין אַ שכנותדיקן וואַלד... און פלאַי־פלאַים. עס האָט געהאָלפן; אַ לעפל־צוויי דערפון האָט אָנגעפולט דעם מאָגן און איינגעהאַלטן דאָס ברעכן... צענדליקער אינטערנירטע האָבן אַזוינאָך אויסגעמיטן דעם טויט דורך אַ קויל אין קאָפּ ווייל זיי האָבן געקאָנט גיין צו דער אַרבעט.

אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן, געהאַט מיטלייד מיט די אומגליקלעכע לאַגער־אַרבעטער און נישט געקוי פאַרשטאַנען דעם שייכות צווישן דעם ברעכן פון דער שוואַנגער־

דיקער פּרוי אין אַ קאַמפּינג־געצעלט און דאָס אויסטערלישע מיטל אין יענע טויט־באַדינגונגען.

— נישט קיין קאָרע און נישט קיין זעגעכץ, חלילה — האָט ער געזאָגט — דאָס איז געווען גוט דעמאָלט, דאָרטן. אָבער יענע דערפאַרונג קאָן אויך דאָ ברענגען נוצן. איר האָט דאָך זיכער געבראַכט מצה. צעקרישלט די מצה אויף פּיץ־פּיצלעך, און גיט איר אַראָפּ צוויי גרויסע טיש־לעפל דערפון. דאָס וועט אויספילן איר מאָגן, וואָס וועט ווערן שווער, און ער וועט זיך קעגנשטעלן, מיט דער שווערקייט זיינער, די קראַמפּן; דער מאָגן וועט זיך אויפהערן ווארפן... איר וועט זען, אַז דאָס איז אַ קאָלאָסאַל מיטל, אַ כישוף־מיטל ממש. און נישט ליגן זאָלט איר — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער פרוי — נאָר אַרומגיין; שטייענדיקערהייט אָדער גייענדיק שווערט דער מאָגן אַראָפּ, איז בעסער ווי ליגן, און די בויך־מוסקלען העלפן אַרויס, קרעפּטיקן די אינגעווייד, דעם מאָגן, די דיאַפראַגמע. אַ נו, גיט איר איין דאָס מיטל!

ניסים האָט גענומען ברעכן מצות, צעקרישלען זיי ווי דער דאָקטער האָט געהייסן.

— אָן וואַסער — האָט דער דאָקטער צוגעגעבן — אַראָפּ־שלינגען טרוקן. דאָס איז די חכמה. די מצה וועט איינזאַפּן די פליסיקייטן פון מאָגן און שאַפן אַ גיפּסענע טאַמע, אַזוי צו זאָגן, פאַרן ברעכן; עס וועט נישט זיין מיט וואָס צו ברעכן.

ביים אָוועקגיין, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז אין אַ צוויי שעה זאָל מען איר געבן אַ גרויסן לעפל פאַרין־צוקער. שפּעטער יעדע האַלבע שעה צוויי קליינע לעפעלעך קרישל־מצה, און פאַרן שלאָפן אַ באַנאַנע, אַ גוט־רייפע באַנאַנע. אין פאַל פון שטאַרקן דורשט זאָל מען באַנעצן אירע ליפּן, אָדער אַראָפּגעבן וואַסער טראָפּנווייז, נישט מער ווי אַ האַלב לעפעלע מיט אַ מאָל. אַנשטאָט וואַסער — שטאַרקע טיי, צו האַלבע לעפעלעך יעדע האַלבע שעה.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. זיי האָבן אים געוואָלט באַצאָלן און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען.

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן — האָבן געזאָגט איינשטימיק מרים און ניסים.

ער האָט מיר שוין באַצאָלט — האָט ער געזאָגט אַרויסגייענדיק — אויב איך בין אַרויס פון טויטן־לאַגער און בין דאָ, האָט ער מיר שוין באַצאָלט. ער איז אָבער נאָך שולדיק אַ חוב דעם יידישן פאָלק, דער מדינה, אַ גרויסן חוב. דאָס געשפּענסט פון פאַרטיליקונג שוועבט ווידער איבער אונדזער פאָלק, איבער דער מדינה... די פינצטערע וועלט האָט גאָרנישט געלערנט און אַלץ פאַרגעסן, ווי צו אונדז, ווי צו אַזאַ וועלט, ווי און אַ שאַנד!

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, באַמיט זיך אויסצוגראָדן זיין איינגעבויגענעם רוקן און איז אַרויס.

14

יעל האָט געוואַרט אויף אים ביים געצעלט מיט דער קליינער אויף איר אָרעם.

— תודה — האָט יעל געזאָגט און געוואָלט צופאַלן קושן דעם דאָקטער. אָבער עס איז איר אָנגעקומען שווער צוליבן קינד.

— תודה — האָט די קליינע נאָכגעזאָגט און אויסגעבויגן זיך צום דאָקטערס שטערן מיט אירע דינע ליפּעלעך.

דער דאָקטער האָט גענומען יעלן אונטער אַן אָרעם.

— קום, טייערינקע. יאָ, איך האָב צוגעזאָגט צו דערציילן וועגן מיין צווייטער ספּעציאַליטעט... נו, לאָמיר גיין און האָרך זיך צו ווי כ'האָב געמאַכט פון טויט לעבעדיק... יאָ, לאָמיר וויסן פריער צי דו האָסט נישט אַ צו ווייך האַרץ אויסצוהערן שואה־איבערלעבונגען. פאַראַן אויך יונגע מענטשן, סברהס, וואָס ווילן נישט וויסן. ביי זיי הייבט זיך אָן די יידישע געשיכטע פון עצמאות...

— איך האָב דווקא אַ סך געהערט און אינטערעסירט זיך מיט דער שואה. איך האָב גאָר אַ סך געהערט דערוועגן פון אבא, וואָס איז אַ געקומענער פון אוישוויץ. און דאָס איז אויך געווען אַ וויכטיקער טייל פון לערן־פּראָגראַם אין דער שולע פון גננות.

— נו, גוט. כ׳וועל זיין קורץ. איך בין געווען לאַגעראַרצט פון אַ טאָרף־פעלד, ווו מ׳האָט אויסגעגראָבן ערד, רייך אין פלאַנץ־וואָרצלען און נאַטירלעכער ליגנין; געפּאָרעמט דערפון ציגעלער, געברענט זיי אין ספּעציעלע פאַנען און דאָס האָט געדינט ווי הייץ־מאַטעריאַל, צו דערגענצן קוילן, וואָס זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל זעלטענער... אין אָנהייב איז עס געווען אַ לאַגער פון איבער זעקס הונדערט העפטלינגס, אין זעקס בלאָקן, אויסשליסלעך יידן, האַלב־יידן, על טהרת נירענבערגער געזעצן... ווען איך בין געקומען זענען געבליבן פון זיי נאָר אַן ערך הונדערט פופציק. פאָר מיר האָבן עטלעכע דאָקטוירים געטיילט דעם גורל פון די באַגראָבענע אינעם טאָרף־פעלד... די אַרבעט פון דאָקטער איז באַשטאַנען אין אַלאַרמירן וועגן יעדער מעגלעכקייט פון אַן עפּי־דעמיע, כדי די דייטשע אויפזעערס זאָלן זיך חלילה נישט אָנשטעקן; אין אַרויספירן די טויטע צום ספּעציעלן טאָרף־גרוב און זיי באַ־גראָבן; און אין ראַפּאָרטירן וויפיל העפטלינגס זענען געשטאָרבן איבער נאַכט, כדי צו באַקומען צוגעטיילט מיט אַזוי פיל פּאָרציעס זופּ און ברויט ווייניקער...

יעל האָט זיך צוגעהאָרכט. זי האָט שוין געהערט אַזוי פיל שואה־איבערלעבונגען, אָבער דאָס איז געווען פאַר איר אַן אומ־באַקאַנט קאַפּיטל. זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט כוח, כדי נישט צו שטערן מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ, זיין געשיכטע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און אַן צוריקהאַלט, ווי עס וואָלט געוואָרן ביי אים אַ רוטין, ווי ער וואָלט דאָס דער־ציילט שוין הונדערטער מאָל. זי ווייסט נישט צי האָט עס אַ שייכות מיטן פיינלעכן איינדרוק פון דעם געהערטן, אָבער דאָס קינד האָט

גענומען שווערן אויף איר אָרעם. אויך דער אָרעם פונעם דאָקטער איז איר פּלוצעם אויסגעקומען שווער. זי האָט באַשלאָסן אַראָפּ־צולאָזן דאָס קינד, ווייל איר אָרעם איז געווען אַז אָנהאַלט פאַרן באַגלייטער און האָט פאַרלייכטערט זיין גאַנג. זי האָט דערלאַנגט איר האַנט און געפירט דאָס קינד ביים הענטל.

— עס איז געווען ווינטער. שניי איז געלעגן אויף די פעל־דער. אייז האָט פאַרקרעמפּט די ערד. די שפּאַדלעס ווילן זיך נישט אַריינשניידן אין דער געגליווערטער טאָרף־בלאָטע. דער אויפזעער שטייט מיט אַ בייטש און טרייבט אָן. אַ הונט ווייזט די ציין און בילט ווי אַ וואָלף. עס גיסט זיך שווייס, וואָס ווערט תיכף פאַר־וואַנדלט אין אַ האָגל, קלעפּט זיך צו צו דער הויט, און קייקלט זיך אַראָפּ, בריט ווי אַ פראָסט־ברען. קאַלטער האָגל־שווייס, וואָס בריט און קיצלט.

דער אויפזעער שלאָגט, דער הונט ווייזט די צערייסציין, די שאַרף פון שפּאַדעל ווערט שטומפּיק — און דער שווייס־האָגל קייקלט זיך, קיצלט, רופט אַרויס אַ געלעכטער. אַ העפטלינג פאַלט מיט אַ געלעכטער אויפן פּנים. דער דאָקטער לאָדנט אים אויף דעם צוויי־רעדלדיקן, סקריפּנדיקן וועגעלע, און פירט אָפּ צום גרוב. שליידערט אים אַריין. פאַרשיט אים מיט שניי; די גליווער־ערד לאָזט זיך נישט שיטן . . .

יעל האָט אַרויסגעלאָזט דאָס קינדישע הענטעלע און פעסטער צוגעדריקט דעם אָרעם פון דאָקטער, ווייל עס האָט זיך איר גע־דוכט, אַז ער פאַלט. צי האָט דערמאָנען זיינע איבערלעבונגען אָפּגעשוואַכט זיין האַרץ, אָפּגענומען, ביי אים די זיכערקייט ביים שטעלן טריט ?

עס איז אַדורך יאַנואַר. עס דערגייען קלאַנגען, אַז דער פראָנט ברעכט זיך. אַז די רוסן דערנענטערן זיך. נישטאָ מער ווי 90 העפטלינגס; אַלע גרופּירט אין איין באַראַק. עס איז שווידערלער

קאַלט. די טאָרף־ציגל װערן אַװעקגעשיקט צו װאַרעמען דײַטשן אומעטום װוּ זײַ זענען. נישט די העפטלינגס, װאָס אַרבעטן אים אויס מיט שװײס־אַנגסטן, מיט טויט־סכּנות. מיט דער װיזיע פון סקריפּנדיקן ארון־װעגעלע פון דאָקטער. בײַ די ברען־אויװנס אַר־בעטן רײנע אַריער, דײַטשן, פאָלקס־דײַטשן, אוקראַינער, ליט־װינער. זײַ איז װאַרעם. אַ העפטלינג טאָר זיך נישט דערנענטערן צום שטח פון די ברען־אויװנס. געבליבן נאָר אַבציק. די רוסן זענען שוין נאָענט. טײל אויפזעערס אַנטלויפן. זײַ שרעקן זיך פאַר די רוסן... אפשר װעט מען דערלעבן? נאָך אַ פּאָר װאָכן, נאָך אַ פּאָר טעג אפשר?... יאָ, עיקר שכחתי. געדאַרפט רעדן װעגן מײַן ספּעציאַליטעט... װינטערצײַט זענען דאָ מענטשן געפאַלן װי פליגן. איך האָב געבעטן, מעשה דאָקטער, צו געבן מער זופּ, מער ברויט, און אפשר אויך מאַרגאַרין, װײל מער העפטלינגס פאַלן בײַ דער אַרבעט. האָב איך באַקומען שמיץ... יאָ, פון טויט לעבעדיק. איך האָב געפונען אַ פּאָרטל אַרויסצובאַקומען נאָך אַ טעפּל זופּ, נאָך אַ פּאָרציע ברויט. װי אַזוי? אַזוי װי איך האָב ראַפּאָרטירט יעדן פרימאָרגן װיפיל זענען געשטאָרבן איבער נאַכט, האָב איך אָנגעגעבן מיט אײנעם, אָדער צװײ, װײניקער. כּדי צו באַקומען נאָך אַ ראַציע, װאָס כ׳האָב פונאַנדערגעטײלט צװישן די פאַרשמאַכטע, װאָס האָבן נישט געקאָנט אויפשטײן צו דער אַרבעט, און אַזוי זײַ געראַטעװעט...

יעל האָט זיך אומגעקוקט און געזען, אַז מזל איז הינטער־שטעליק, גײט נאָך מיט װאַקלדיקע טריטעלער, װי זי װאָלט עפּעס פאַרשטאַנען, אָדער אַ ברוגזע װאָס יעל האָט אַפּגעלאָזן איר הענטל. זײַ האָבן זיך אַפּגעשטעלט, געװאַרט אויפן קינד. דער דאָקטער האָט געװישט דעם שװײס פון זײַן קאָפּ און שטערן. ער האָט באַפרײַט זײַן אָרעם און געקוקט מיט שפּיזיקע אויגן אויף איר, װי ער װאָלט געװאָלט זי דורכדרינגען און טרעפן אירע מחשבות, איר רעאַקציע.

— נו, בקיצור נמרץ — האָט ער אַריינגערעדט גלייך אין איר פּנים — די אַפּעלן זענען געווען אין אָוונט, נעבן דעם הויפּט־באַראַק. אויפן הינטערגרונט פון דער שוואַרצער באַראַקוואַנט און ביי די געדיכט־טונקעלע ווינטער־אָוונטן, האָט דער אַפּעל־מייסטער נישט באַמערקט ווי דאָ און דאָרטן שטייט אַ פאַרגליווער־טער מת, אונטערגעהאַלטן דורך צוויי נעבנשטייענדיקע, און ער האָט זיי אַריינגערעכנט צו דער צאָל פאַרציעס אויף צו מאָרגנס...
צו מאָרגנס פרי האָב איך אָנגעגעבן, האָב איך געמאָלדן מיט אַ צוויי טויטע וויניקער... דו דאַרפסט וויסן, אַז פאַר טאָגס האָט מען אויסגעטיילט דאָס עסן פאַרן באַראַק, דורך אַ פענצטערל, ווי אין אַ טעאַטער־קאַסע. מ'האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון דרויסן. אַ האַנט האָט אַרויסגעשטעקט דורכן פענצטערל, גענומען די זופּ און דאָס ברויט... און אַזוי ווי צו דער אַרבעט זענען געקומען וויניקער מענטשן, האָב איך געזאָגט, אַז זיי זענען געשטאָרבן באַלד נאָכן אָפּעסן פרישטיק... אַזוינאַך האָבן די כמעט־טויטע באַקומען נאָך אַביסל זופּ, נאָך אַ ברעקל ברויט, און געקאָנט ווייטער ציען דעם אָטעם... שפּעטער, ווען די רוסן זענען שוין געווען גאָר נאָענט, האָבן די אויפזעערס גענומען ציטערן פאַר זייער זינדיקן לעבן, און נישט מער געמאַכט קיין אָוונט־אַפּעל. האָבן זיי זיך פאַרלאָזט אויף די ציפערן, וואָס איך האָב געמאָלדן אין אָוונט און פרימאָרגנס... ביז, ביז אַן אייז־פראָסטיקן ווינטער־פרימאָרגן איז פּלוצעם אַראָפּגעקומען אַ הויכגראַדיקער עס־עס־מאַן. ער האָט נאָכגעציילט תיכף נאָך מיין ראַפּאָרט. געפונען, אַז עס שטימט נישט. עס שטימט נישט. ווער איז שולדיק? שולדיק איז דער דאָקטער. ער האָט געשווינדלט. מיט אַ בייזוויליקער כוונה. הכלל, וואָס זאָל איך ממשיך זיין? איך האָב באַקומען פופציק שמיץ אויף די נאַקעטע הויט־און־ביינער, און מ'האָט מיך אַריינ־געוואָרפן אינעם טויטן־גרוב... ווען די רוסן קומען נישט דריי טעג שפּעטער, וואָלט נישט געווען ווער דאָס צו דערציילן.

מזל איז אונטערגעקומען, דערלאַנגט יעלן איר הענטל. יעל האָט זי געוואָלט נעמען אויף זיך, אָבער זי האָט געפילט, אַז עס פעלן איר אויס כוחות. זיי האָבן געמאַכט נאָך אַ פּאָר שפּאַן און זיך געפונען פאַרן גרינעם געצעלט פון דאָקטער. ער האָט איר דער־לאַנגט אַ נאַסע און וואַרעמע האַנט.

— אויסטערליש, האַ? — האָט ער געפרעגט דריקנדיק איר האַנט.

— מסירות־נפשדיק, העלדיש, אויסערגעוויינלעך העלדיש — האָט זי געשטאַמלט, צעציטערנדיק יעדע זילב.

— וואָס פאַר אַ העלדישקייט? ביי אונדזער דאַיִקן דור, איז אַ העלד דער, וואָס צייכנט זיך אויס אויף די פראָנטן, אין דער לופטן, אויפן ים, און באַקומט אַ מיליטערישן מעדאַל. זיי ווייסן נישט, אַז בלויז דורכלעבן אַ טאָג אין אַ לאַגער, אין אַ געטאָ, אין דער פּאַרטיזאַנקע אָדער אויף דער אַרישער זייט, איז געווען אַן ענין פון גבורה, פון איבער־מענטשלעכער העלדישקייט... היינט ערשט די אַנאָנימע דאָרטיקע קעמפער, די קידוש־השם יידן, די הייליקע און תמימותדיקע מסירות־נפש יידן, וואָס אין זייער זכות איז געבליבן אַ שארית־הפליטה. העלדישקייט פאַרדינט דעמאָלט איר נאָמען, ווען זי גייט געקנופּט און געבונדן מיט הייליקייט... אויך די ערשטע חלוצים זענען געווען אַזעלכע. אַלע חלוצים און בויער, די באַקעמפער פון זומפּן, מאַלאַריע מיט אַראַבישע מעסערס־קינזשאַלן ביים האַלדז — זענען גיבורים־קדושים. זיי פעלן אונדז איצטער. מיר נייטיקן זיך נישט ווייניקער איצטער, ביים היינטיקן מצב, אין חלוצים, אין העלדן, הייליקע, מסירות־נפש יידן; בעתן בויען און אויפלעבן נישט ווייניקער ווי בעתן חורבן — טאָקע כדי צו פאַרטרייבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאָס געשפּענסט פון דער שואה...

ער איז אַריין אין געצעלט. יעל האָט אָנגענומען פעסטער די קליינע ביים הענטל און מיט פּיס ווי בליי געגאַנגען צו זיך. זי האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד פאַרן געצעלט פון אירע עלטערן.

15

יעל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שווערע, מיט אַ קאָפּ וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ קאַרוזעלע, אַזוי גיך אַז עס דוכט זיך אַז זי שטייט. איר איז אויסגעקומען, אַז דער אַלטיטשקער דאָקטער שטייט דערנעבן און איבערחזרט דאָס ערשט־דערציילטע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך נישט געהאַט געהעריק איינגעהערט און מ׳דאַרף איר אויף ס׳ניי אַריינהאַקן אין קאָפּ אַריין. די רויע שילדערונגען, די פּאַטעטישע בילדער, פון וועלכע עס האָט געוויייעט, נעבן זייער שוידער און גרויל, אַזאַ איבערמענטשלעכע גבורה און קדושה און אַזאַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע מסירות־נפשדיקייט, האָבן צעציטערט אירע האַרץ־סטרונעס, געמאַכט קאָכן די בלוטן.

זי איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און געטראַכט אויפ־צוּוועקן יואלן, וואָס איז געלעגן אַ מידער און געאָטעמט מיט אַ פולער ברוסט. ער ווייסט מסתמא נישט וועגן דעם אַלעם. ער ווייסט אפשר יאָ, אָבער נישט קיין פּרטים. זיין פאָטער איז נישט געווען אין די לאַגערן. ער איז דער דריטער דור אַ חיפער. זיין מוטער — פיר דורות טבריהער. זי וועט אים אַלץ איבערגעבן. און אויך דעם אויספיר, דעם מוסר־השכל פונעם דאָקטער. יואל איז דער אויטענטישער גיבור, קיין ספק נישט. זיין אויפפירן זיך אין דער אַרמעע אַנטשפּרעכט דער אידעאַלסטער פאַרשטעלונג פון העלדישקייט. מען איז אָבער נישט יוצא דערמיט. ביי אונדזער לאַגע דאַרף העלדישקייט זיין אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג, נישט נאָר אין מיליטערישן לעבן, נאָר אויך ציווילן. חלוציזם, מסירות־נפש, יום־יום, טאָג־טעגלעך...

זי האָט זיך פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט. זי האָט געוואָלט אַנטדרימלט ווערן, איינשלעפערן די בילדער, די מחשבות, וואָס האָבן צעווילדעוועטע געפלאַנטערט זיך אונטערן שאַרבן און געקלאַפּט אין די שלייפן ווי מיט שפּיציקע העמערלעך.

פון דרויסן האָבן זיך אַריינגעריסן טריט. טריט, וואָס גייען אַהין. טריט, וואָס גייען אַהער. און קולות. גערייד. עס אַרט זיי נישט, וואָס מען וויל אין די געצעלטן זיך אויסרוען, כאַפּן אַ דרימל. און אַ גערוך האָט זיך אַריינגעריסן, וואָס יעל קען שוין זיין אָפּשטאָם. זי האָט זיך דערמאָנט די כראָנאָלאָגיע פון די גערוך־כוואַליעס לויט ניסימס דערפאַרונג. איז ער דאָך דאָ מיט אַ טאָג לענגער פון איר, און האָט באַוויזן זיך איבערצוצייגן. נישט אַזוי ווייט ער, ווי זיין פּרוי. אינטערעסאַנט ווי זי פילט זיך איצט, נאָך דעם דאָקטערס עצות. קיין ספק נישט, אַז אַזאַ דאָקטער, אַזאַ ליבלעכער און מלאכדיקער, און אַזאַ אויסנעמלעכע און פּערזענ־לעכע דערפאַרונג ביים מאַכן טויטע לעבעדיק אין יענער גהינום־וועלט — וועט ברענגען די ריכטיקע הילף. מסתמא איז עס דער איינציקער פּאָזיטיווער עקספּערימענט פון זיין לאַגער־לעבן... נישט מעגלעך, אַז עס זאָל נישט געלונגען. זי האָט זיך אונטער־געהויבן צו זען צי די קליינע מזל איז נישט געקומען זי ציען ביי אַ האַנט צו גיין צו דער מאַמען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ברעכן האָט זיך נישט באַנייט, טראָץ דער באַנייטער איבל־כוואַליע. אפשר וועט מען נישט דאַרפן פאַרלאָזן דאָס אָרט? גיי, שלעפּ זיך ווידער, וואָגל אַרום מיט אַ פּרוי וואָס האָט אַ נטיה צו מפּלען, וואָס ברעכט, אפילו אָן שכינות פון לאַטרינעס. און צוריק־געשמועסט, צי וועט מען אַנדערשוווּ געפינען בעסער? זענען דאָך אַלע כינרת־ברעגן באַזעצט, פאַרכאַפּט געוואָרן באַלד מוצאי־יום־טוב. אפשר טאַקע אויפגעבן דאָס פאַרלאָזן. איי, דער ריח! וועט מען, לויט די כראָנאָלאָגישע געגעבענע, גיין באָדן זיך דעמאָלט, גיין שפּאַצירן ווייט פון די אַקאַציע־ביימער. נו, און ביי נאַכט? בעתן נאָכמיטאָג־דרימל?

זי האָט דערהערט דעם קול פון ניסים. ער האָט זיך געבייזערט. ער האָט פּראָטעסטירט, וואָס די ריי רוקט זיך נישט פאָראויס, וואָס

די צאַל לאַטרינעס איז אַזאַ קליינע און וואָס זיי געפינען זיך אַזוי נאָענט פון די געצעלטן, און אַזוי ווייניק ביימער און בלומען־קוסטעס איינצושלינגען דעם געשטאַנק.

— מ׳איז נישט דאָ אין אַ לאַגער — האָט איינער געגעבן געדעכט ניסימען — אין אַ דייטשן לאַגער איז מען אויסגעגאַנגען פון בויך־ווייטיק ביז מ׳האָט זיך צוגעשלאָגן צו דער ריי. אָדער פון אַ קויל אין קאָפּ, ווייל מ׳האָט פאַרזוימט צוליב דעם צו דער אַרבעט.

— עס איז נישט געווען בעסער אין אַ סאָוויעטישן לאַגער — האָט איינער צוגעגעבן — איך האָב באַקומען צוויי וואָכן קאַרצער, נאָר אויף טרוקן ברויט און וואַסער, פאַר זיצן מיט אַ מינוט לענגער אין לאַטרינע.

— איך ווייס נישט וואָס איר האָט צום געשטאַנק — האָט עמעץ מיט אַ הייזעריקן קול אַנגעקנופּט צו ניסימס טענה — פאַר מיר איז עס דער ריח פון פרייהייט. דער ריח פון פרייהייט, רבותי.

יעל האָט געהערט אַ טומל פון קולות, וואָס האָבן אויסגעדריקט פּראָטעסט, דערשטוינונג, חוזק, געלעכטער און באַליידיקונג.

דער רעש האָט אויפגעוועקט יואלן. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו יעלן. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס זי טראָגט איר קליידל. ער האָט נישט געדענקט ווען זי האָט עס אָנגעטון און ער האָט זיך בכלל נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז זי האָט פאַרלאָזן דאָס בעט. ער האָט געלאָזן פאַלן עטלעכע האַלב־פאַרשלאָפענע ווערטער. יעל האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין מויל ער זאָל שווייגן. און הערן. ער האָט געקושט איר האַנט. געשוויגן און געהערט.

— האָרכט מיך אויס, הערט זיך איין — האָט זיך געבעטן דער הייזעריקער — וועט איר מיך פאַרשטיין.

עס האָט גערדויערט ביז דער טומל האָט זיך איינגעשטילט. דער הייזעריקער האָט אָפּגעהוסט, אויסגעשפּיגן, אויסגערייניקט

זיין קעל, און מיט אַ דערהויבענער שטים דערציילט: — דאָס איז געווען אין אַ לאַגער, נישט ווייט פון דאַכאַו. מ׳האָט דאָרטן אויסגעאַרבעט טיילן פון די פליענדיקע ראַקעטעס, טילים, וואָס זענען געפלויגן אויף לאָנדאָן און אַנדערע ענגלישע שטעט, ווי עס איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן, ווי אויך אַנדערע געהיימע וואָפן. פון מאַניפּולירן בעמישע שטאָפן און אויפּרייס־פּולווער, זענען רוב העפטלינגס געוואָרן געל און בלאָ, און געגאַנגען גיך פון דער וועלט. איך בין נישט געווען ביים בעמישן אָפּטייל. מיך האָט געראַטעוועט אַן עס־עס־מאַן. פאַר וואָס דווקא מיך? ווייל מיין נאָמען איז עמנואל גרינער. נו, איז וואָס? דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער נאָמען פון זיין גלח, אין זיין שטעטל, איז אויך געווען סיי עמנואל און סיי גרינער. דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען האָבן געשטימט. און אַזוי ווי דער עס־עס־מאַן איז געווען אַ שטאַרק גלייביקער, יעדע מינוט זיך געצלמט, געשמיסן און זיך געצלמט, געשאָסן און זיך געצלמט, געהאָנגען און זיך געצלמט, און געגלייבט האָט ער אין זיין גלח נישט ווייניקער ווי אין זיין גאָט — נו, האָט מיין נאָצי געזען אין דער אידענטישקייט פון מיינע נעמען מיט דעם גלחס עפּעס אַ סימן פון אויבן, אַ צייכן פון יענער וועלט... און ער האָט אַלץ געטון, אַז עס זאָל מיר זיין בעסער ווי אַלע אַנדערע אינעם לאַגער...

— אייל זיך צו, אייל זיך צו מיט דער מעשה — האָט געבעטן מיט איר קוויטשנדיקן קול אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון אַ לאַטרינע — מאַך בקיצור.

— אַ שיינעם טאָג איז געקומען מיין עס־עס־מאַן מיר אָנפאַרטרויען אַ סוד — האָט זיך געהערט זיין שטים, וואָס אַ פלעגמע האָט ווידער פאַרהייזעריקט — דהינו, אין דריי שעה אַרום ווערט ליקווידירט דער לאַגער. אַלע ווערן געשיקט צום אומקום, ווייל זיי ווייסן סודות. מיר זענען סודות אומבאַקאַנט; כ׳האָב געאַרבעט נאָר ביי עקספּעדיציע. דערצו הייסט איך עמנואל גרינער! וויל ער

מיך ראַטעווען, מיטן באַדינג אַז כ׳זאָל קיינעם נישט וואָגן דער־וועגן צו דערציילן. באַלד וועט זיין לאַגער־שפּערע. אויך דער לאַטרינע־שטח וועט זיין פאַרשפּאַרט. איך מוז גיין שוין איצט אַהינצו, פאַר דער שפּערע. און בלייבן דאָרטן די גאַנצע צייט. כדי מ׳זאָל מיך דאָרטן נישט געפינען, מוז איך אַריינקריכן אין שייס־גרוב, צוהאַלטן זיך נישט אונטערצוגיין אין דער שייסע. ווען דער לאַגער וועט זיין אויסגעליידיקט, וועל איך אַרויס. נישט ווייט פון דאַ איז פאַראַן אַ טייכל. וועל איך זיך אַרומוואַשן. דערנעבן איז פאַראַן אַן אַלטער פאַרלאָזענער יידישער בית־עלמין. ביי אַן איינגע־זונקענער מצבה וועט ער איבערלאָזן פאַר מיר אַ ציווילן אַנצוג און פאַלשע פּאַפּירן...

— רעדט העבער — האָט אַרויסגעשריגן די פרוי מיטן קוויטשנדיקן קול פון דער פאַרמאַכטער לאַטרינע אַרויס — העבער, איך בעט אייך!

דער ייד האָט זיך צעהוסט, אַרויסגעברענגט לייכעץ און מיט אַן אויפגעהויבענער שטים פאַרענדיקט: — האָב איך אַזוי געטון. מילא, זאָל איך אייך באַשרייבן וואָס אַזוינס איך האָב געפילט ביז איבערן האַלדז, אַ הענגענדיקער אין צואה, ביז צו די נאָזלעכער, מיט דעם עיפּוש וואָס צעגייט זיך מיט די בלוטן אין אַלע אברים? איך האָב געמיינט, אַז אָט אָט גיי איך אונטער. און אַ סוף. אָבער פּלוצעם האָבן מיינע פיס אָנגעטאַפּט עפּעס האַרטעס, ווי צונויפ־געפּלאָנטערטע קלעצלעך, אָדער ביינער. געווען איז עס אַ סקעלעט פון אַ מת, וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן, אָדער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... האָבן מיינע פיס זיך געשטעלט אויף אים און עס איז אָוועק דער קראַמף פון די הענט... אפשר האָט עס מיין עס־עס־מאַן געטון, כדי איך זאָל קאָנען אָנשפּאַרן די פיס און נישט אונטערגיין? איך האָב געהערט שיסן, יאָגן די העפטלינגס אין לאַסטאויטאָס, איך האָב געהערט דאָס געביל פון וואָלף־הינט, לאַנגע סאַלוועס פון מאַשין־געווער און די לעצטע אויסגעשרייען

פון מענטשן. די טיר פון דער לאַטרינע האָט זיך געעפנט מיט אַ גרויל־סקריפּ און זיך גיך צוריק פאַרמאַכט מיט אַ קללה: דאָנער־וועטער, טויפלגעשטאַנק, דרעק־יודען, שטינק־לייכען, דאָנער־וועטער!... פאַר מיר איז דער געשטאַנק געוואָרן דער געשטאַנק פון פרייהייט, דער ריח פון פרייהייט. דאָס האָט מיר דערלויבט איבערצוקומען; פרייהייט איז שטאַרקער פון עיפּוש, פון צואה; דער ווילן צום לעבן איז שטאַרקער ווי עטלעכע שעה ביז איבערן האַלדז אין אַ לאַטרינע... דער ריח איז מיר נאָכגעגאַנגען אומע־טום. ער איז ביי מיר תמיד געווען דער ריח פון פרייהייט... אויך ביז איצט קומט ער מיר פון צייט צו צייט קאַפּויער... בפרט ווען איך בין אין אַ סכנה... בעת דער מלחמת־השיחרור, דירעקט פון אַ מעפּילים־שיף אַראָפּ. בעתן פאַרנעמען דעם כותל־מערבי. אין אַ טאַנק אויפן גולן. בעת קאָמאַנדאָ־אויספלוגן צו די טעראָ־ריסטן־לאַגערן אין לבנון... ווען דער ריח גיט מיר דעמאָלט אַ שלאָג אין דער נאָז אַריין — ווייס איך, אַז עס איז אַ גוטער סימן, אַז דאָס איז דער ריח פון פרייהייט, דער ריח פון לעבן... ווען עס גייט אין פרייהייט און לעבן, קאָן קיין שום ריח נישט אָפּשרעקן, טאָר קיין שום טויט־פּחד נישט אָפּהאַלטן, אַפילו ווען דער ריח, דער עקל און דער פּחד קריכן אויבן אַרום, און טרייבן צו ייאוש... אָט, רבותי, איז די געשיכטע פון געשטאַנק, פון לאַטרינעס, פון דעם ריח פון פרייהייט...

16

אַ גלייַקע נאָכמיטאָג־זון האָט אָנגעהייצט זייער געצעלט און צוזאַמען מיט די שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די שפּאַלטן ביים איינגאַנג, געמאַכט שווער דאָס אָטעמען און די אויגן־לעדלער. זי האָט געהאַלטן ווייטער איר האַנט אויף יואלס

מויל, כדי ער זאָל נישט רעדן, און געטראַכט ווי גוט וואָלט געווען ווען זי קאָן איינשלאָפן. אָבער דאָס וואָס זי האָט געהערט פונעם דאָקטער און אַט ערשט פונעם הייזעריקן ייד מיטן ריח פון פריי־הייט לאָזט נישט שלאָפן. דאָס האָט איר געבראַכט אויפן געדאַנק זאַכן און פאַקטן, וואָס האָבן פריער נישט צוגעצויגן איר אויפ־מערקזאַמקייט.

זשאַק האָט מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט וועגן שואה, וועגן חורבן, וועגן פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן קיום פון פאָלק, פון דער מדינה. זיי האָבן אים אויף אַזוי פיל אינטערעסירט אויף ווי פיל זיי זענען געווען געבונדן מיט זיינע פערזענלעכע געשעפטן און אויסרעכענונגען. זי האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיינע געשעפטן. זיי האָבן איר אויסגעזען פאַרבאָרגן, געהיים. אַנומלט, ווען זי איז געווען מיט אים אין רויטן מערצעדעס, שפּעט אין דער נאַכט, האָט אַנגעקלאַפּט עמיץ אין אויטאָ. זשאַק איז אַרויס צו אים, ער האָט געעפנט דעם הינטערקאָפער, אַרויסגענומען אַ גרעסער פּעקל פון דאָרטן און דערלאַנגט יענעם. עס האָט איר אויסגעזען נישט כשר. ער פלעגט פון צייט צו צייט אַוועקפאָרן אויף טעג גאַנצע, און דערציילן שפּעטער, אַז דאָס איז אין שייכות מיט זיינע עקספּאָרט־אימפּאָרט געשעפטן אָדער מיט זיין גאַראַזש.

זי פלעגט אָפט באַשליסן, אַז זי רייסט איבער מיט אים, מער גייט זי נישט אַרויס מיט אים. זי האָט געטענהט, אַז דער פאָטער איז קראַנק, אַז יעדעס מאָל ווען זי קומט צוריק שפּעט באַקומט ער אַ שטאַרקן אַסטמע־אַטאַק.

"דיין אבא אינטערעסירט מיך נישט, נאָר דו" — פלעגט ער ענטפערן ברוטאַל.

— איך פאַרנאַכלעסיק די אַרבעט, בין נישט אויסגעשלאָפן צו מאָרגנס און די קינדער ליידן דערפון.

"עס זענען נישט דיינע קינדער; וואָס נעמסט דו דיך איבער אַזוי מיט פרעמדע קינדער".

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי גערופן דורכן פענצטער, געגעבן אַ פייף, אָדער ווען זי האָט געהערט זיין באַפעלערישן קול אין טעלעפאָן־טרייבל — איז זי אָבער געגאַנגען צו דער באַגעגעניש. ער האָט איר אַ כישוף אָנגעטון. זי האָט זיך געשווירן אַנומלט, אַז מער גייט זי נישט צו אים אַרויס; אָפּגעמאַכט ביי זיך פעסט. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי איר פאָטער האָט געהאַט אַנטדעקט אין איר טאַש אַ שעכטל מיט „גלולות" קעגן פאַרשוואַנגערן און גענומען איר נאָכגיין. און אַנטדעקנדיק זי מיט זשאַקן אינעם מערצעדעס, האָט ער געעפנט אַ טיר, זי אַ פעסטן שלעפּ געטון ביי אַ האַנט און זי מיטגעצויגן מיט זיך. זי האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער און אויך זיך, אַז זי האָקט איבער. אָבער, ווען נאָך עטלעכע טעג, האָט ער זי ווידער אָנגערופן טעלעפאָניש און געדראָט, אַז אויב זי וועט נישט קומען, וועט ער נקמה נעמען אין פאָטער; ער האָט נישט געוואָלט דעמאָלט רעאַגירן אויפן אָרט, אָבער ער איז גרייט עס צו טאָן... איז זי געלאָפן צו אים ווי אַ הערבסט־בלאַט געטראָגן דורך אַ ווינטער. איר פאָטער האָט געזאָגט, אַז עס איז אַריין אין איר אַ דיבוק, עפּעס אַ שד, אַ שגעון רחמנא לצלן... זיין אַסטמע האָט זיך פאַרערגערט. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז מ'מוז אים נעמען אין שפּיטאָל. ער האָט נישט געוואָלט זי איבער־לאָזן אַליין, אויף הפקר — האָט ער געזאָגט. ווען ער האָט פאַר־שפּאַרט אַנומלט די טיר און זי נישט אַרויסגעלאָזט, האָט ער איר געזאָגט מיט כעס, אַז אויב זי גייט נאָך אַרויס צו אים, וועט ער גיין צו דער משטרה.

— וואָס עפּעס משטרה, אבא? צי האָב איך גוט געהערט?

„יאָ, האָסט גוט געהערט. משטרה".

— וואָס פאַר אַ שייכות, אבא?

„גאָר אַ וואָזשנע שייכות, מיין טאָכטער, אַ וואָזשנע שייכות".

— איך זע נישט, אבא, איך זע נישט.

"איך זע יאָ. ער איז אַ הפקר־יונג. ער פירט טריפענע געשעפטן. איך האָב אים נאָכשפּיאָנירט. ער טרעפט זיך מיט מאַפּיע־אונטערוועלטניקעס".

— וואָס רעדסטו, אבא. דו נאָכשפּיאָנירט, דו?

"עס האָט מיר געקאָסט געלט. פּריוואַטע דעטעקטיוון. איך וועל אים לאָזן איינזעצן, אויב הערסט נישט אויף. איינזעצן. ער וועט פוילן אין תפיסה. די מדינה וועט פּטור ווערן פון אַ פּאַראַזיט, אַ בלוט־זויגער".

— זאָלסט נישט וואָגן, אבא. נישט וואָגן!

"און דו ועסט וואָגן ווייטער?"

— מסירה, אבא, איז אַ שרעקלעכע זאַך. דו, אבא, אַ מוסר?!

"און דו, יעל, אַ..."

— אַ וואָס, אבא?

"דו ווילסט איך זאָל פּורש בשם זיין? טאָ וועל איך דיר זאָגן: אַ, אַ הפקר־מויד, אָט וואָס דו ביסט!"

— איך, אבא, איך אַ הפקר־מויד?

"זעליג ליבעס טאָכטער, משה דעם סופרס אַן אייניקל, דו... דערצו האָב איך איבערגעלעבט די טויט־לאַגערן, האָ? ווייל איז דער מאַמען, וואָס האָט דאָס נישט דערלעבט,ווייל..."

יואל, וואָס האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און געטראַכט וועגן דעם אָקערשט־געהערטן, האָט דערפילט ווי עס וואָלט אַריינ־געריגנט אין הייסע טראָפּנס באַנעצן זיינע באַקן. ער האָט אַראָפּ־גענומען איר האַנט פון זיין מויל און געהערט ווי זי זיפצט, ווי זי אָטעמט מיט רעש.

— דו וויינסט, יעל, האָ?

— ניין, נישט איך, מיין אבא. דאָס וויינט מיין אבא.

— דו חלומסט, יעל.

— איך חלום, אַז דער אבא וויינט. דאָס זענען גרויסע, שווערע, איבערצייגעוודיקע און ווייטאָגדיקע טרערן ווי שמיץ, טרערן־שמיץ וואָס צערייסן די אינגעווייד, וואָס צעטרייסלען, צעקאָכן די בלוטן, צעשטורעמען די געדאַנקען, ענדערן דעם גאַנג פון אַ לעבן, קערן אום וועלטן...

ער איז אַראָפּ פון בעט, געמאַכט אַרט פאַר איר, זי זאָל זיך באַקוועם אַוועקלייגן און קומען צו זיך. ער האָט אָפּגעהילט דעם ברעזענט־פאַרהאַנג. די דרויסנדיקע שיין האָט פאַרפלייצט איר פּנים און אויפגעריסן אירע וויעס. גרויסע טרערן־פּערל האָבן געציטערט אין אירע אויגן־ווינקלען און ביי יעדן זיפץ צעשפּרונגען זיך און געקייקלט צעשיטע איבער די באַקן.

ער האָט זיך צוגעזעצט, זי אַרומגענומען, און געטריקנט אירע באַקן מיטן צעהיצטן שפּיץ פון זיין צונג.

— נו, שוויג, מיין ליבע. אַ חלום בלויז, אַ קאָשמאַר, און דו וויינסט.

— ביסט גערעכט, גערעכט.

זי האָט זיך אויפגעזעצט. אים אַרומגענומען.

— ביסט גערעכט. איך דאַרף נישט וויינען איצט. ווייל נאָך יענעם געוויין פון אבא, איז געקומען אַן איבערקערעניש. איז געקומען דער מלאך. ביסט געקומען דו... דו ביסט צופעליק פאַרבייגעגאַנגען, אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון הימל...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב דיך געזען פליענדיק אין די וואָלקנס, דו ביסט געווען אַ טויב... און איך האָב דיך געפונען צווישן קליינע פייגעלער...

— נישטאָ מער דער אָדלער, נאָר קליינע פייגעלער, פייגעלער...

— אַ טייבעלע, אַ צערטלעכע, אַ גוטינקע, צווישן צעזונגענע, צעשפּילטע, צעטאַנצטע פייגעלער!

17

זיי ליגן אויף דער פּליאַזשע אַ פּאָר שפּאַן פון וואַסער. עס ליגט זיך האַרט. קינדער האָבן צוגענומען דאָס זאַמד, צונויפגעזאַמלט אויף איין אָרט, און בויען טורעמס, טונעלן, בערג, שלעסער, קוכנס און גיסן וואַסער, אַז דאָס זאַמד זאָל זיך נישט פונאַדערשיטן און מאַכן אַ תל פון זייערע שאַפונגען. אויך די קליינע מזל שפּילט זיך מיטן זאַמד. ניסים זיצט דערנעבן. שענקט איר איין אויג און דאָס צווייטע זיינע צוויי טעכטערלעך, וואָס לויפן אַרום ביז איבער די קנאַפּלען אינעם וואַסער, און לויפנדיק באַשפּריצן זיי די, וואָס ליגן נישט ווייט פון ראַנד. זיי לאַכן האַרציק און צעשפּילט, און די באַשפּריצטע שרייען, פּאַכען מיט פויסטן צו זיי, דראָען. אַנדערע לאַכן זיך אויס פון די וואַסער־שפּריצן און פון די פּראָטעסטן. זיי זענען אויף דער זייט פון די קינדער. קינדער זענען קינדער. ניסים מישט זיך נישט אַריין, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט אין זיינע קינדער. ער ווייסט, אַז סיי די קינדער און סיי די באַשפּריצטע זענען גערעכט. איז בעסער, אַז מ׳זאָל נישט ווּיסן, אַז ער איז דער פּאָטער, ווייל דער גאַנצער כעס וועט זיך אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. יואל און יעל האָבן געטראַכט דאָס זעלבע.

גיך האָט זיך געפונען אַ לייזונג פון זיך אַליין. פון געצעלטןשטח האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן אַהערצו אַ קוויטשנדיקע פרויעןשטימ, וואָס האָט אויסגערופן די נעמען פון אירע אַרטיקלען: קאָקאַ־קאָלאַ, סאָדאַ, פּרוכט־זאַפּטן עבטע פון לעבעדיקע פּירות, מיצים אין פלאַשן, בירה, בירה און דאָס אַלץ אייזקאַלט, פון אייזקאַסטן אַרויס, אייז־קאַלט, רבותי, גבירותי!

יעל האָט גענומען איין מיידעלע ביי אַ הענטל, יואל דאָס צווייטע מיידעלע און געלאָפן מיט זיי צו דער פּאַרקויפערין, וואָס האָט געשטופּט פאַר זיך אַ רחבותדיקן קאַסטן אויף צוויי רעדער, וואָס האָבן געסקריפּעט פונעם זאַמד, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען

אין די אָקס־געשטעלן. די קינדער האָבן געוואָלט קאַקאַ־קאָלאַ. יעל האָט נישט מסכים געווען, אָבער נאָכגעגעבן זייער ווילן. זי האָט גענומען אַ פלעשל מיץ־ענבים און ער — אַ פלעשל ביר. זי האָט געטראַכט אויך וועגן ניסימען און דער קליינער. מסתמא האָט דער פּאָטער דעם זעלבן געשמאַק ווי די מיידעלער, האָט זי געטראַכט, און געקויפט אַ גרויסע פלאַש קאַקאַ־קאָלאַ.

— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט — האָט ניסים געהאַט טענות — אַ שאָד געלט! אַ ביטערע צייט היינט. מ׳דאַרף איינ־שפּאָרן. אויסגעבן נאָר אויף מוז־זאַכן. וואָס פאַרדינט שוין היינט אַ גננת, מ׳שטיינסגעזאָגט. און איינער וואָס זוכט אַרבעט, טאָר דאָך זיכער נישט פאַרשווענדן.

— זאָרגט זיך נישט, אדון ניסים — האָט זי אים באַרויִקט — סיי ווי איז די פלאַש שוין אָפן.

מזל, וואָס איז געווען פאַרשפּילט מיטן זאַמד, איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן ביים פּאָטער און געפינטלט מיט די אייגעלעך צו דער פלאַש, אויפעפנענדיק ברייט די ליפּעלעך. דער פּאָטער האָט גענומען די פלאַש, אַריינגעטון די טרינק־שטרוי און דערלאַנגט דעם קינד. דער גאַז, וואָס האָט אַ שלאָג געטון איר אין נעזל אַריין האָט זי געמאַכט ניסן. זי האָט אָפּגעשטויסן די פלאַש און גענומען אין מויל אַריין בלויז די שטרוי, געביסן דעם עק און געדרייט מיטן נעזל, פאַרמאַכט די אייגעלעך. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט, צוריקגעגאַנגען צום זאַמד־אָנשיט, אַריינגעשטעקט די שטרוי אויבן, אינעם טורעם, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט, און געווען צופרידן פון איר איינפאַל.

די גרעסערע מיידלעך האָבן זיך געזעצט נישט ווייט פון זייערע געצעלט־שכינים און געשפּילט זיך מיט דער טונקעלער פליסיקייט און די שטרויען, אַריינגעבלאָזן לופט, געפרייט זיך מיט די בלעזעלער, וואָס שאַפן זיך אינעם ליידיקן טייל פון די פלעש־לער, און פּלאַצן מיט אַ קוויטש, באַשפּריצנדיק די ליפּעלער און

דעם שפּיץ פון נעזעלע. יעדעס מאָל האָבן זיי עס באַגלייט מיט אַ שטיפערישן אויסרוף און אַ צעגלעקלטן געלעכטער. עס איז זיי מער געגאַנגען אינעם שפּיל, אין די שטרויען און די קינסטלעכע בלעזעלער, ווי אין קילנדיקן געטראַנק.

יעל און יואל, ווי זיי וואָלטן געטראַכט דאָס זעלבע, זענען געקומען צום זעלבן באַשלוס, און דערלאַנגט די מיידלעך זייערע שטרויען, כדי זיי זאָלן האָבן נאָך מער הנאה.

און אַליין האָבן זיי געטרונקען פון די פלאַשן.

— האָסט ליב פערמענטירטן זאַפט פון וויינטרויבן? — האָט ער געפרעגט.

— ווען איך באַקום אמתן ווײַן, אָדער נאָך אַ שטאַרקערן טרונק, וואָלט איך אין דעם מאָמענט נאָך בעסער געליבט. איך וואָלט זיך ווען פאַרשיכורן. אָפּטרייסלען זיך פון...

— דיין טאַטנס טרערן, פון דיין חלום? — איז ער פאַרלאָפן דעם סוף פון איר זאַץ מיט אַ פראַגע.

— דעם גרויל פון די טויט־לאַגערן...

— און דעם ריח פון פרייהייט, דעם פרייז פון פרייהייט, דעם תינוק־פרייז.

ער האָט צוגעשטעלט צו איר מויל זיין פלעשל.

— טרינק — האָט ער געבעטן. — ביר ווירקט שטאַרקער ווי מיץ־ענבים. אגב האָב איך אויך מחמת דעם גענומען ביר.

זי האָט געגעבן אַ שלוק. נאָך אַ שלוק און אים צוריקגעגעבן די פלאַש.

— דו ווייסט, יעל — האָט ער געזאָגט — איך האָב טייל מאָל געזען, פליענדיק אין די הייכן, וואָלקנס ווי יידן, אַנגעטון אין טליתים איבערן קאָפּ, די טליתים פלאַטערן אינעם ווינט, און אַ מחבלדיקער וואָלקן — אַ טשאַטע וועלף, יאָגט זיי נאָך, כאַפּט זיי ביי די טלית־כנפות, ביי די העלדזער און שלעפּט זיי אין תהום פון אַ וואָלקנברוך... מ׳האָט מיט אונדז געלערנט די געשיכטע

פון דער שואה. נישט נאָר פליען האָט מען אונדז געלערנט אין חיל־אוויר, נאָר אויך יידישע געשיכטע און די געשיכטע פון דער פאַרטיליקונג בימי הנאַצים. מ׳האָט אונדז נישט נאָר געלערנט שיסן אין ציל און מיטן גרעסטן דערפאָלג, נאָר אויך וויסן פאַר וואָס מען שיסט, פאַר וואָס מען דאַרף צעשטערן וואָס מער, מען דאַרף אומברענגען וואָס מער... ווייל דער ציל פון אונדזערע היינטיקע שונאים, די שכנים, איז דער זעלבער; אפשר נאָך שרעקלעכער, ווייל ער איז געוואָנדן קעגן דעם רעשטל געראַטעוועטע, קעגן דער אומה, וואָס האָט זיך אומגעקערט און צוריק־געבויט דאָס לאַנד פון די אבות און אַ היים פאַר די גערודפטע קינדער פון ישראל... נו, מיט דעם בילד פאַר די אויגן האָב איך געטראָפן די אַנגרייפער, די טויט־ברענגער, די וואָס ווילן פאַר־ענדיקן דאָס ווערק פון די נאַציס און פון סטאַלינס יורשים... נישט אומזיסט האָב איך באַקומען אויסצייכענונגען, און דעם צל״ש.

יעל האָט צוריקגענומען זיין פלאַש, געקוקט אויף אים מיט אַ לייטזעליקער דאַנקבאַרקייט און מיט פאַרגלייזטע אויגן פון אַ געליבטער. זי האָט געגעבן אַ פעסטן שלוק.

— ווייסט, מיין ליבער — האָט זי געזאָגט און געציפּט שטיפעריש די געקרויזלטע הערעלעך אַרום זיינע ברוסט־וואָרצלען — מיר וועלן שוין בלייבן. נישט זוכן אַנדערשוואו. ניסים איז דאָ, איז אַ סימן, אַז זיין פּרווּ גייט בעסער. אַז דעם דאָקטערס מעדיצין האָט געהאָלפן, טראַץ דעם...

— ריח פון פרייהייט — האָט ער אויסגעכאַפּט.

— דו ווייסט, יואל — אַז זייט דער הייזעריקער ייד האָט דערציילט זיין איבערלעבונג, פיל איך נישט מער דעם עיפּוש. ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריח, וואָס עקלט נישט מער, וואָס איבלט נישט מער. גאָר פאַרקערט. צי פילסטו נישט דאָס זעלבע?

— יאָ, דאָס זעלבע. עפּעס אַ מעטאַמאָרפאָזע פון אַ ריח, כ׳לעבן. מסכים, מיין ליבע. מיר בלייבן דאָ ביז איבער פּסח.

18

זי האָט אויסגעלייזדיקט דאָס ביר ביזן באָדעם. און פאַרמאַכט די אויגן.

— יאָ, ביז איבער פּסח — האָט זי מסכים געווען מיט יואלן, אָבער שוין אין שלאָף. — און באַלד נאָך פּסח שטעלן חופּה, שטעלן חופּה.

״אין ל״ג בעומר, טאַכטערשי״ — האָט דער טאַטע זי אַרומגענומען פעסט, ווי ער וואָלט זי וועלן שיצן קעגן אַן אַנגרייפער — ״נישט אָפּשלעפּן מערצישעם ל״ג בעומר״.

— נישט אָפּשלעפּן, מערצישעם אין ל״ג בעומר.

״מ׳קאָן נישט וויסן, דער הפקר־יונג קאָן חלילה צעשטערן דיין גליק. אַזוינער איז צו אַלעם פעיִק. דער רבון העולמים זאָל אָפּהיטן פון דעם, צו וואָס אַזאַ הפקרניק איז פעיִק״.

— זאָל אָפּהיטן אבא, זאָל אָפּהיטן.

״די אמא קומט מיר לעצטנס אָפּט צום חלום, די גוטינקע אמא. איר פּנים איז פול מיט אימה, מיט זאָרג, מיט אומרו, ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין געדולד, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר אַ שריפה, פאַר אַן אומגליק״.

— אַ שריפה, אַן אומגליק.

״געווען אַ צייט מנוחה. לעצטנס קלינגט ער ווידער צו דיר. איך זאָג, אַז ביסט נישטאָ. קלינגט ער ווידער. און ווידער. האָב איך אים לסוף געזאָגט דעם אמת, אַז גייסט שטעלן אַ חופּה. האָט ער אַ געשריי געטון אין טרייבל אויף אַראַביש, לויטן בייזן טאָן — זיכער אַ קללה, אַ נקמה־דראָונג. אַ קללה, אַ קללה אויף אים!״.

יעל האָט אויסגעצויגן אַ האַנט און געזוכט יואלן. געפינענדיק אַ לער אָרט נעבן זיך, האָט זי זיך אויפגעזעצט אַ דערשטוינטע. זי האָט געריבן די אויגן און געזוכט אַרום זיך. עטלעכע מעטער העכער, אין אַ זייט, מיטן פּנים און מוסקולירטן ביוסט, ווי פון אַ סקולפּטור, צו איר — אַ מאַן, מיט אַ גיטאַרע נעבן אים. נישט יואל. נישט... זשאַק! פאַראַן אין אים עפּעס פוןביידן. דער בויך פון דער גיטאַרע אויפן זאַמד און די מאָגערע גרעזלעך אַרום, און דער לאַנגער האַלדז אויף זיינע פיס, איבער די קני. ווער איז ער און פון וואַנען איז ער דאָ פּלוצעם אויסגעוואַקסן? אפשר האָט זי אים נישט באַמערקט, ווייל זי איז געווען פאַרקוקט אין יואלן? ווו איז יואל? ווי לאַנג האָט זי בכלל געדרימלט? געציילטע מינוטן. נישט מער. אפשר איז דער פרעמדער מאַן מיט דער גיטאַרע, איבער איר קאָפּ, נישט מער ווי דער המשך פון די שלאָף־וויזיעס?

ניסים, וואָס האָט געזען איר פאַרלעגנהייט, איז געקומען איר זאָגן, אַז יואל איז אַוועק מיט יוסין און מאַרקן זוכן די פרוי מיט די געטראַנקען. די קינדער זענען צוריקגעקומען פון וואַסער, ווו זיי זענען פאַרשווומען ווייט אויפן כינרת מיט זייער פּנעומאַטישן מאַטראַץ. געווען פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט, האָט יואל זיי גענומען. איך האָב זיך געווערט. אַ שאָד געלט אויף נאַשוואַרג, אויף די געטראַנקען מיט די קינסטלעכע אַראָמאַטן; נישטאָ ווי וואַסער, ווי גאָט האָט באַשאַפן. די קינדער האָבן נאָר געוואַרט דערויף. נו, זוכן זיי די פאַרקויפערין, וואָס איז דערווייל פאַרפאַרן מיטן וועגעלע ביזן צווייטן עק פון די געצעלטן.

זי האָט אים געוואָלט פרעגן צי ווייסט ער ווער עס איז דער מאַן מיט דער גיטאַרע, ווען איז ער אַהערגעקומען, פון וואַנען איז ער און וואָס טוט ער דאָ — אָבער זי האָט נישט געוואַגט. זי האָט בעסער נישט געוואָלט אַרויסווייזן אים קיין שום אינטערעס. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט און געוואָנדן איר קאָפּ אין דער ריכ־

טונג פון די געצעלטן, ווזהין עס זענען פאַרפאָרן די רעדער פון געטראַנק־וועגעלע.

פלוצעם האָט זי דערהערט שטילע גיטאַרע־טענער. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז די טענער זענען איר באַקאַנט. זי האָט אין דער היים די פליטע. עס איז ענריקאַ מאַסיאַסעס ליד צו ירושלים. זי האָט אים ליב, דעם אַלזשעריאַנער יידישן זינגער, וואָס זינגט אין פּאַריז ציון־לידער. זי האָט נישט ליב זיין שטים, זיין חזניש־אַראַבישן תחינה־טאָן, מיטן לאַקריץ־געדריידל, וואָס שאַפט אַזאַ נאָגעניש אונטערן האַרצן. אָבער די מעלאָדיע האָט זי ליב, בפרט ווען עס זינגט זי אַן אַנדערער. עס איז צו שטוינען, ווי די מחברים, די קאָמפּאָזיטאָרן פון די באַקאַנטע שלאַגערס, וואָגן צו קומען פאַרן עולם מיט זייערע הייזעריקע, שטומפּיקע און ציטערדיקע שטימען, ווי אַנצייניקע זקנים, און זינגען. ווייניק וואָס זיי שאַפן אַזאַ קליינעם שעדעוור?! פאַר וואָס הרגענען זיי אים צו מיט זייער זינגען? אַ שטייגער אַדאַמאָ, אַזנאַוור, גי בעאַר... זי האָט אַ גאַנצע קאָלעקציע פון זייערע פּליטן. מער הנאה האָט זי ווען זי שפּילט זיי פאַר זיך אויפן פּיאַנאָ. זי האָט אַ שוואַכקייט צו די פראַנצייזישע מעלאָדיעס, אפילו צו די אָריענטאַלישע מעלאָדיעס, קאָמפּאָנירט דורך פראַנצייזישע קאָמפּאָזיטאָרן. זי וואָלט געקאָנט הערן אַ גאַנצן טאָג שפּילן ראַוועלס באָלעראָ, אַ טאָג און אַ נאַכט, אַ טאָג און אַ נאַכט.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויףביידע עלנבויגנס, זיך אונטערגעהויבן און געקוקט צום גיטאַריסט, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט זיין גערדיכט־באַהאָרטן קאָפּ צו די סטרונעס און צו די פינגער, וואָס לויפן אַרום העלדזל, ווי שדימלעך. ער האָט שטיל צוגעזונגען, גאָר שטיל, ווי פאַר זיך, פאַר די סטרונעס, פאַר דעם אָפענעם האַרץ, וואָס פירט צו דער נשמה פון אינסטרומענט. זי האָט אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער. פראַנצייזיש. זי האָט געלערנט די שפּראַך אין שולע. אַלע האָבן געלערנט ענגליש אין שולע. יאָ,

איינע האָט אויסגעקליבן ווי אַ פרעמדע צוואַנג־שפּראַך אַראַביש. זי — פראַנצייזיש. זי האָט ליב געהאַט דעם קלאַנג פון דער שפּראַך. זיי האָבן געוווינט אויף רחוב הגפן, בשכנות פון דעם פראַנצייזישן קאָנסולאַט. קליינערהייט פלעגט זי זיך אַריינכאַפּן אַהינצו און הערן ווי מען רעדט די דאָזיקע שפּראַך. די פרוי פון קאָנסול, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט זי ליב באַקומען, זי פאַרבעטן צו זיך, זיך געשפּילט מיט איר, געקויפט איר מתנות, געלייענט איר פראַנצייזישע פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, באַלאַדעס, גע־זונגען פאַר איר. זי איז שפּעטער געגאַנגען אויף קורסן פון פראַנ־צייזיש אין קאָנסולאַט, און אויסגעהאַלטן בגרות פון דער שפּראַך מיט אַן אויסצייכענונג.

אָט איז ער אַריבער צו אַן אַנדער ליד. אַ ליד, וואָס זי האָט געהערט זינגען דורך דער פרוי פון קאָנסול. יאָ, דאָס איז עס — ״סיר לע פּאָן ד׳אַוויניאָן״, אָבער אין אַ מאָדערנער באַאַרבעטונג, אַ געמיש פון קלאַסיק און דזשאַז. אין זיין אורפאָרעם האָט דאָס ליד געקלונגען אַנדערש, פריילעך, מיטרייסנדיק, האָפּערדיק, און פאַרשפּילנדיק. דער נייער ריטעם פאַרלירט די קינדערישע פאַר־שפּילעוודיקייט, די לייכטקייט פון די פיסעלעך און הענטעלעך פונעם קליינוואַרג, און עס קומט אַרויס אַ מין טאַנצן אויפן אָרט, אַ טייוולאָנישער געווירבל, אָבער אַרום זיך, אַרום פאַרטנער; נישט אין אַ ראָד, וואָס שלענגלט זיך, פאַרגרעסערט זיך, ציט אַריין אַלעמען, אין אַ מין קאָמונע־טאַנץ, ווי אַ טייל פון אונדזערע האָראָס...

ער זינגט אונטער. זיין געזאַנג גייט נישט נאָך דעם ריטעם פון זיינע פינגער. עס זעט אויס, ווי זיינע קול־סטרונעס און גיטאַרע־סטרונעס האָבן נישט קיין שייכות צווישן זיך. צי איז זיין זינגען באַשטימט פאַר איר, און נישט דאָס שפּילן? צי האָט ער באַוויזן אויסצופּילן, אין געציילטע מינוטן, איר שוואַכקייט צו קלאַסיק, צו פאָלקלאָר אין זייער אָריגינעלער פאָרעם?

פון דער ווייטנס האָבן זיך דערהערט די קלינגענדיקע שטימע־לער פון יוסין און מאַרקן און לויפנדיקע טריט פון יואלן. זי האָט זיך צוריקגעלייגט מיטן פנים צו זיי.

— אַ שאָד — האָט זי דערהערט דעם גיטאַריסט, וועלכער האָט אויפגעהערט שפּילן און זיך אַראָפּגערוקט נעענטער צו איר. — בלייבט אַזוי ווי פריער, אין דער זעלבער פּאָזיציע, אונטער־געהויבן אויף די עלנבויגנס, מיטן קאָפּ אַרויף, דעם פּאַרנט געשפּאַנט, אַ לעבעדיקע סטאַטוע פון בראָנדז, ניין — פון בראָנדז, געמישט מיט קוועקזילבער... בלייבט אַזוי ווי פריער, איך בעט אייך.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט אַ שטים, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט סיי פאַרלוירנקייט און סיי נייגער, האָט זי געפרעגט: — איך זע, איך הער, אַז איר זייט אַן אַרטיסט, אַ קינסטלער־זינגער און שפּילער; אָבער זייט איר אויך — אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר?

— ווו האָט איר געלערנט אַזאַ גוטן פראַנצייזיש? — האָט ער געפרעגט מיט שטוינען און צופרידנקייט.

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט געקוקט אויף יואלן, וואָס דערנענטערט זיך.

— ווען מען קוקט אויף אייך, מאַדאַם — האָט ער געענט־פערט גיך אויף איר פראַגע — ווערט אפילו דער, וואָס איז עס נישט אַ פּריאָרי, אויך אַן אַרטיסט, אַ פולקאָמער אַרטיסט; סיידן ער איז בלינד, סיידן ער האָט נישט קיין חוש פאַר שיינקייט, פאַר נאַטור...

19

יואל האָט זיך אָנטשולדיקט. ער האָט נישט געפֿונען די פּרוי. זי האָט אויספֿאַרקויפֿט איר סחורה און איז אַוועק. ער האָט נישט געוואָלט אַנטווישן די קינדער. איז ער אַוועק צום שכנותדיקן קאַמפּינג־שטח, אויף יענער זייט פֿעלדזן, וואָס זעען זיך רעכטס און ציען זיך פֿון וועג ביזן וואַסער אַריין. דאָרטן האָט ער געפֿונען אַ קיאָסק מיט כל טוב, מיט רייען פֿון קויפֿערס. האָט ער געמוזט וואַרטן אויף זיין ריי. די בחורימלעך האָבן אויסגעוויילט אייזקרעם, גלידה אין פּלאַסטישע בעכערס צו עסן מיט לעפֿעלעך, און ער האָט געבראַכט אַרטיק־פּאַרציעס מיט אַ הילצערנער שדרה און אַ שטעקעלע צום אָנהאַלטן — וואָס איז לייכטער צו קאָנסערווירן און באַניצן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ קאַרטאָן־שעכטל אַן אַרטיק פֿאַר יעדן, פֿאַר יעל, פֿאַר ניסים, פֿאַר מזל, פֿאַר אסתּר און לאה און געלאָזן אויך פֿאַר זיך.

ניסים האָט זיך געוועדט. אויף זיין אופֿן. לויט זיין לאָגיק. יואל האָט אים דערלאַנגט פֿיר שטיק, אינעם שעכטל, ווייל די מיידעלעך זענען נישט געווען אין דער סביבה. ניסים האָט געוויזן דער קליינער איר חלק, איינגעפּאַקט אין אַ גלאַנציקן, פּילקאָלירקן גלאָזפּאַפּיר, און געלאָפֿן מיט איר צום וואַסער אַרומוואַשן אירע קויטיקע הענטעלעך און ליפּן. ער האָט געהאַלטן די קליינע מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער דערלאַנגט איר דעם ראַנד פֿון דער גלידה, אַרומגעליישט מיט אַ ברוינער שאָקאָלאַד־שיכט, אין מויל אַריין. מזל האָט אָנגעביסן אַ ברעקל, אַרומגעלעקט די זיסע שיכט און באַוויזן מיטן צאַפּלדיקן צינגעלע איבער דעם קאַלטן אייז, וואָס האָט געבריט און געשמעקט מיט ציטרין. זי האָט זיך פֿאַרקרומט, געדרייט מיטן נעזעלע, און אָפּגעשטופּט די האַנט פֿון פֿאָטער. דערנאָך האָט זי אָנגעכאַפּט ביים שטעקעלע און גענומען רייסן פֿון זיין האַנט אַרויס.

— מזל אַליין, אַליין עסן, אבא — האָט זי זיך געבעסט און געהאַט טרערן אין די אויגן — מזל אַליין, אַליין.

ער האָט געטון איר ווילן. געלאָזט זי זיצן נישט ווייט פון יעלן, און גענומען אַרומזוכן די אַנדערע טעבטערלעך.

— עסט דערווייל אייער אַרטיק — האָט יואל אים געראָטן — ער וועט צעשמאָלצן ווערן אויף דער זון.

— ניין — האָט ער זיך געוועריט — ניין, אַ דאַנק.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און זיין פנים האָט פלוצעם אויפגעשיינט.

— איך וועל געבן מיין חלק מיין מרים. זי האָט שטאַרק האָלט גלידה. וועט אייער מצווה זיין נאָך גרעסער.

ער האָט קוים פאַרענדיקט דעם זאַץ, און שוין האָט ער אים געוואָלט צוריקציען.

— וואָס האָב איך דאָס געזאָגט, וואָס? זי פילט זיך טאַקע בעסער, דווקא גאַר גוט. אָבער מ'טאָר חלילה נישט קאַליע מאַכן. סיידן דער גוטער דאָקטער וועט הייסן. סיידן ער זאָל מסכים זיין דערויף.

יעל האָט פאַרבעסערט איר זיץ־פּאָזיציע און אַ וויַז געטון אין דער ריכטונג פון דעם דאָקטערס געצעלט.

— גייט אים פרעגן. ער איז זיכער פאַרן געצעלט. ער וועט זיך פרייען צו האָבן גוטע ידיעות און ער וועט אייך ראָטן וואָס שייך דער גלידה. לויט ווי איך ווייס איז אייז אַ גוט מיטל קעגן ברעכן. אָבער טוט גאָרנישט אָן דער דערלויבעניש פון גוטן דאָקטער.

ניסים האָט געהאָרכט און מיטגענומען מיט זיך אויך די צוויי פאַרציעס, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר די מיידעלעך.

יואל האָט אויפגעפּאַקט זיין אייז־ציגעלע און גענומען אין מויל אַריין. עס האָט אים געוווּנדערט וואָס יעל טוט נישט נאָך זיין ביישפּיל.

— אויף וואָס וואַרטסט דו?

צוזאַמען מיט זיין פראַגע האָבן זיך דערהערט גיטאַרע־טענער. ער האָט זיך אומגעקוקט. זיך צוגעהערט אַ רגע. ער האָט געזען, אַז אויך יעל קוקט און הערט זיך צו. דער שפּילער האָט אויסגעזען אָריגינעל און יונג, און אַזוי איז אויך געווען זיין מוזיק. ווער איז ער? פון וואַנען נעמט ער זיך דאָ פּלוצעם? ווען איז ער דאָ אויסגעוואַקסן? זעט זיך אויס, אַז ווען ער האָט געזוימט מיט די קינדער ביים קיאָסק, האָט אים דאָס בילד פון אַ יונגער און שיינער פרוי, איינע אַליין, צוגעצויגן. ער זעט אויס אַ באָהעמער, אַ וואַגאַ־באָנד, וואָס זוכט מסתמא אַ ליבע־אַוואַנטורע; אַ צעווייטיקט־פּאָעטישע נשמה וואָס זוכט אַ תיקון, אַ נישט־דערגאַנגענער אַרטיסט, וואָס קומט שנאָרן אַנערקענונג, אַפּלאָדיסמענטן ביי דער נאַטור...

יעל האָט געלייענט די גערדאַנקען זיינע.

— איך ווייס ווענן אים אַזוי פיל ווי דו — האָט זי געזאָגט — ער זעט אויס צו זיין אַ פראַנצויז, אַ גוטער אַרטיסט, אַ ראָמאַנ־טיקער, און אַן עלנטער.

יעל האָט זיך אויפגעשטעלט, דערנענטערט זיך צום גיטראַריסט און דערלאַנגט אים איר גלידה. ער האָט געקוקט אויף איר, אויף איר באַגלייטער. זיינע אויגן־לעדלעך האָבן זיך באַוויגן גיך, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט געבן אַ תשובה און נישט די ליפּן. יעל האָט אַראָפּגענומען דאָס פּאַקפּאַפּיר און צוגעשטעלט צו זיין מויל דעם אַנטבלויזטן אַרטיק־ראַנד. איר האַנט און זיינע ליפּן האָבן געצי־טערט ווי אַקאָרשט זיינע פינגער איבער די סטרונעס. ער האָט פאַרנייגט העפלעך דעם קאָפּ און געוואָקלט זיך מיטן באַשלוס. ווען זי איז אַליין, וואָלט ער געבעטן זי זאָל זיך אַוועקזעצן נעבן אים, און דערלאַנגען אים כסדר דאָס אייז־ציגעלע אין מויל אַריין. ער וועט שפּילן ווייטער און זי וועט אים קאָרמען מיט אַן אייזלעק, מיט אַן אייזביסן. ער וועט שפּילן עטלעכע גאַמעס און

זי וועט דערלאַנגען צום טאַקט, צום ריטעם פון דער מעלאָדיע, ביז דאָס שטעקעלע וועט זיין נאַקעט אוןביים סוף וועט ער נאָגן איר פינגער; ער וועט אים כאַפּן צווישן דער ליפּן־צוואַנג און נישט נאָכלאָזן, נישט נאָכלאָזן...

ער האָט זיך געטראָפן מיטן בייזן בליק פון יואלן, וואָס האָט איבערגעשניטן זיינע מחשבות ווי מיט אַ שאַרפן חלף. ער האָט איינגעביסן דעם ברוינעם ברעג, געגאַגט אַ רגע, דערנאָך גענומען דאָס שטעקעלע פון איר האַנט, זיך אַליין באַדינט. יואל האָט גענומען יעלן אונטערן אָרעם און אַוועקגעשפּאַנט מיט איר צום וואַסער. ער האָט איר דערלאַנגט זיין אַרטיק. זי האָט אָפּגעביסן און אים אומגעקערט. ער האָט אָפּגעביסן אַ ברעקל און איר דערלאַנגט. זי האָט געטון דאָס זעלבע און אים צוריקגעגעבן. ווען זיי זענען דערגאַנגען צום סוף פון דער יבשה איז פאַרבליבן בלויז דאָס נאַקעטע העלצל. ער האָט עס געהאַלטן אין מויל און געביסן נערוועיש, ווי איינער, וואָס האָט ערשט אַוועקגעשטעלט דאָס רייכערן, בייסט זיין ציגאַרעטן־שפּיצל.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס צעביסענע העלצל אין זיין מויל איז ביי אים אַן אויסרייד נישט צו דאַרפן אַרויסווייזן זיין אומרו, זיין אויפרעגונג, נישט דאַרפן שטעלן קיין פראַגן. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אָפּקילן. זי אויך. האָט זי געבעטן ער זאָל זיך אַוועקזעצן צוזאַמען מיט איר. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן די פּליאַזשע־פּאַנטאָפל, און אַריינגעשטעקט די פיס אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען קאַלט. די זון, וואָס האָט זיך געגרייט צו זוכן אַ פּאַסיק אָרט צו פאַרגייען, איז געווען פאַרנומען מיט זיך. סיי ווי וועט זי מאָרגן דאַרפן אָנוואַרעמען דאָס וואַסער אויף ס׳ניי.

לוויתן, די עקסקורסיע־שיף, שניידט אַדורך דעם כינרת אין דער ברייט. זי פירט מענטשן, טוריסטן, קורגעסט, קאַמפּינג־געניסער און סתם פיינשמעקער קיין עין־גב. עס וואַרטן אויף זיי פריש־

געבאַפּטע מושטים — אַמנונס, סען פּיטער פּיש. באַלד וועט מען זיי דערלאַנגען פּריש־געבראָטענע אויף די אָוואַלע טעלערס צוזאַ־מען מיט פּריש־אָפּגעפּליקטע ציטרינען פון די קיבוץ־ביימער. און איידער וואָס וועלן די פיש־סקעלעטן און די מאַרטיריזירטע ציטרין־הויט זיין נישט מער ווי אַ טעמע פאַר אַ נאַטיר־מאָרט. און דער־נאָך וועלן זיי באַקוקן ביים זוים פון וואַסער די "מאַמע מיטן קינד" פון חנה אָרלאָוו. און זיי וועלן זיך פרעגן וויפיל טאָן כינרת־פיש האָט די מאַמע געמוזט אויפעסן צו באַקומען אַזעלכע מאָנומענ־טאַל־קאָלאָסאַלע אויסמעסטן. און וואָס האָט דאָס קינד געזינדיקט? שפּעטער וועלן זיי שטודירן דעם פּראָגראַם פון פסח־פעסטיוואַל אינעם קיבוץ־טעאַטער. וועט די שיף צוריקפאָרן אַ האַלב־ליידיק און קומען אָפּוואַרטן די פעסטיוואַל־געסט אַרום חצות.

— מיר וואַלטן זיך געדאַרפט אַראָפּכאַפּן אַהינצו — האָט יעל זיך אָנגערופן, כדי אָפּצולענקען זיין אויפמערקזאַמקייט אין אַן אַנדערער ריכטונג — היינט איז שוין שפּעט. כ'ווייס, אַז אסתר עופרים טרעט אַרויס מיט אַ רעציטאַל פון אירע לעצטע לידער. זי איז מיין ליבלינג.

יואל האָט ווייטער געביסן דאָס העלצל.

— זי איז אַן ערשטקלאַסיקע זינגערין, פון אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער מדריגה, איך האָב זי ליב.

— און איך האָב געמיינט, אַז דיין ליבלינג איז ער אויבן, דער גיטאַריסט — האָט ער געזאָגט מיט גרעסערע הפסקות צווישן די ווערטער און האַלטנדיק ווייטער דאָס צעביסענע העלצל צווישן די ציין.

— ער איז פּונקט אַזוי מיין ווי דיין — האָט זי רעאַגירט אנטשלאָסן אויף זיינע רייד, וואָס האָבן פּאַרראַטן זיינע מחשבות — איך קען אים אפשר מיט אַ פערטל שעה לענגער פון דיר.

— דו באַציסט זיך צו אים, ווי דו וואָלסט אים שוין געקענט אַן אייביקייט.

— ער איז אַן עלנטער, זעט אויס אַ פּרעמדער, אפשר אַן אויסלענדער, וואַנדערט אַרום מיט זיין גיטאַרע, געלאַטעטע הויזן, צעלעכערט העמד ביי די עלנבויגנס... אפשר האָט ער נישט אויף צו קויפן זיך אַ גלידה?

— טאַ גיב אים אַ נדבה און פּאַרטיק.

— ער איז אַ קינסטלערישע נשמה. מ'דאַרף שוינען זיינע געפילן. אים דערמוטיקן אויף אַ מענטשלעכן, עטישן אופן. ער קאָן גאָר זיין אַ...

— אַ למד־וווניק, אָדער גאָר אליהו הנביא אַליין — האָט ער אויסגעכאַפּט מיט אַ טעאַטראַלן טאָן פּאַכענדיק מיטן העלצל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מויל — אַ צדיקל, וואָס איז געקומען שפּילן צום כינרת אויף דוד המלכס פּידעלע, סליחה — גיטאַרע...

זי האָט געעפנט איר מויל כדי צו ענטפערן אינעם זעלבן טאָן, ווען עס האָט זיך פּלוצעם דערהערט פון אויבן אַ צעהילכטער קול פון ניסימען. ער האָט געפּאַכעט אַ צופרידענער מיטן קאַרטאָן־שעכטל אין דער האַנט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער דאָקטער איז מסכים.

— יאָ, יאָ. דער דאָקטער דערלויבט. יאָ. זי מעג. אַ דאַנק. תודה!

20

די פרייד פון ניסימען האָט ביי זיי אָפּגעקילט דעם כעס און געמאַכט פאַרגעסן אין דער סיבה פון איבערוווערטלען זיך.

זי האָט גענומען באַוועגן גיך מיט אירע פיס אין וואַסער, שאַפן אַ שוים, און ווענדן אין זיין זייט שפּריצריטלער, וואָס האָבן געגרייכט ביז צו זיין אָפּגעדעקטער ברוסט. ער האָט געטון דאָס

זעלבע. זיינע שפּריצן האָבן געגרייכט גראָד צו איר פּנים און פּאַרקייקלט זיך אינעם שפּאַלט צווישן די בריסט־לאַבנס.

זי האָט געוואָלט זיך אויפשטעלן, אַריין אַ טריט אין וואַסער און באַגיסן אים מיט אירע האַנט־שאָפלען אַזוי גרויס ווי ער איז, אָבער פּלוצעם זענען אויסגעוואַקסן נישט־ווייט פון זיי ניסים און מרים. זיי האָבן זיך געהאַלטן אונטערן אָרעם. זי איז נאָך געווען שוואַך, געוואַקלט זיך בעתן גיין. אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן איר אַרטיק געלעקט דעם אייז און געלאַכט, האַרציק געלאַכט. צי האָט זי געלאַכט אַ צופרידענע, וואָס זי מעג שוין עסן גלידה, צי פון דער הנאה פון לעקן דעם אייז, אָדער ווי אַ סימן פון דאַנקשאַפט צו יעלן פאַר איר הילף, פאַר האָבן געבראַכט דעם גוטן דאָקטער?

ניסים האָט פונאַנדערגעעפנט דעם פעלדשטול, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, אים גוט אַוועקגעשטעלט און געהאָלפן זיין פרוי זיך אַוועקזעצן.

— דו ווייסט, גננת — האָט זי געוואָנדן איר קאָפּ צו יעלן מיט אַ שטים פון האַרציקייט און אינטימען סוד — מיין ניסים און איך האָבן באַשלאָסן, האָבן באַשלאָסן... אַז אויב איך וועל האָבן אַ מיידעלע, וועלן מיר איר געבן דיין נאָמען...

יעל איז געוואָרן רויט, אַרומגענומען פון פלאַמען, און פון פאַרלוירנקייט און שטוינען נישט געקאָנט געפינען קיין וואָרט.

— עס וועט זיין אַ גרויסער כבוד פאַר אונדז — האָט ניסים אַרויסגעהאָלפן — גלייבט אונדז, ווי מיין נאָמען איז ניסים, ווי איר נאָמען איז מרים.

— איר האָט דאָך זיכער געפּלאַנט אַ ווויכטיקערן נאָמען. זאָל זיך אייך דוכטן, אַז מיר האָבן זיך נישט באַגעגנט. דער כבוד קומט אייער משפחה, אַ וויכטיקער פערזענלעכקייט, אַ חשובער געשטאַלט...

— נישטאָ חשובער פון דיר, גננת יעל — האָט ניסים אָנגעהאַלטן — נישטאָ נאָך עמעץ וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן קינדער ווי דו, מיר האָבן נאָך נישט באַגעגנט. און אויך קינדער איידער זיי זענען געקומען אויף דער וועלט...

— און נישט נאָר דאָס — האָט מרים געזאָגט מיטן זעלבן טאָן וואָס פריער — אויב עס וועט זיין אַ בן זכר וועט ער הייסן אַזוי ווי דיין מאַן, גננת.

פאַר יואלן איז עס געווען נאָך אַ גרעסערער סיורפּריז.

— ווי קום איך אַהער? — האָט ער געפרעגט — יעל, מילא. זי האָט אַלע מעלות. זי האָט געפונען דעם דאָקטער. אָבער איך?

— אויך דו האָסט ליב קינדער — האָט געזאָגט ניסים — און ביסט יעלס מאַן. ווען דו האָסט נישט אַלע מעלות, וואָלסטו נישט געווען איר זיווג.

— אויב עמעצן קומט יאָ דער כבוד — האָט יואל זיך געוועריט — קומט ער דעם דאָקטער.

— וועלן מיר מאַכן אַ פשרה און געבן דעם קינדביידע נעמען, לויט דער ריי פון אלף־בית.

און איידער יואל האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט מרים זיך גראָדגעזעצט אויפן שטול און מיט אַ קול פון אַ ריכטער, וואָס פסקנט אַ האַרבן משפט, אויסגערופן:

— ביי אונדז, אין מאַראָקאָ, האָט מען געהאַלטן אַז אַקעגנשטעלן זיך דער בקשה פון אַ שוואַנגערדיקער, וואָס שייך אַ נאָמען פון קינד, איז נישט מזלדיק; איז פשוט אַן עבירה, וואָס מ׳איז נישט מוחל, וואָס אין הימל איז מען נישט מוחל...

אַ שנעל מאָטאָר־שיפל איז פאַרביי מיט רעש, מיט געבייזער און געשווים. הגם עס איז גענוג ווייט פון ברעג, רוישט עס ווי בינען וואָלטן זיך צעווילדעוועט געדיכט נעבן זיי אין קאַמף פאַר לאָקנדיקע בלומען־שויסן. הינטערן שיפל,ביים עק פון אַ לאַנגער,

דיקער און אָנגעצויגענער שטריק, שלעפּט זיך נאָך אַ מענטש, אין רויטע הייזלעך ווי אַ זונפלעק, און שניידט די כוואַליעס מיט אַ סקי־ברעט, צוגעפּעסטיקט צו זיינע פיס. ער לאָזט זיך שלעפּן. וואַקלט זיך. קוים ער האַלט זיך. פּאַרלירט זיין גלייכגעוויכט. פּאַר־לירט זיין ברעט אונטער די פיס. אַלע האַלטן איין דעם אָטעם. ווו איז ער? דערטרונקען זיך, וויי איז מיר! דער מאָטאָר שטעלט זיך אָפּ, דאָס שיפל רירט זיך נישט פון אָרט. מיטן שטריק שפּילן זיך די כוואַליעס. נאָר אָט טויכט אַרויס זיין קאָפּ. זיין האַנט זוכט דעם עק פון שטריק און די פיס זוכן דאָס ברעט. און שוין שטייט ער ווידער אויפן וואַסער. די רויטע הייזעלעך גלאַנצן. דער מאָטאָר צערעשט זיך ווידער, מיט מער רוגזה. און שלעפּט ווייטער ביים עק פון שטריק דעם מענטש, וואָס וויל בייקומען דאָס נאַטור־געזעץ פון דער זינק־קראַפט מיט דער הילף פון עקשנות, מיט דער הילף פון מאָטאָר.

מענטשן האָבן זיך געשטעלט ביים ברעג קוקן אויף דעם געראַנגל, וואָס עס פירט דער עקשן מיט די כוואַליעס, וואָס וויל מיט אַלע מיטלען זיך האַלטן פון אויבן. אָט איז גוט, און אָט איז ביטער. דער עולם לאַכט פון זיינע אומגעלומפּערטע באַוועגונגען מיט אַלע אברים קאַפּויער און פּאַיאַציש; און אָט באַפאַלט אַ פּחד — נישטאָ דער מענטש. ווען וועט ער אַרויסטויכן? צי וועט ער בכלל אַרויסטויכן? דער עולם אָטעמט פרייער אָפּ, און וואַרט אויפן איבערחזרן זיך פון די זעלבע איבערלעבונגען. אַ שפּיל אַזאַ. אַ גימנאַסטיק פון געפילן. אויף יענעמס חשבון.

מרים האָט פאַרמאַכט די אויגן. נישט געקאָנט קוקן.

נאָך אַ פּרווו האָט נישט געקאָנט קוקן. זי איז געשטאַנען מיט איר מאַן מיטן פּנים צום וואַסער. זי האָט זיך אויסגעדרייט, ווען אַ באַנייט הילכיק געלעכטער האָט באַגלייט אַ ריי קלאָוניש־אַקראָ־באַטישע באַוועגונגען פונעם עקשן איידער ער איז אַריין אין תהום.

— איך האָב געגנוג — האָט זי געזאָגט — עס קאָסט מיך געזונט און קאָן נישט הערן דאָס געלעכטער.

זי האָט אַ צי געטון איר מאַן ביים אָרעם. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס מאָטאָר־שיפל געביטן זיין וועג, אַוועק אין דער ריכטונג פון ירדן־אויספלוס. מ׳האָט נאָך לאַנג געהערט דעם מאָטאָר. די רויטע הייזעלעך האָבן נאָך געגלאַנצט אַ ווייל. און נישט מער.

דער מאַן פון דער פרוי האָט געהאַלטן אַ פּלעד אונטערן אָרעם און גענומען אויסשפּרייטן אויף דער ערד, כדי זיך אַוועקצולייגן. ער האָט פּלוצעם באַמערקט מרימען, וואָס זיצט אויפן פעלדשטול אַן איינגעבויגענע, מיט איינגעפאַלענע באַקן, טרויער־קישעלער אונטער די אויגן און מיט אַן אויסדרוק ווי זי וואָלט געליטן.

— זייט מוחל — האָט ער זיך געוואָנדן צו איר העפלעך — איר זעט אויס צעווייטיקט, דאָס זיצן קומט אייך מסתמא אָן שווער, בבקשה, איך טרעט אייך אָפּ מיין ליגאָרט.

— ניין, אַ דאַנק, מיר איז בעסער זיצנדיק אָדער גייענדיק.

— דער דאָקטער הייסט נישט ליגן — האָט ניסים אַרויסגעהאָלפן זיין פרוי.

— אפשר איר? — האָט ער זיך געוואָנדן צו יעלן מיט אַ דיסקרעטן שמייכל אויף זיין צעגלאַנצטן פּנים פון זונאייל.

זי האָט זיך פאַרנייגט און געדאַנקט.

— איר וועט דערלויבן, אַז מיר וועלן זיך פאָרשטעלן — האָט ער אָנגענומען זיין פרוי און געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט — עמינדב און דבורה גולני.

— נעים מאוד, זייער אַנגענעם אייך צו באַקענען.

— נעים מאוד.

— מאוד נעים.

— מיר פילן זיך דאָ איינזאַם. אמת, מיר אַנטלויפֿן פֿון מענטשן, פֿון רעש. דאָס איז דאָך דער ציל פֿון אַן אָפּרו אויף דער שויס פֿון דער נאַטור. אָבער נייע מענטשן, יונגע מענטשן, מענטשן ביים ברעג כּינרת זענען נישט די זעלבע, וואָס אַ גאַנץ יאָר אינעם געפּילדער, אינעם גערעג און עול־יאָך פֿון יום־יום אין ירושלים — האָט עמינדב אויפֿגעקלערט די סיבה פֿון דערנענטערן זיך צו זיי.

— לויט דעם נאָמען, מיין נייער פֿריינד — האָט געזאָגט יואל — וואָלט מען אייך נישט אָנגענומען פֿאַר אַ ירושלימער, נאָר גיכער פֿון גליל, פֿון טבריה ווי מיין מוטער.

— גולני איז אַ נייער נאָמען, אַ כּבוד־נאָמען — האָט דבורה געענטפֿערט — עמינדב געהערט צו דער באַרימטער גולני־איינהייט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפֿן פֿון גולני, אויך אין די טאַנק־קאַמפֿן אויפֿן גולן בעת דער יום־כּיפּור מלחמה. ער איז אַרויס אַ פֿאַרוווּנדעטער, אָבער עס איז געווען כּדאַי...

זי האָט טיף אָפּגעזיפֿצט און אַ ציטער איז אַדורך איבער איר טונקל־ברוין פּנים, געמאַכט פֿינטלען די וויַעס.

— די ירושלימער בין איך — האָט זי באַלד צוגעגעבן — זייט גאָר לאַנגע דורות. פֿון די אַלישרס, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזט ירושלים, אָפּגעהיטן די הייליקע שטאָט כּמעט אַ האַלבן יאָרטויזנט.

— כּל הכּבוד — האָט געזאָגט ניסים און באַדעקט זיין קאָפּ מיט אַ האַנטפֿלאַך — זאָל גאָט תּמיד זיין מיט אייך און אָפּהיטן די אַלישרס און דאָס פֿאָלק ישׂראל, אמן.

— כּל הכּבוד — האָט געזאָגט מרים — און באַמיט זיך נאָכצוזאָגן די ברכה פֿון איר מאַן, און נישט באַוויזן ביזן סוף.

— כּל הכּבוד — האָט געזאָגט יעל און נישט אַראָפּגענומען איר בליק פֿון דעם גולני־העלד.

— כל הכבוד — האָט געזאָגט יואל — און באַוווּנדערט די שיינע פיגור, די דרייסטע האַלטונג און דעם אויפריכטיקן שטאָלץ פון דער ירושלימער טאָכטער.

21

עס האָבן זיך דערהערט טריט אומדרייסטע, וואָס דערנעענטערן זיך. דער גיטאַריסט איז אויסגעוואַקסן צוקאָפּנס פון יעלן, מיטן אינסטרומענט אין דער האַנט, ווי אַ קעלנער מיט דער טאַץ ביים דערלאַנגען כיבוד. זיין האַנט איז געווען אויסגעצויגן צו יעלן, אָבער לשם העפלעכקייט האָט ער געפרעגט:

— ווּעמען אָנפאַרטרויען מיין לעבן, כ׳וויל זאָגן — מיין גיטאַרע, ווייל איך ווייס באמת נישט ווי כ׳וואָלט געקאָנט לעבן אָן איר... ס׳ווילט זיך כאַפּן אַ שווים. מיינע פינגער קלעפּן, מאַדאַם, פון אייער גן־עדנדיקער גלידה.

ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר יעלן און געווען גרייט איר אָנפאַרטרויען דעם אינסטרומענט.

— אויב אייער פראַגע איז נישט קיין דירעקט־פּערזענלעכע — האָט זיך אָנגערופן קאָקעטיש דבורה — בין איך גרייט צו האַלטן; איך אַליין שפיל אויף אַ גיטאַרע, געגוג שוואַכלעך, אגב...

זי איז אַ באַשיידענע, דבורה — האָט עמינדב באַמערקט — זי האָט אַרטיסטישע פעיִקייטן. צופעליק איז איר גיטאַרע געפאַלן אויפן דיל און דאָס קעפּל מיט צוויי שרויפן זענען באַשעדיקט געוואָרן. נישט געווען שוין קיין צייט צו פאַרריכטן פאַר דער נסיעה.

— און איך שפיל אויך — האָט געזאָגט יעל — אָבער אויף אַ פּיאַנאָ.

דער גיטאַריסט איז געווען אין פאַרלעגנהייט. ער האָט צוריק־געצויגן די אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן אינסטרומענט, נישט

וואַגנדיק אָנצורירן די געפילן פון דער אומבאַקאַנטער און אַזוי אַטראַקטיווער פרוי.

— איך האָב געלערנט אויך צוויי יאָר פידל — האָט צוגע־געבן יעל מיט אַ טאָן פון איינער, וואָס וויל באַרעכטיקן זיך — און אַ פידל, אויב מען וויל איז דאָך אייגנטלעך אַ קליינע גיטאַרע.

— סליחה, גברת — האָט דבורה געוואָלט מיט פיל טאַקט צעקלאַפּן יעלס אַרגומענטאַציע — אַ פידל איז אַזוי אַ קליינע גיטאַרע, ווי אַן אַקאָרדעאָן איז אַ קליינע פּיאַנאָ, אני מבקשת סליחה, עם כל הכבוד.

— און אפשר איר, גברת — האָט דער גיטאַריסט נישט געוואָלט באַליידיקן די דריטע פרוי אינעם געזעמל.

— זי טראָגט שוין געַנוג — האָט ניסים געזאָגט מיט אַ געלעכטער, און זעענדיק אַז עס איז דאָ אַ דעליקאַטע פראַגע פון אַמביציע־געפילן ביי יונגע פרויען, האָט ער פאַרגעשלאָגן, האַלב־שפּאַס און האַלב־איראָניע, אַז יעדע פון די פרויען זאָל האַלטן די גיטאַרע פינף מינוט אויפן זייגער, ביז דער שפּילער וועט אַרויס פון וואַסער און זיך אויסטריקענען.

יואל האָט געפונען אַן אויסוועג. אין מיטן פונעם געלעכטער, וואָס ניסימס פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן, האָט ער אַ כאַפּ געטון דעם אינסטרומענט צו זיך, און אַ ווייז געטון זיין באַלעבאָס באַפעלעריש צום וואַסער.

ער האָט אָוועקגעלייגט ביים ברעג זיינע הויזן און זיין בלוזאָן־העמד, געבליבן אין ענג־געפּאַסטן העל־בלאָען באָד־סליפּ, און אַריין אין וואַסער. ער האָט געלייגט קלאַפּטער. דערווייטערט זיך פון ברעג. מ׳האָט קוים אַרויסגעזען זיין געדיכט־באַהאָרטן קאָפּ, צווישן דעם שוים־געווירבל, געשאַפן דורך די גיכע באַוועגונגען פון זיינע הענט.

— ער שווימט צו ווייט — האָט געזאָגט יעל מיט אַן איבער־גענומער שטים — דאָרט איז טיף, פאַראַן אַ סכנה.

— ער זעט אויס אַ מייסטער־שווימער — האָט פאַרזיכערט דבורה.

— די מייסטערס זענען תמיד די ערשטע קרבנות, זיי גלייבן צו שטאַרק אין די זכותים פון זייער מייסטערשאַפט און זענען בלינד צו סכנות.

— איר דאגהט פאַר אים, ווי ער וואָלט געווען אַ נאָענטער קרוב, אָדער נאָך מער.

— ער איז מיר אַזאַ קרוב ווי אייך, און וואָס שייך דעם נאָך מער, גברת, — אידענטיש דאָס זעלבע.

ווי ער וואָלט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דער מורא און צו דעם דועט צווישן די צוויי פרויען, האָט ער אויסגעדרייט זיך מיט פנים אַהערצו און מיט דער זעלבער גיכקייט גענומען זיך אומקערן צום ברעג.

דבורה האָט זיך אונטערגעגנבעט צו יואלן, וואָס איז געווען פאַרקוקט אינעם שווימער, און האָט קונציק אים אַרויסגענומען דעם אינסטרומענט פון זיינע הענט. מיט עטלעכע שפּרינג האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביים ברעג און גענומען שפּילן פאַר אים אַ נצחון־מאַרש, באַגריסנדיק אים צום מזלדיקן צוריקקומען. זי האָט נאָר געשפּילט עטלעכע אַקאָרדן, כלאחר־יד, אַט אַזוי, לשם קאַקעטעריע און זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט יעלן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ ריוואַל, וואָס מ׳דאַרף אויסקאָנקורירן.

יעל איז נישט געבליבן שולדיק. זי האָט גענומען איר פּראָטער־האַנטער, וואָס זי האָט געהאַט צוקאָפּנס און אַראָפּ צום ברעג. ווען ער איז אַרויס, האָט זי אים באַדעקט מיטן האַנטער, גענומען אים איינרייבן, פּירן מיט אים איבער זיין קערפּער, פון פאָרנט און פון הינטן, ביז עס איז נישט געבליבן אויף זיין הויט קיין חשד פון אַ טראָפּן.

ער האָט גענומען לויפן, כּדי זיך צו דערוואָרעמען. ער איז געווען אַ הויכער. דער רוקן איז ביי אים געווען לייכט פאַררונדיקט צווישן די אַקסללעפל, פון כּסדרדיקן איינבייגן זיך איבערן אינסטרו־מענט. די הענט זענען געווען לאַנג און אויך די פינגער, ווי באַשאַפן פאַר אַ גיטאַריסט. די האָר זענען געווען קופּער־טונקל, מוזעאַל־ברוין ווי די הייליקע ביי טיציען, און געדיכט, לאַנג פון הינטן, ביז אונטער די אויערן־לעפּלען און ביז אַ האַלבן שטערן פון פאָרנט. די בריסט זענען ביי אים געווען בולט ווי ביי אַן אַטלעט, און דער טייל, וואָס איז געווען באַהאַלטן, וואָלט בלי ספק אויס־געזען דיסקרעטער ווען זיין סליפּ וואָלט געווען מיט עטלעכע נומערן גרעסער...

קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט אַ באַלעם און פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער אים. ער האָט גענומען זיך קייקלען אַראָפּ, צום וואַסער צו. עס האָבן זיך געהערט זייערע צעוויינטע שטימע־לעך וואָס רופן הילף. ער האָט נאָכגעיאָגט דעם באַלעם, אַריין ביז איבער די קני אין וואַסער און געכאַפּט. ער האָט גענומען לויפן מיט אים אין דער ריכטונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרלאָזן. צוויי פון די קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן. ניסים האָט זיי דערקענט פון דער ווייטנס. דאָס זענען געווען זיינע טעכטערלעך, וואָס זענען אַוועק זיך שפּילן מיט ניי־געשאַפענע חברטעס. דער גיטאַריסט האָט געטראָכט צו וואַרפן דעם באַלעם צו איינער פון די צוויי יונגע פרויען, אַריינציען אַלעמען אין שפּיל. אָבער מזל האָט דערקענט דעם באַלעם, אויפגעהערט זיך שפּילן אין זאַמד, און גענומען ציען צו אים די הענטעלעך.

— דאָס קינד האָט פאַרצוג — האָט ער געזאָגט.

ער האָט איר געהייסן זיך אַוועקזעצן, צעשפּרייטן די פיסעלעך, ער האָט זיך געזעצט אַקעגנאיבער איר, אויף עטלעכע שפּאַן, און גענומען צילן פּאַזע באַדן אין די אויסגעשטרעקטע הענטעלעך פון דער קליינער מיטשפּילערין. זי איז געווען גליקלעך און יעדעס

כאַפּן דעם באַלעם און אַרויסשיבן אים צוריק האָט זי באַגלייט מיט אַ טריומף־אויסרוף און געלעכטער. אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט: בראַוואָ, יופּי, יופּי, בראַוואָ!

22

די זון האָט זיך אָפּגעריסן פון די לעצטע שטראַלפּעדעם, וואָס האָבן זי נאָך באַהאַפטן פון איין זייט מיטן באַשנייטן חרמון־האָרב און פון דער צווייטער מיט די גלאַנץ־שייבלעך פון די אויסקוק־טורעמלעך אין די גולן־קיבוצים — און געדראַפּעט זיך מיט די לעצטע כוחות וואָס העכער, כדי צו קאָנען זיך בעסער פּאַרמעסטן צום שפּרונג אין שקיעה־טאָל. גראָד דעמאָלט האָט דער הימל גענומען נידערן, אַקעגנגיין דעם זון־לאַבן, אַראָפּדריקן אים צום כינרת, כדי ער זאָל ווי אַמלענגסטן זיך קאָנען שפּיגלען אין אים, געניסן פון זיין שפּעטפּלאַם.

יעל האָט פּלוצעם אויפגעצאַפּלט. די פאַרב פון דער זון אינעם וואַסער־שפּיגל האָט איר דערמאָנט דעם רויטן מערצעדעס. עטלעכע רונדיקע פּלעקן ביים אָפּגעשלאָגענעם זון־לאַבן האָבן אויסגעזען ווי רעדער פון אַן אויטאָ. וווּ איז איצט דער רויטער מערצעדעס? און זשאַק וווּ איז מיט די צוויי חברים זיינע? ער זוכט זי זיכער. ער איז געפאָרן אין דער זייט פון גינוסר און גשר אַריק, אַרומ־נעמען דעם כינרת פון לינקס אויף רעכטס. אַזוי פּלעגט ער אויך פאָרן מיט איר, בעת אַ וויק־ענד, אַ יום־טוב, און פּיקניקן אויפן מזרח־ברעג. ער זוכט זי. גענומען די חברים זיינע, כדי צו העלפן אים נעמען נקמה. נקמה אין איר. אין יואלן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט זיין ערגעץ ביים כינרת־ברעג, אַז עס וועט זי ציען אַהערצו. זי האָט געטראַכט צו פאָרן מיט יואלן צום וואַסערפאַל פון באַניאַס, אָדער חפצי־בה און סחנה; אָבער אים האָט געצויגן

קיין טבריה, פון וואַנען זיין מוטער שטאַמט, און ווו ער האָט געקענט יעדן כינרת־ווינקל. ווו איז ער איצט דער רויטער מער־צעדעס? ווו איז ער דער הפקר־יונג, ווי דער פאָטער האָט אים גערופן, דער הפקר־יונג, וואָס וויל צעשטערן איר גליק, צי קומט ער נישט באַלד אויך אַהער מיט זיין נקמה און זיינע אַרויס־העלפערס?

יוסי און מאַרק זענען געקומען אין אַ וועטגעלויף פאַר־שמייעטע, פאַרשוויצטע. לאה און אסתר האָבן גענומען זיך יאָגן אין אַ ברייטן קרייז, אַרומנעמענדיק דעם זאַמדאַנשיט און די מענטשן אַרום זייערע עלטערן. מאַרק האָט אונטערגעכאַפּט דעם באַלעם אונטערוועגס צווישן זיין שוועסטערל און דעם אומבאַ־קאַנטן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ דרייעק, מיטן שפּיץ ביי דער מוטערס שטול און אָנגעבאָטן זיין פּאַרטנערשאַפט צום שפּיל. גיך האָט זיך אָנגעשלאָסן אויך יוסי, אָבער ער האָט גענומען קאָפּען דעם באַלעם שטייענדיק, מיט אַ פוס. דער גיטאַריסט האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען נאָכיאָגן דעם באַלעם. דער באַלעם איז געפלויגן פון איין קינד צום צווייטן, און אַריינגעצויגן אויך יואלן, דבורהן און ניסימען.

דער באַלעס, וואָס איז פּלוצעם פאַרבייגעפלויגן איר פּנים און לייכט פאַרטשעפעט דעם שפּיץ נאָז, האָט יעלן אַרויסגעצויגן פון אירע מחשבות. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ וויש געטון מיט אַ האַנט איבערן פּנים, ווי זי וואָלט וועלן אָפּרייניקן איר הויט פונעם שטויב, וואָס דער באַלעם האָט אָנגעיאָגט, אָדער פאַרטרייבן די בילדער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר אירע אויגן, ווי מען פאַרטרייבט זלידנע פליגן. זי איז געשטאַנען און געקוקט ווי דער באַלעם פליט פון פוס צו פוס, באַגלייט מיט צעווינטיקטן זאַמד און שטויב און מיט פריילעכע אויסרופן. דבורה איז געווען אין מיטן פון שפּיל־קרייז און פון צייט צו צייט איז דער באַלעם אונטער־

געכאַפּט געוואָרן דורך איר פּוס. דער גיטאַריסט האָט מער ווי אַלע געצילט אין איר ריכטונג. אויך יואל האָט עס געטון פון צייט צו צייט. עמינדב האָט זיך נישט באַטייליקט. ער איז געשטאַנען און צוגעקוקט. מזל האָט געגומען וויינען. מען האָט אין איר פאַרגעסן. זי האָט נישט געקאָנט לויפן ווי אַנדערע און נישט געקאָנט געבן אַ שטויס מיט אַ פּיסל אינעם באַלעם. יעל האָט זי גענומען אין אירע אָרעמס און איינגענומען מיט קושן.

ניסים איז דער ערשטער מיד געוואָרן. ער האָט זיך געשטעלט נעבן עמינדבן, און שווער געאָטעמט. שווייס איז געריגען פון אונטער זיינע אויגן ווי טרערן, און זיך פאַרהאַלטן ביי די פאַררונ־דיקטע וואַנצע־עקן, וואָס האָבן אַרומגענומען די מוילווינקלען. אויך פון האַראַנד האָבן געטריפט פּערל־טראָפּנס, און איידער זיי האָבן געפונען אַ וועג אַראָפּצו האָט ער זיי איינגעזאַמלט צעקרישלטע אין זיין דיקן האַנטלעפל. ער האָט אָנגעבאָטן עמינדבן זיין אָרט. עמינדב האָט אונטערגעהויבן זיין רעכטע הויזן־רער און געוויזן, אַז ביז איבער דער קני איז דער פוס נישט זיינער. אַן אַנדענק פון די גולן־קאַמפן אויבן, אַקעגנאיבער. ניסים האָט אָפּגע־זיפצט, געקוקט אויף אים מיט רחמנות, באַוויגן מיט די ליפּן תפילה־דיק, ווי אַ חזן בעת דער שטילער שמונה עשרה. ער איז געשטאַנען, ווי צוגענעגלט צום אָרט, פאַרקוקט אין אים ווי אין אַ הייליקייט.

עמינדב האָט גערופן דבורהן. געגוג, זי מוז זיין פאַרמאַטערט.

יעל האָט גערופן יואלן און דערלאַנגט דאָס מיידעלע אַ שלאָפנדיקס איר פאָטער.

דער גיטאַריסט האָט געפונען דעם פּראָטער־האַנטער און זיך אַרומגעווישט. אָנגעטון זיך. גענומען דעם אינסטרומענט, וואָס מרים האָט געהאַלטן ביים האַלדז, אָנגעשפּאַרט אין דער האַרטער ערד נעבן איר שטול. ער האָט איר געדאַנקט. זי האָט זיך אויפ־געשטעלט אונטערזיפצנדיק. ער האָט באַמערקט איר צושטאַנד און אויסגעצויגן זיינע הענט איר צו העלפן. די קינדער זענען אָנגע־

לאָפּן, מיינענדיק, אַז די מוטער פּילט זיך שלעכט. ניסים האָט איבערגעגעבן דאָס קינד יוסין און געבעטן דעם גיטאַריסט אים צוצולאָזן. ער האָט אַרומגענומען זיין פּרוי ביי דער טאַליע און געהאָלפן איר גיין. די עלטערן זענען געגאַנגען פאַראויס. לאה און יוסי האָבן געהאַלטן די קליינע ביי אַ הענטל און פון צייט צו צייט זי אונטערגעהויבן ווי צום פליען, כדי נישט צו בלייבן הינטער־שטעליק. דער פאָטער האָט אָפּט גענומען די מאַמע אין זיינע פעסטע הענט, זי אונטערגעטראָגן אַ פּאָר שפּאַן, ווייל זי האָט געשלעפּט אירע פיס ווי נאָך אַ לאַנגן בעטליגן און דער באַרגאַרויף צום געצעלט איז געווען משופּע און אין אויבערשטן טייל שטייניק, דאָ און דאָרט טאַרפּיק, וואָס האָט באַשווערט דעם גאַנג.

23

יעל און יואל זענען געזעסן מיטן פּנים צום וואַסער און זיך צוגעקוקט ווי די לעצטע זונפלאַמען זענען משנה צורה און פאַרב, ווי צעטרייבערט און צעשניטן פלייש, וואָס וואַרט לאַנג אויף דער קצב־באַנק.

דבורה און עמינדב האָבן געקוקט אויף די כוואַליעס, וואָס די אָוונטווינטלער זענען געקומען איינוויגן. זיי האָבן אויסגעזען ווי קנייטשן אויף אַ הויכן שטערן פון אַ לערנער, וואָס נישט נאָר ראַנגלט ער זיך מיט אַ שווערער סוגיה, נאָר ווייסט נישט אויך פון וואַנען מ׳נעמט אַ נדן פאַר זיין פאַרזעסענער טאָכטער.

עמינדב האָט אַרומגעוויקלט דעם פלעד אַרום לינקן שענקל. דבורה האָט אים געהאָלפן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס האָבן זיך אויפגעוועקט ביי אים די מאָדנע שמערצן זיינע צוליב זיין אַמפּו־טאַציע. זי האָט אים דערמאָנט אין די פּילן, וואָס ער טראָגט תמיד ביי זיך. ער האָט אַראָפּגעשלונגען איינע פון די פּילן. וואַרעמ־

קייט, אַ פֿעסט־פֿאַרצויגן געוואַנדט אַרום דער רעשט פֿון לינקן גליד, און דערצו נאָך אַ פּיל קעגן שמערצן פלעגן געווײנלעך שטילן דעם אויסטערלישן ווייטיק, וואָס צעגייט זיך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם פֿונעם פֿוס, וואָס איז נישט פֿאַראַן מער, צעטרייסלט דאָס לעבעדיקע פֿלייש איבער דער פּראָטעזע און צעקניפּט די צאַפּל־געוועבן אונטערן שיידל־שפּיץ.

— מאָרגן וועסטו דאַרפֿן צופֿאָרן אין חמי טבריה. נישטאָ פאַר דיר קיין בעסערע היילונג — האָט זי געזאָגט — מ׳דאַרף פֿאַרכאַפּן, איידער עס נעמען זיך איבערחזרן די אַמאָליקע שטאַרקע און אָפֿטע אַטאַקעס.

— אמת — האָט ער מסכים געווען — נישטאָ ווי די דאָרטיקע בלאָטעס, די מינעראַל־בעדער, די אונטערוואַסער־מאַסאַזשן און דאָס שווימען אין קוואַל־וואַסער.

— ווי ווייט איז עס דען פֿון דאָ? אַ שפּרונג ממש.

זייט מ׳האָט אים אַראָפּגענומען דעם פֿוס, איבער דער קני, צוליב אַ שטאַרק קאָמפּליצירטן ביינבראָך בעת די יום־כּיפּור קאַמפֿן אויפֿן גולן, ליידט ער פֿון אַזוי גרויפֿענע פֿאַנטאָם־שמערצן. מיט אַ צעשמעטערטן פֿוס האָט ער ווייטער אָנגעפֿירט מיט אַ טאַנקגרופּע, וואָס האָט געהאָלפֿן דעפֿיניטיוו איינצוהאַלטן דעם שונא. ווען מ׳וואָלט אים גיכער גענומען אויפֿן אָפּעראַציע־טיש, וואָלט מען מסתּמא געקאָנט אָפּראַטעווען דעם פֿוס, אָדער אַ גרעסערן טייל פֿון אים. און די פֿאַנטאָם־ליידן וואָלטן אפשר אויסגעמיטן געוואָרן, אָדער געווען אַ סך מילדער, אַ סך זעלטענער. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז ער גייט אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט געפֿילט ווי דער טייל פֿון פֿוס, וואָס איז נישטאָ מער, וואָס איז פֿאַרטרעטן דורך דער פּראָטעזע, נעמט רייסן ווי אַ בלאָטער איידער ער ווערט רייף, און יעדער מוסקל באַזונדער שפּרינגט אונטער ווי צעביסן דורך אַ שלאַנג. האָט מען עטלעכע מאָל אָפּערירט דעם שטומפּ, באַזייטיקט אָפּשפּריץ־ביינדלעך, דעגענערירטע נערוועקן. מ׳האָט

געביטן די פּראָטעזע. געפאָרן נאָך ענגלאַנד, נאָך אַמעריקע געפּי־נען מאָדערנערע פּראָטעטישע איינפאַלן. אָן דערפאָלג. ער האָט זיך געוואָלט אומברענגען. גענומען באַניצן מאָרפין־שפּריצן און נאַרקאָטישע טאַבלעטן. אַלקאָהאָל־געטראַנקען. עס האָט געדראָט, אַז ער זאָל ווערן אַ מאָרפיניסט. אָן אַלקאָהאָליקער. ביז ער האָט באַגעגנט, אין הדסה — דבורהן. זי האָט געהערט צו אַ גרופּע פּרויען, וואָס האָבן זיך געווידמעט פּרייוויליק קראַנקע אין די שפּיטאָלן, בפרט די אינוואַלידן און קרבנות פון די מלחמות אין לאַנד. זיי האָבן זיי געבראַכט מתנות, ביכער, אַ שמייכל, אָן איבער־צייגעוודיק וואָרט פון דערמוטיקונג, אַ נשמהדיקע נאָענטשאַפט.

דבורה האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס עמינדבן. ער איז געלעגן אין אָן אָפּטיילונג פון אָרטאָפּעדיע, ווו מ׳האָט איינצייטיק באַנוצט פּסיכיאַטרישע און פּסיכאָלאָגישע מיטלען קעגן פאַנטאָם־יסורים, וועלכע האָבן געפירט צו נאַרקאָמאַניע אָדער אַלקאָהאָליזם. ער איז געלעגן מיט אַ פּנים אָן אויסדרוק, מיט אויגן וואָס האָבן געקוקט אין זיך אַריין. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס בעט אַ וואָרף געטון צוזאַמען מיט אים און עטלעכע אומפּאַר־שטענדלעכע זילבן האָבן אַרויסגעבאָרכלט פון זיינע צעציטערטע ליפּן, ווי בעת אַ חלום.

זיין מאַמע איז געזעסן נעבן אים און פאַרגאָסן טרערן. זיין פאָטער איז געשטאַנען צופּוסנס און געשוויגן. און ווען ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן זיין זון, האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען, אויס־מישן שפּראַכן, אַז עס איז געוועזן שווער צו וויסן, אַחוץ פונעם תפילה־טאָן, אין וואָס עס גייט אים.

זייט זי האָט גענומען קומען צו אים האָט זיך אַלץ געביטן. ער האָט געעפנט די אויגן און געהאַלטן זיי אָפן. ער האָט גענומען איר האַנט און זי געהאַלטן. ער האָט זי נישט אָוועקגעלאָזט. ער האָט אָפּגעזאָגט די שמערץ־שטילנדיקע שפּריצן. זי האָט גע־

שמייכלט צו אים און ער האָט צוריקגעשמייכלט. זיין פּנים האָט געגומען זיך ענדערן; עס האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון ליבע.

ער האָט געוואַרט אויף איר מיט אומגעדולד. האָט זי זיך פאַרשפּעטיקט, זענען תיכף די פאַנטאָם־שמערצן צוריקגעקומען. איז זי אַוועק פריער, ווי ער וואָלט וועלן זי פילן נעבן זיך, האָבן זיי זיך ווידער דערוועקט. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מין שאַנטאַזש פון זיין זייט, כדי זי זאָל וואָס לענגער זיין מיט אים. אַ נייער מין טאָקסיקאָמאַניע, אָבער אַ סך אָנגענעמער... עס ווייזט דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון פּסיכאָ־סאָמאַטישע דערשיינונגען. די סביבה, אַפעקטיווע געפילן, עראָטיזם, אַ ספּע־ציפישע וועלט פון נשמה־עמפינדונגען געהערן צו די פאַקטאָרן, וואָס געבוירן פאַנטאַזמען, דימיונישע פאַרשטעלונגען, וואָס קאָנען, אָפּהענגיק פון באָדן, פון ירושהדיקייט, גענעטישע גורמים, פירן צו פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען, אָדער להיפוך — צו נאָרמאַלע, צו געזונטע פּראָצעסן.

צוויי יאָר נאָך זייער חתונה האָט ער נישט געוווּסט פון קיין שמערצן. צו ביסלעך האָבן זיך ווידער באַוויזן לייכטע קראַמפּן, וואָס האָבן אים דערמאָנט, אַז ער האָט ווידער פינגער ביים לינקען פוס, אַ קנעכל און אויך אַ קני. אָבער איר שפּילן אויף דער גיטאַרע, אין די אָוונטן, בפרט קלאַסישע מוזיק, פלעגט מילדערן די שמערצן, פלעגט זיי איינשלעפערן. זי איז געגאַנגען אויף פאַרפולקאָם־קורסן פון גיטאַרע, כדי איר שפּילן זאָל זיין בעסער, ריינער און אָפּגעבן ריכטיקער די נשמה פון קאָמפּאָזיטאָרס קרע־אַציע. וואָס פּערפעקטער זי האָט געשפּילט, אַלץ בעסער האָט עס געווירקט אויף זיין צושטאַנד.

דער פאַקט וואָס זי האָט נישט געקאָנט האָבן קיין קינדער, און אומצאָליקע אָפּעראַציעס האָבן נישט געהאָלפן, האָט פאַרקלע־נערט די לייטזעליקע השפּעה פון דער מוזיק. קרובים און גוטע פריינד האָבן איר געראָטן צו פּרובירן חמי טבריה. עס גייען אַרום

לעגענדעס וועגן דער היילנדיקער ווירקונג פון חמי טבריה אין קינדערלאָזיקייט. האָט זי געהאָרכט. אויך ער האָט גענומען בעדער, דורכגעמאַכט אַ קור — און ער האָט געפילט, אַז עס זענען נעלם געוואָרן אפילו די לייכטסטע פּראָדראָם־שמערצן. פלעגט ער זיך אומקערן יעדע האַלבע יאָר אויף צו באַפעסטיקן דעם רעזולטאַט. סיי חמי טבריה און סיי איר מוזיק האָבן ביי אים געווירקט געגעזנדיק און אַנטשפּאַנט זיינע נערוון אפילו בעת זיין פּראָפעסיאָ־נעלער אַרבעט אין דעם יורידישן ביוראָ, וואָס ער האָט געפירט צוזאַמען מיט זיין שווער. אָבער דער פאַקט, וואָס זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשוואַנגערן, האָט אַקעגנגעווירקט, האָט אָפּט צעשטערט די אינערלעכע גלייכגעוויכט.

"אַ קינד וואָלט אינגאַנצן געביטן די אַטמאָספער אין שטוב. אַ קינד ברענגט מזל. אַ קינד מאַכט געזונט. אַ קינד איז אַ רפואה קעגן רוטין, קעגן לאַנגווייל, קעגן מאָנאָטאָניע, קעגן דער פאַקול־טעט מיט אירע מעדיצינען און טעאָריעס" — פלעגט ער איבער־חזרן.

"אַ קינד איז אַ גליק פאַר דער היים, פאַר דער משפחה, פאַרן פאָלק. מיר זענען אַרויס פון חורבן, אַ פאָלק אָן קינדער. אַ מיליאָן קינדער געלאָזן דאָרטן. און מיליאָנען פּאָטענציעלע מאַמעס. קינדער זענען די צוקונפט פון אונדזער פאָלק" — פלעגט ער אָפּט צוגעבן.

ווען זי האָט אָנומלט, האַלב־ערנסט האַלב־שפּאַס, אַ זאָג געטון, אַז עס וואָלט אפשר געווען כדאי, אַז זיי זאָלן זיך גטן, האָט ער באַקומען אַזאַ קריזיס פון יסורים, אַז עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל ווידער אָנהייבן מיט נאַרקאָטיקס. זי האָט געמוזט אים צוזאָגן נישט צו דערמאָנען מער, אפילו נישט מיט אַ אומ־דירעקטער אָנצוהערעניש וועגן אַזאַ עווענטואַליטעט.

ער האָט אָבער נישט רעאַגירט קרענקלעך אויפן געדאַנק פון אַדאָפּטירן אַ קינד. ער איז געווען גלייכגילטיק, ווי דער געדאַנק

וואַלט אים אַריין אין קאָפּ, אָבער ער פּלאָנטערט זיך דאָרטן אַרום און געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג, ווי אַ גלאָק־העמערל פאַרוויקלט אין וואַטע.

זעט זיך אויס, אַז דאָס בילד פון די קינדער אַרום די עלטערן, דאָס גליק פון דער צאָלרייכער משפחה, מיטן רעש, געשפּיל, גערייד, געלעכטער, די טרערן פון דעם קליינעם מיידעלע — האָבן ביי אים אַרויסגערופן קנאה. דאָס שוואַנגערן פון דער פרוי האָט נאָך צוגעגאָסן אייל אויפן פייער פון זיינע באַעוולהטע געפילן. און אַרויסגערופן אָנהייב־סימנים פון אַ ווייטיקדיקן קריזיס.

דבורה האָט פאַרשטאַנען און געווען צופרידן וואָס די משפחה מיט די קינדער גייען אַוועק. זי האָט אים געהאָלפן אַרומוויקלען דעם טייל פונעם גליד, וואָס איבערן שטומפּ. זי האָט אים דער־מאָנט וועגן דער קור אין חמי טבריה און געזעצט זיך צוקאָפּנס, ער זאָל נישט קאָנען נאָכגיין מיט די אויגן די קינדער און זייערע עלטערן, וואָס גייען פאַמעלעך און עס ציט זיך און ציט זיך ביז זיי פאַרשווינדן אינעם חלל פון געצעלט.

24

די פרי־אָוונטיקע ווינטלעך האָבן געגלעט ווי ציטערדיקע קינדער־הענטלעך. אַ הנאהדיקע וואַרעמקייט האָט געשלאָגן צום ברעג. דאָס האָבן די כוואַליעס געטיילט זיך מיט זייער אָנגעזאַמל־טער וואַרעמקייט מיטן אַרום. די לבנה איז אַרויס אַן אומדרייסטע, אַ בלאַסע, ווי זי וואָלט געקומען פאַר דער צייט. זי איז געשטאַנען הויך איבער דער סוסיתא מיטן רוקן צו אַ לויטערן הימל, וואָס האָט געוואָלט איינהאַלטן דעם טאָג וואָס לענגער, פאַרגעסן די שקיעה.

עס איז געווען גוט צו זיצן, קוקן אויף די כוואַליעס, אויף דער לבנה וואָס ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, און שווייגן. שווייגן.

דער גיטאַריסט האָט געהאַלטן דעם אינסטרומענט אין אַ שפּיל־פּאָזיציע, אָבער נישט געוואַגט איבערצורייסן די קאָנטעמפּלאַטיווע שטילקייט.

דער ערשטער האָט עס געטון עמינדב.

— האַללאָ, האַללאָ, אדון — לאָמיר הערן, מוזיק מאַכט גוט אויף דער נשמה. זייט אַזוי גוט אדון...

דער גיטאַריסט האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרימל, און געפילט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ אומטאַקטישקייט, וואָס ער האָט ביז איצט נישט פאַרגעשטעלט זיך און איז דאָ אייגנטלעך אַן אומבאַקאַנטער, אַ פרעמדער.

— אדון, אדון, אָדער גיכער זשאַן מאַנטאַריאַל — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פאַרנייגט, צוערשט אין דער ריכטונג פון דעם, וואָס האָט צו אים געוואָנדן די בקשה, און דערנאָך צו יעדן פון די אַנוועזנדיקע. — זשאַן מאַנטאַריאַל. רופט מיך זשאַן, איך בעט אייך. עס איז אויף עברית ווי יוחנן. נישט, חלילה, ווי יוחנן המטביל פון דער עוואַנגעליע. רופט מיך זשאַן.

— אַנשאַנטע, זשאַן. רוף מיך יעל.

— נעים מאוד, זשאַן. מיין נאָמען איז דבורה.

— נעים מאוד, עמינדב גולני.

— נעים מאוד, יואל בן־מאיר — מאירוביץ.

— מאַנטאַריאַל איז אַ ריין־פראַנצייזישער פאַמיליע־נאָמען. נישטאָ אַזאַ שטאָט אָדער אָרט אין פראַנקרייך. פאַראַן אַ באַקאַנטער ראָמאַן פון מאָפּאַסאַן אונטער דעם דאָזיקן נאָמען. מעגלעך, אַ זיידע איז געווען אַן ענטוזיאַסט פון דעם גרויסן שרייבער און באַזונדערס פון דערמאָנטן ראָמאַן, און אַריינגעפירט אַן ענדערונג אינעם נאָמען. דעם פאָטערס פאַמיליע שטאַמט פון מיטל־ פראַנק־

רייך, פון מאַנדאַר, וואָס איז אויך אַ קוראָרט, ווי מאַנטאַריאַל ביי מאַפּאַסאַנען... דער נאָמען האָט מיר אַ סך געהאָלפן אין פראַנק־רייך, ווו מ׳האָט מיך באַטראַכט פאַר אַן אויטענטישן פראַנצויז...

— און אַזוי ווי מיין מאַמע איז אַ יידישע, העלפט מיר דער דאָזי־קער געבענטשטער צופאַל דאָ אין דער יידישער מדינה, און מאַכט לייכטער דאָס לעבן.

ער האָט געבעטן מען זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך צערעדט. דער פּאַסטאַראַלער בין־השמשות און די אינטימע אַט־מאָספער, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפן, לאָדן איין צו באַרעדעוודי־קייט, צו אָפנהאַרציקייט.

— אָפנהאַרציקייט פאַר אָפנהאַרציקייט — האָט עמינדב זיך צוגערוקט צו אים און מיט אַ נאַטירלעכן טאָן פון אויפריכטיקייט דערציילט די געשיכטע פון זיין פאָטער.

— דער אמתער פאַמיליע־נאָמען איז גילינסקי. לייב־לעאָן גילינסקי הייסט דער פאָטער. ער איז געבליבן איינער אַליין פון אַ פאַרצווייגטער אינדוסטריעלער משפחה. זיין פּוילישער פאַמיליע־נאָמען און זיין אַריש אויסזען — דיקע דאַרפיש־אוקראַיִנישע וואָנצעס, אַרויסשטייענדיקע, קאַלמוקישע קינביינער און אַ קלאַ־סישע אָדלערנאָז — האָבן אים געהאָלפן אין זיינע וואָגלענישן. דעם יידישן פאַרנאָמען האָט ער אויף אַ קונציקן אופן אַרויס־גענומען, כעמיש אויפגעלייזט. געבליבן איז נאָר דער קריסטלעכער לעאָן. אויך זיין נישט־יידישער פּאַך האָט געהאָלפן צו פאַרטרייבן יעדן חשד. ער איז געווען אַ שווייסער, בפרט ביי אַרבעטן וואָס האָבן צו טאָן מיט אויטאָס, מאַשינען, בלעכעריי. ער האָט אָבער געהאַט אַ חסרון, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע זיינע מעלות אַלע פאַרטיילן. דהיינו — זיין יידישער אַקצענט. עס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל עפענען זיין מויל, אַרויסזאָגן געציילטע ווערטער, און תיכף איז געוואָרן אויפפאַלנדיק, תיכף איז אַרויפגעשווומען דער חשד, אַז ער איז אַ ייד. מ׳האָט נישט דווקא געדאַרפט האָבן

דערצו אַ געניט אויער. יעדער נישט־ייד האָט באַלד דערשנאַפּט, אַז די אויסשפּראַך, די אינטאָנאַציע, ווי אויך דער בוי פונעם זאַץ, זענען פרעמדע, און קלינגען אַזוי ווי די אַנטיסעמיטישע חוזק־טרייבער פלעגן נאָכשפּעטן אַ ייד, וואָס רעדט פּויליש. האָט ער אַנגעשפּאַרט אין אַ שטעטל, אויף די קרעסן, פון וואַנען אַלע יידן זענען אַנטרינען, און אָנגעבאָטן זיין אַרבעט אין אַ גאַראַזש, וואָס האָט געזוכט אַרבעט־הענט. כדי אויסצומיידן יעדן פּאַרדאַכט, האָט ער זיך געמאַכט שטום. מ'איז געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין קאָנען איבערקומען די טויט־סכנות. ביז, ביז... נאָך אַ פּאָר כוסות, וואָס ער האָט געמוזט אויסטרינקען אויף אַ חתונה פון אַ מקורב צום גאַראַזש־אייגנטימער — האָט ער פאַרלוירן די קאָנטראָל און פּלוצעם גענומען רעדן...

— נו, נו — איז געווען נייגעריק זשאַן — איך האָרך אויס מיט גרויס אינטערעס, הגם מיין אַדיסעע און מיין מוטערס בעת דער אָקופּאַציע איז נישט ווייניקער אויסטערליש.

— ער האָט באַוויזן צו אַנטרינען — האָט עמינדב ווייטער דערציילט, צושאַרנדיק זיך נעענטער צו די אַנדערע צוהערערס, וואָס זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער, צוגעדריקט צו זיך, צוגעבנדיק זיך מוט אויסצוהערן די מוראדיקע געשיכטע ביזן סוף. — זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט מיט אָרטשיקעס, מיט קאָסעס, העק; געזוכט אין די שכנותדיקע וועלדער און דערפער. ער האָט געהאַט קפיצת הדרך און עס איז נישט געווען קיין אַנדערער — האָט ער פאַרזיכערט — ווי אליהו הנביא אַליין, וועלכער פירט אים ביי דער האַנט, פירט אים אַריין אין אַ דאָרף אין מיטן פון אַ געדיכטן וואַלד, ווו עס האָט זיך געפונען אַ וואַרשטאַט און אַ גאַראַזש אויף צו פאַרריכטן מיליטערישע אויטאָס, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון רוסישן פראָנט, און אַקער־מאַשינען כלערליי פון די אוקראַינישע דערפער אַרום. ער האָט געפילט ווי אליהו הנביא זאָגט אים,

ווי ער גיט אים אַן עצה, אַז ער זאָל פון איצט אָן שטאַמלען, דווקא רעדן, נאָר געשטאַמלט, פאַרהאַקן זיך כסדר, אַזוי אַז די זילבן זאָלן אַרויסקומען שטאַרק צעטרייבערט, עס זאָל זיין אוממעגלעך צו דערגיין אַ טאָלק וואָס שייך אַקצענט, אויסשפּראַך.

— מאַך בקיצור — האָט דבורה געבעטן זעענדיק, ווי זיין פּנים פאַרקרומט זיך ווי פון שמערצן, און אַז ער הייבט אַליין אָן דערציילן שטאַמלענדיק.

— דו קענסט דאָך דעם המשך, דבורה, דערצייל דו דעם סוף, איך בעט דיך.

— נו, איז דער פאָטער געווען דאָרטן, געאַרבעט שווער, צופרידן געשטעלט די אויפזעערס, עטלעכע פאָלקסדויטשן, און דעם דירעקטאָר, אַן אוקראַינער אַ געשוווירענער נאַצי־קנעכט, וואָס האָט כסדר געשאָלטן יידן און געווען פול מיט רציחה. אַליין האָט דער אוקראַינער אויך געשטאַמלט, אויף אַן אַנדערן אופן, מיט גרויסע הפסקות צווישן די ווערטער און נישט צווישן די זילבן. און ביי אים אין הייזקע איז געווען פול מיט איקאָנעס, צלמים און הייליקע סטאַטועטקעס. אַ פרוי, תמיד אַ ברוגזע און צעדרייטע פון רעומאַטיזם, האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, און אים, דעם פאָטער, האָט מען אָפּגעגעבן אַ בוידעם־צימערל. ער האָט זיך אַרויפגענומען אַ טעפּל זופּ, זאַלעווייקע, אַ שלעכט אויסגעבאַקן קלייען־ברייטל, אַ שיסעלע סוואַרעך, אַ מאָל אַ שטיקל שפּעק, אָדער בלוט־ווורשט. און אַזוי אויסגעהאַלטן שטאַמלענדיק, שטאַמלענדיק וואָס אַ מאָל מער. ער האָט כסדר געלעבט אין שרעק, עס זאָל חלילה נישט פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס אין יענעם דאָרף.

— אין אָנהייב — האָט עמינדב איבערגענומען דאָס וואָרט — האָט ער געמיינט, פעדאָר, דער אוקראַינער, אַז דער אבא רייצט זיך מיט אים, שפּעט נאָך זיין אופן פון רעדן. האָט ער אויסגעמאָסטן דעם אבא אַ זבענק מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ, וואָס האָט געלאָזן אַ טיפן סימן ביז היינט... נו, ביז עס זענען אַריינ־

געקומען די רוסן. דעמאָלט האָט דער אבא געוואָלט רעדן נאָרמאַל, ווי פריער, און נישט געקענט. און פּלוצעם האָט ער אין גאַנצן פאַרלוירן דעם לשון... און געשען איז עס צוליב דעם, וואָס עטלעכע טעג נאָך דעם ווי עס איז שוין נישט געווען מער קיין סימן פון אַ דייטש אין דער געגנט, און די רוסן זענען שוין ווייט אַריין אין פּוילן, האָט פּעדאָר פּלוצעם גענומען רעדן צו אים נאָרמאַל, אויפגעהערט צו שטאַמלען, אַרויסגעוואָרפן אַלע איקאָ־נעס און צלמים... און זיי זענען זיך בײדע געפאַלן אין די אָרעמס, זיך מודה געווען איינער פאַרן צווייטן, אַז זיי זענען יידן... דעמאָלט האָט ער נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט פון מויל אַ לאַנגע צייט... צוליב סיורפּריז, צוליב פרייד, צוליב דעם וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, הלמאי עס איז אים אויף קיין רגע נישט איינגעפאַלן אַזאַ מעגלעכקייט, הלמאי ער האָט געלעבט אומזיסט אין אַ שטענדיקער מורא פאַר דעם בייזן, הינטישן אוקראַינער און זיין תמיד ברוגזער אַלטער גויע. און בקיצור, זייט דעמאָלט שטאַמלט דער אבא.

— און תמיד, ווען דער אבא קומט אויף באַזוך און הייבט אָן שטאַמלען, וועקט זיך ביי עמינדבן אַ קראַמף, גיט עס מיט אים אַ וואָרף און דאָס פּנים פאַרקרימט זיך.

— יאָ, לאָמיר פאַרענדיקן די געשיכטע ביזן סוף — האָט עמינדב רעזומירט דעם המשך פון זיין פאָטערס לעבנסוועג — ער איז געקומען מיט דער ערשטער מעפּילים־שיף אין לאַנד אַריין. געקעמפט אין דער מלחמת השיחרור. חתונה געהאַט מיט אַ דגניהער טאָכטער, פון עלטסטן קיבוץ אין לאַנד; און געבוירן דעם תכשיט, וואָס זיצט דאָ פאַר אייך מיט איין פוס...

25

זשאַן האָט געפּירט מיט די פינגער איבער די סטרונעס, פּויל, מיט הפסקות, ווי אַ מין געשטאַמלטע מעלאָדיע פון אייגענער קאָמפּאָזיציע. ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין אַן אַקאָרד, אַ נאָכשפּיל צו דער אויסגעהערטער געשיכטע.

די לבנה האָט זיך געשטעלט איבערן כינרת און דער טונקל־בלאָ פּונעם וואַסער האָט נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט איר זילבערנעם שיין און דעם גלאַנץ פון איר שאַרפן ראַנד. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען עטלעכע בליץ־שפּיצן פון שטערן, וואָס האָבן געפינקלט בלאַס און אָן דרייסטקייט. די גאַסנלעמפּ אין די גולן־יישובים האָבן געשיינט מיט לאַנגע שורות פון שימער־ליכטער, וואָס האָבן אָפּגעגרענעצט דעם האָריזאָנט פונעם תהום, וואָס הערשט איבער און הינטער זיי.

אַ ליידיקע טאַנק־פּלאַטפאָרמע האָט גערעשט אין געאייל איבערן וועג אויף יענער זייט פון די געצעלטן. נאָך איר אַ צווייטע. אַ דריטע. זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון טבריה. קוים האָט דער רעש זיך איינגעשטעלט, האָבן זיך אַריינגעשניטן אינעם שפּעטן בין־השמשות חלל דריי פאַנטאָם־מאַשינען. זיי האָבן זיך געיאָגט, ווי זיי וואָלטן זיך געוווען שונאים. דער כינרת־שפּיגל האָט אויפגעכאַפּט זייער שאָטן, אים פאַרגרעסערט פילפאַכיק, און ווען נישט די ראַנד־לעמפּ פון די פליגל, פון די עקן, וואָלט מען געמיינט, אַז וואָלקנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון די הימלען און שווימען מיט אימפּעט און געהויל אין דער לענג און ברייט פון וואַסער. זעט זיך אויס, אַז דאָס זענען נאַכט־איבונגען פאַר דעם לופטפלאָט. ווען נישט וואָלטן זיי זיך אַ הייב געטון און אַוועקגע־פלויגן צום שונא, אין דער ריכטונג פון חרמון, פון לבנון, צו די מערדער־נעסטן, טעראָריסטן־באַזעס.

יואל האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך און נאָכגעגאַנגען מיט ברייט צעעפנטע שוואַרצאַפּלען יעדע באַוועגונג פון די אייזערנע

נאַכטפּייגל. ווי לאַנג איז עס ווי ער האָט געלערנט זיך פּליען איבערן כּינרת און שפּעטער געפלויגן באַשטראָפן די רוצחים, אַוועקנעמען ביי זיי יעדן חשק פון אַריינדרינגען, פון קומען זיך זעטיקן מיט בלוט פון יידישע קינדער, פון די בויערס און פּלאַנצערס, פון קינדער אין די שולן און אָפּרו־הייזער. ווען נישט עפּעס אַ פּגם אין זיין רעפלעקסן־סיסטעם, וואָס אַעראָנאַוטישע טעסטן האָבן אַנטדעקט, וואָלט ער נאָך ווייטער געשוועבט אין דער לופטן.

עס האָבן זיך אָנגעצונדן די ליכטער פון מיגדל, און עס האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט און געבליבן ליגן דאָרטן אויף איבערנאַכט, אויפן וועג קיין גינוסר.

מיגדל האָט אויפגעוועקט ביי זשאַנען זיכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן. דאָ, אין דער געגנט פון מיגדל האָט געלעבט מאַריאַ־מאַגדאַלענאַ, מאַריאַ פון דאָרף מיגדל, די זונה פון דעם טישלערזון פון נצרת, וואָס איז דאָ נישט ווייט, וועלכער איז שפּעטער פאַרשריגן געוואָרן ווי גאָטס זון. דער גלח פון דאָרף אין די הויך־סאַוואָיער בערג, האָט זיין מוטער נישט אַנדערש גערופן ווי מאַריאַ־מאַגדאַלענאַ און פאַרלאַנגט פון איר אויס־צופירן די זעלבע פונקציע וואָס די פון דער עוואַנגעליע...

ער האָט געגרימפּלט נישט־ווילנדיק אַ ליטורגישן מאָטיוו און אונטערגעזיפצט ווי איינער, וועמען עס פאַרפאָלגן קאָשמאַרן, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן.

אַ נעפּל־מאָנסטער האָט איינגעשלונגען דעם שניי פון חרמון און גענומען איינבייסן דעם באַרג, רייסן פון אים לעבעדיקע שטיקער.

אויפן הר־כנען האָבן זיך באַוויזן עטלעכע שיטערע פינקל־ליכטער, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט מיט אַגרעסיווע נעפּל־סטאַדעס. די ווייסע מויער־שטיינער פון צפת האָבן זיך געשפּיגלט אינעם קאַרגן לבנה־שיין און געשטערט צו זען דעם ליכט־און־שאָטן פון

די דאָרטיקע ליקלער, באַרג־אַראָפּ־און־אַרויפֿן, און די סודות־דיקייט, וואָס איז דאָרטן אויסגעגאָסן נאָך מער אין די שפּעטע בין־השמשותן ווי אין אַנדערע טיילן פֿון מעת־לעת. נאָר אויפֿן טורעמל, וואָס אין באַרגיקן שטאָטפּאַרק, האָט אַ ליכטיק אויג געוווּנקען אין אַלע זייטן, אַ וואָרענונג פֿאַר לופֿט־מאַשינען, וואָס קרייזן אינעם חלל, און פֿאַר די וואָס טראָגן זיך אין די הייכן אויף די פֿליגל פֿון דמיון, פֿון נסתר, פֿון סוד.

אַ טוריסטן־שיף האָט געפֿירט מענטשן צום פֿעסטיוואַל אין עין־גב. גרויסע ליכט־רעפֿלעקטאָרן האָבן געוואָרט אויף זיי אויף יענעם ברעג. עס איז נאָך פֿרי צו דער פֿאָרשטעלונג, אָבער בעסער זיך באַזאָרגן אַ גוט אָרט, ווייל די אַקוסטיק פֿון דעם פּרימיטיוון טעאַטער־בנין מיט די האַרטע געזעסן און ברעטער־געשטעל איז גאָר אַ שלעכטע, בפֿרט ווען מ׳זיצט ווייט. און אפֿשר אַרײַנכאַפּן אַ פֿיש־סעודה. אַ קאָנצערט שמעקט בעסער אויף אַ זאַטן מאָגן, נישט איבערזאַט.

אַ צווייטע שיף דערנענטערט זיך צום טבריהער ברעג. אויפֿן האַלב־באַלויכטענעם פֿאָרט־בריקל זען זיך שאָטנס פֿון מענטשן, וואָס וואַרטן אַריבערגעשיפֿט צו ווערן, פֿעסטיוואַל־געסט. די צוויי גרויסע האָטעלן, דער נגידישער גלי־כּנרת און דער אַרויפֿגעאַר־בעטער פּלאַזאַ קאָנקורירן מיטן שימער פֿון זייער פֿינף־שטערנדיקן יחוס. די פֿינקלענדיקע אותיות פֿון זייערע נעמען פֿלאַטערן קרומשפּיגלדיק איבערן וואַסער און קונדסישע פֿישעלער שפּילן זיך מיט זיי, איידער זיי גייען שלאָפֿן. מעוועס, וואָס דער הונגער טרייבט פֿון זיי דעם שלאָף, קרייזן אַרום, חלומען וועגן אַ לייכטן פֿאַנג, נידערן אַראָפּ מיט אַ נצחון־אויסרוף, אָבער אומזיסט, די צעשווומענע ציטערשיין פֿון די צעטאַנצטע קאַפּויער־אותיות פֿאַר־פֿירט, פֿירט אַריין אין אַ טעות, און זיי טרעפֿן דערנעבן. פֿליען זיי אַוועק פֿאַרשעמטע און יאָגן נאָך די גרויסע שיפֿן. אפֿשר וועלן זיי האָבן מער מזל ביי מענטשן, געניסן פֿון אַ ברעקל שפּייז־

אַפּאַל. די פישער־שיפלער, וואָס שווימען אָן ליכטער, גרייטן זיך ערשט צום נאַכטפאַנג. די פישער־יונגען וויקלען פונאַנדער די נעצן און זוכן אַ פּאַסיק אָרט, ווו די הצלחה איז מער געזיכערט. וועלן די מעוועס צוריקקומען פאַר טאָגס, ווען די נעצן ווערן אַרויסגעצויגן, ווען עס טומלט און ווימלט אַרום די שיפן מיט פריש־צאַפּלדיקע, אָדער־פריטשמעלעטע פישעלער, וואָס זענען אַנטרינען פון די צוואַנג־אייגעלער פון דער נעץ, אָדער פון די פאַרכאַפּ־פינגער פון די פישערס. ווען דער פישפאַנג איז אַ שפּעדיקער, איז דאָס האַרץ פונעם פישער ברייטער, און זיין האַנט אָפּענער: נאַ דיר — זאָגט ער גוטמוטיק און מיט אַ שמייכל, און גיט א וואַרף צו אַ פישל, אַ צווייטעס, אַ דריטעס — נאַ דיר, נאַט אייך, און פרעסט זיך אָן, גאָטס באַשעפעניש, נאַט אייך אַ לייכטן ביסן...

זשאַן האָט אויפגעהערט שפּילן. ער האָט זיך אָוועקגעלייגט מיטן קאָפּ אויף דער ערד און די אויגן אין דער הייך, ווי ער וואָלט וועגן גאָרנישט מער געוואָלט טראַכטן, נאָר וואַרטן אויף אַ חלום, וואָס טראַכט פאַר אים. אַלץ אַרום האָט געשאַפן אַ שטימונג פון לייטזעליקייט און פון פרומער קאָנטעמפּלאַציע, וואָס רייד וואָלטן געקאָנט פאַרשווענבן, צעשטערן. אויך מוזיק.

אַלע האָבן געפילט דאָס זעלבע. יעל, וואָס האָט היינט געהאַט אַ שווערן טאָג, און די איבערלעבונגען פון דעם פאָטער פונעם נייעם באַקאַנטן, האָבן דערוועקט דאָס אויסטערלישע, וואָס זי האָט היינט געהערט פון דעם אַלטן דאָקטער און פון דעם הייזעריקן — האָט געפילט ווי עס קלאַפּן ווי מיט העמערלעך אירע שלייף־געפעסן און ווי קליינע גלי־פישעלער וואָלטן אַריין אין איר שיידל און פלאָנטערן זיך דאָרט אַרום ווי נישט גוטע, ווי געררודפטע אין אַן ענגן אַקוואַריום. זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן: צי זאָל זי צוהאַלטן פעסט איר קאָפּ מיטביידע הענט ער זאָל נישט

פלאַצן, אָדער אָנכאַפּן די האָר פוןביידע זייטן און זיי ציען, העלפן אויפרייסן דעם שיידל, עפענען אַ וועג פאַר די פּלאַנטער־פישעלער, פאַר די גלי־העמערלער אַרויסצו: גייט, פליט צו אַלדע רוחות! צו פיל, צו פיל פאַר איין טאָג. צרות זענען גענוג מיט אַ טראָפּנמעסטער, יעדן טאָג אַ טראָפּן, יעדע שעה אַ טראָפּן, אָבער נישט מיט עמערס גאַנצע, נישט מיט טייכן גאַנצע, מיט ניאַגאַרעס גאַנצע!

יואל האָט נישט פאַרשטאַנען געגוי פאַר וואָס יעל קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט און באַוועגט ברוטאַל מיט אירע הענט. ער האָט זיך צוגערוקט צו איר גאָר נאָענט, צוגעשטעלט דיסקרעט זיינע ליפּן צו איר באַק און געפילט, אַז זי איז נאַס. ער האָט געטריקנט אירע טרערן מיט זיינע ליפּן. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבויגן צו דער צווייטער באַק און געטון דאָס זעלבע. ער האָט נישט געוואָגט שטעלן קיין פראַגן.

עמינדב האָט זיך אויפגעזעצט און גענומען אויפוויקלען דעם פלעד. אַ סימן, אַז ער פילט זיך בעסער, אַז די שמערצן זענען נעלם געוואָרן. דבורה האָט אים געהאָלפן, אונטערהאַלטנדיק די פּראָטעזע, וואָס איז געווען אָפּגעשנאַלט פונעם לעבעדיקן פלייש און זיך בלויז געהאַלטן לויז אויף אַ שפּאַן־סיסטעם אַרום שענקל־געלענק. ווען זי האָט פאַרוויקלט דעם פלעד האָט ער צוריק פאַר־פעסטיקט די פּראָטעזע, און זיך אויפגעשטעלט.

זשאַן, וואָס האָט גראַד געהאַט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין זייער זייט, איז אונטערגעשפּרונגען, געוואָלט אים העלפן אויפ־שטיין. עמינדב האָט אים געדאַנקט און אונטערגעשטראָכן זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין שטאַרקן רצון, און זיין ווידערווילן צו רחמנות, צו הילף לשם מיטלייד, אָדער ווייל מ׳איז עס שולדיק אַן אינוואַליד, אַ נאַציאָנאַלן העלד.

— דאָס ווידמען זיך דער פליכט פון אַ הייליקן ציל, איז די ווידמונג גופא דער פּרייז — האָט ער געזאָגט כלאחר יד.

ער האָט זיך גראָדגעשטעלט אויף זיין אינוואַליד־פוס און געמאַכט עטלעכע טריט מיט אַ בכוונהדיקער זיכערקייט.

— לאָמיר גיין — האָט דבורה זיך באַהאַפּטן צום מאַן, און געוואָנדן זיך מיט אַ בקשה צו זשאַנען — קומט מיט אונדז, זייט מוחל. איר וועט זיין אונדזער גאַסט צום מאָלצייט. איך זע, אַז איר זייט איינער אַליין, איינזאַם.

ער האָט נישט אָפּגעזאָגט. געדאַנקט.

יואל האָט געהאָלפן יעלן אויפשטיין און אַרומגעאָרעמטע זענען זיי געגאַנגען צו זיך.

26

זיי האָבן געעפנט ברייט דעם ברעזענט־פאָרהאַנג צו געניסן פון דעם נאַטירלעכן שפּעט־אָוונטיקן ליכט. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן שמאָלן ראַנד פון בעט, מיטן פנים צום דרויסן. דאָס פאַר־מאַכטע דעקל פון דער צידנית האָט געדינט ווי אַ טיש צום עסן.

מענטשן זענען געגאַנגען אַהין און צוריק. זייערע טריט און כוונות זענען זיי געווען באַקאַנט. יואל האָט דערקענט די שטים פון דעם ייִד, און דעם נוסח פון ד'ער תפילה אויף זיינע ליפּן: ואם יסתם, יסתם אחד מהם, אוי, אוי וויי איז מיר, אי אפשר להתקיים, להתקיים, טאַטע זיסער...

יואל האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט.

— עס איז גוט אַ ציגאַרעט נאָכן עסן — האָט ער געזאָגט כלאחר יד.

— דאָס איז באמת דער זין פון דיין רייכערן? — האָט זי געפרעגט מיט אַן איראָנישן שמייכל — עס האָט נישט צו טאָן מיטן געררך?

— ער שטערט מיר נישט מער, דער ריח פון פרייהייט...
אָבער איך קאָן נישט אָפּנאַרן די אַלפאַקטיווע דריזעלער, וואָס זייער פונקציע איז צו פילן ריחות, צו אונטערשיידן צווישן נאָר־מאַלע און נישט נאָרמאַלע, פּערפומען פון געשטאַנקען. אָבער שטערן שטערט עס מיר לחלוטין נישט, גלייב מיר, טייערע. עס באַאיינפלוסט נישט בשום אופן דעם באַשלוס צו בלייבן, נישט רירן זיך פון אָרט ביז איבער פּסח.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ ציגאַרעט צוליב געוווינהייט פון מענטשן, וואָס רייכערן, און ווייל עס רייכערט זיך בעסער אין צווייען.

זיי האָבן פּלוצעם דערהערט דעם קול פון דעם הייזעריקן ייד. ער איז געשטאַנען צווישן דעם ווענטל פון זייער געצעלט און די אַקאַציעס. ער האָט גערעדט צו מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. מ׳האָט געזען זייערע שאָטנס דורך דעם דינעם געוואַנט.

יעל האָט געוואָלט זיך פאַרשטאָפּן די אויערן. זי האָט שוין גענוג, איבערגענוג איבערלעבונגען אין איין און דעם זעלבן טאָג, און דווקא דעם ערשטן טאָג פון איר פאַרברענגען מיט יואלן און געניסן פון אומבאַשרייבלעכן גליק. גאָרנישט איז קיין מאָל געקומען פאַרשאָטענען די הפקר־אינטימע שעהען און מעת־לעתן, וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט זשאַקן; און דאָ אַזוי פיל שאָטן, אַזוי פיל אויסטערלישקייטן. אמת, דאָ דאָמינירט זי, זי וואַרפט אָן איר ווילן, זי הערשט איבער אירע אינטימע געפילן, זי נעמט זיך אָפּ פאַר דער הכנעה, פאַר די באַליידיקונגען, פאַר האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ נשמהלאָזן אויטאָמאַט, אַ שקלאַפין צו ווילדע באַגערן, אָן מעגלעכקייט און ווילן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, צו אַ ברעקל איניציאַטיוו... צי דאַרף עס זיין דער פּרייז פאַר איר גליק, דער שאָטן וואָס באַגלייט די זון?

זי האָט גענומען דעם ציגאַרעט. יואל האָט איר דערלאַנגט פייער. זי האָט פאַרצויגן, זיך פאַרהוסט, געטריבן דעם רויך וואָס האָט געביסן די אויגן.

"יאָ, איך מוז אייך דערציילן ביזן סוף" — האָט זיך געהערט דער הייזעריקער קול — "עס איז געווען גוט טונקל, ווען כ'בין אַרויס. זיך צוגעשלייכט אויף אַלע פיר, ווי אַ געפלאָגטער הונט, צום טייכל, אַראָפּגעוואָרפן די בגדים. אַריין אין וואַסער. זיך אַרומגעוואַשן, אַרומגעריבן דעם גוף מיט ערד, מיט גראָז, געוואַלגערט זיך אין זאַמד, וואָס ביים ברעג. געליגן אין וואַסער ביז איבערן קאָפּ. אונטערגעטונקען זיך, געליגן מיטן בויך אויפן באָדעם פון פלאַכן טייכל, דערנאָך אויפן רוקן. געריבן דאָס לייב אין די פלאַנץ־וואָרצלען און שטיינדלעך פון באָדעם, געריבן ביז בלוט. און געלאָזט זיך לויפן אַ נאַקעטער צום בית־עולם. די לבנה האָט געשיינט ווי היינט און געוויזן דאָס אָרט צו די אַלטע מצבות. איך האָב אָפּגעריסן קוסטע־בלעטער און הויכע גראָזן און פאַרדעקט מיין נאַקעטקייט. איך האָב זיך געשעמט פאַר די האַלב־איינגעזונקענע הייליקע שטיינער מיט די אויסגעריבענע, פאַרשימלטע יידישע אותיות. ביי אַ ווילד־פאַרוואַקסענער מצבה, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטעקט בלויז דער אויבערשטער פאַררונדיקטער ראַנד מיט אַ מגן־דוד און צוויי כוהנים־הענט, וואָס דוכענען — איז געווען דער ציווילער אַנצוג, און אין אַ טאַש — ציווילע פּאַפּירן. און אַ ראַזיר־מאַשינדל אין אַ צווייטער טאַש".

— נו, נו, וואָס ווייטער? — האָבן געפרעגט עטלעכע נייגעריקע, וואָס האָבן געוואָלט וויסן דעם סוף, און געאיילט זיך צוליב פיזיאָלאָגישע טעמים.

יעל האָט פאַרצויגן גיך דעם ציגאַרעט און געפילט, אַז דער קאָפּ נעמט זיך דרייען ביי איר, אַז די ניקאָטין פאַרקריכט ביז הינטערן שאַרבן און שלעפערט זי איין. נאָך קיין מאָל האָט אַ ציגאַרעט נישט געווירקט אויף איר אויף אַזאַ אופן.

דער הייזעריקער ייִד האָט אָפּגעהוסט, אויסגעשפּיגן פלעגמע און ווייטער דערציילט: "איך בין געווען פּריץ פּראַסקאַ, אַ סודעטן־דייטש, פון פאַר אַ שאָפער. איך בין געלעגן צווישן הויכן ווילד־גראָז, צווישן די מצבות, און געגעסן גרעזעלער, קוסטע־בלעטלער, בלומען־קעפּלער און רויטע בערעלער, וואָס זענען געווען ביטער ווי גאַל און געבריט דעם מאָגן ווי הייסע קוילן. אָבער דער, וואָס הענגט אין תינופת לאַנגע שעהען, ווערט נישט מער נתפּעל, קאָן אַלץ פאַרטראָגן. און האָב געבעטן ביי די, וואָס ליגן אונטער די מצבות, זיי זאָלן לויפן זיך מיען פאַר מיר, און אויסבעטלען אין די הימלען נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג... און זיי זאָלן זיך מיען פאַר אַלע יידן, וואָס זענען נאָך איבער דער ערד, און קאָנען נישט מער, באו מיים עד נפש, אויב נישט נאָך העכער... הכלל, און בקיצור: ווי נאָר עס זענען געקומען די אַמעריקאַנער באַפרייער, און כ׳האָב זיך לייטיש אָנגעגעסן, בין איך געגאַנגען אין שטעטל פון מיין עס־עס מאַן. איך האָב געזוכט דעם גלח, וואָס האָט געהייסן אַזוי ווי איך. געזוכט און געזוכט און — נישט געפונען. קיינער האָט נישט געהערט פון אַזעלכן. אויף דער ליסטע פון די גלחים אין גאַנצן לאַנד איז נישט געווען עמעץ מיט אַזאַ נאָמען און פאַרנאָמען. פאַר וואָס האָט ער מיך געראַטעוועט דער דייטש? פאַר וואָס ראַטעווען אַ ייד און דווקא מיך? זיין משפחה האָב איך יאָ אָפּגעפונען. מיין עס־עס מאַן איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן בערלין. זיין פרוי און צוויי דערוואַקסענע מיידלעך זענען געווען צופרידן צו וויסן, אַז זייער מאַן און פאָטער האָט געראַטעוועט כאָטש איין ייד. זיי האָבן געבעטן פון מיר אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג וועגן דעם. זיי האָבן אויף דעם סמך געבעטלט ביי די אַמעריקאַנער אַ גרעסערע שפּייז־צוטיילונג. איך האָב זיי פאַרוואָרפן מיט פּושקעס, שאָקאָלאַד, קוכנס, ציגאַרעטן צום פאַרקויפן און האָב זיך באַמיט, אַז מ׳זאָל דער משפחה דער־לויבן צו עפענען גיכער זייער געשעפט פון שרייבגעצייג און

צייטונגען. אַ הויכער ייִדישער אָפּיציר פֿון דער יאַנקי־אַרמעע האָט מיר געהאָלפֿן דערין. אָבער עס איז מיר נאָך תּמיד נישט גענוג קלאָר פֿאַר וואָס דער דייטש האָט געראַטעוועט דווקא מיך און אויסגעטראַכט ווי אַ תּירוץ אַז איך טראָג דעם זעלבן נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען ווי זיין כּלומרשטער גלח. עס איז אַ גרויס רעטעניש, גאָר אַ גרויס רעטעניש, וואָס קיינער קאָן נישט פּותר זיין. און אָפּט עגבערט אין מיר די פֿראַגע: פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס דווקא איך? פֿאַר וואָס דער תּירוץ אויף צו ראַטעווען? בלויז צוליב דעם, אַז איך זאָל קאָנען עווענטועל אַרויסהעלפֿן דער משפּחה זיינער? קאָן אַ מערדער זען אַזוי ווייט, קאָן אַ חיה פֿאַראויסזען אויף אַזאַ אופֿן, היתּכן, האַ?! ווי פֿאַרשטיין גאָטס דרכים, דעם טייוולס דרכים? אַלץ איז סוד, משונהדיק, כּולו רעטעניש; די וועלט איז פֿול מיט אומפֿאַרענטפֿערטע רעטענישן, און אַזאַ קליינער שפּרונג צווישן טויט און לעבן, צווישן חלום און וואָר! ווי זאָגט, מיט רעכט, דער בראַסלאָווער: די גאַנצע וועלט איז אַ שמאָלע בריק, אַ שמאָלע בריק... זי איז נאָך אַ סך שמעלער, רבותי, זי איז שמאָל ווי אַ פֿאָדעם, ווי אַ דין הערל, זאָג איך... אָבער: דער עיקר, לערנט רבי נחמן, נישט מורא האָבן, בכלל נישט מורא האָבן, נישט מייאש זיין זיך, חס וחלילה. מ׳דאַרף די שמאָלע בריק דורכגיין אָן פּחד, מיטן קאָפּ אַרויף, רבותי, מיטן קאָפּ אַרויף, רבותי!״

עמעץ האָט גענומען ברומען:

כּל העולם כּולו,

גשר צר מאוד, גשר צר מאוד.

אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט:

גשר צר מאוד.

דער הייזעריקער האָט געהייסן איבעררייסן דאָס געזאַנג און געטריבן די פֿאַרזאַמלטע פֿון דאַנען, אָן עבֿרה אַרויסצוברענגען די הייליקע ווערטער פֿונעם צדיק דאָ, אָט דאָ אַ...

זענען זיי זיך צעגאַנגען איינציקווייז, אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם געזאַנג, אַרויס פאַר די געצעלטן, און אַ צע־שפּליטערטער כאָרגעזאַנג האָט זיך געטראָגן פון געצעלט צו גע־צעלט, און ביזן ברעג אַראָפּ:

והעיקר, והעיקר
לא לפחד כלל.

27

יעל האָט געהערט דעם סוף פון דער דערציילונג, נישט געהערט דאָס ליד. אַנשטאָט דער שמאָלער בריק האָט זי געזען — דעם רויטן מערצעדעס. זי האָט געהערט די רעדער פון מערצעדעס, וואָס פאָרן הינטער יואלס רענאָ און דערנענטערן זיך אַזוי נאָענט, אַז יואל איז שיער נישט אַראָפּ פון וועג. זי זעט זיך אויפן אויסלייג־געזעס און טוט דעם רצון פון זשאַקן. ער פייניקט זי הלמאי זי ווערט זיך נישט, הלמאי זי פאַרטיידיקט זיך נישט, נאָר פאַלט אין אָנמאַכט ווי אַ געפּענטעטע טויב... זי שווערט מער נישט אומ־צוקערן זיך צו אים. אָבער ווידער לויפט זי צו אים, געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט, ווי אַ דיבוק וואָלט אין איר אַריין... און אָט קומט ער, דער מערצעדעס. ער זוכט זי. ער האָט געמאַכט דעם קרייז אַרום כינרת. און געפינט זי. ער איז דאָ. צוזאַמען מיט די צוויי חברים זיינע, מיט וועלכע ער האָט געסודעט זיך כסדר אויף אַראַביש. זיי פלעגן תמיד אַרויסשווימען פון ערגעץ, יעדעס מאָל ווען זי איז אַרויס פון אויטאָ... זיי זענען דאָ, זאַלבעדריט. זשאַק צו פריער און זיי נאָך אים. ער גיט זיי באַפעלן זי צו כאַפּן. אָט איז זי אין זייערע הענט. זיי שלעפּן זי צום וואַסער. עס איז פינצטער. קיינער זעט נישט. זיי בינדן זי און ווילן אַריינשליידערן, דערטרינ־קען. זי לאָזט זיך נישט. זי וואַרפט זיך. זי צערייסט די שטריק. זי שרייט. זי שרייט...

ווען זי האָט אַ ווילדע געעפנט די אויגן, איז נעבן איר געזעסן יואל. ער האָט געגלעט אירע האָר, אירע באַקן און גערעדט צו איר ווי צו אַ קינד, ווי אַ פּאַרליבטער.

— האָסט ווידער געחלומט, יעל. ווידער קאָשמאַרן, מיין טייערע.

זי האָט געשוויגן. געזוכט צו דערקענען אין דער פינצטער צי די ווייכע שטים, וואָס קוים מ'הערט זי, און די גלעטנדיקע האַנט, וואָס קוים מ'פילט זי — זענען אויף דער וואָר, אָדער אַן אָנהייב פון אַ נייעם חלום. זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, באַרירט זיינע באַקן מיט שרעקעוודיקע פינגער, און שווער געזיפצט.

— דאָס בין איך, יעל, שרעק זיך נישט. האָסט געהאַט אַ קאָשמאַר.

— נישט קיין חידוש — האָט זי געענטפערט מיט אַ האַלב מויל — נאָך אַזאַ שווערן טאָג, נאָכן אויסהערן אַזוי פיל גרויל-געשיכטעס.

זי האָט פעסט אַרומגענומען זיין האַנט און זי געדריקט ביז ווייטיק און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי געקניפּט זיינע באַקן, אַריינגעשטאָכן אירע נעגל אין זיין הויט. ער האָט געביסן די ליפּן, כדי נישט צו שרייען פון שמערצן. שפּעטער האָט ער געפילט ווי זי שטעלט צו אירע ציין צום וואָרצל פון זיין ברוסט און בייסט איין, שניידט מיט אירע שאַרפע ציין-ראַנדן. ער האָט געפּרוּווט אָוועקרייסן איר קאָפּ, באַפרייען זיך פון אירע ציין. אָבער איר קאָפּ איז געווען זייער שווער און די ציין האָבן געהאַלטן זיך אין זיין הויט ווי מיט צוואַנגען, ווי אַ מעכאַנישע זויגפּאָמפּע.

אַ מעלאָדיע, וואָס איז פּלוצעם אַריינגעדרונגען אינעם געצעלט, אָנגעטראָגן דורך אַ צעווינטיקטן ווידערקול, און געקלונגען אין אירע אויערן מיט באַקאַנטע גיטאַרע-טענער, — האָט אַ טרייסל געטון מיט איר קאָפּ און ברייט צעעפנט איר מויל. זי איז אָוועקגעפאַלן אַן אויסגעמאַטערטע מיטן קאָפּ אויפן געלעגער,

ווי נאָך אַ שווערן געראַנגל, נאָך אַ נצחונדיקן פּאַרמעסט. זי האָט שווער געאָטעמט. ער האָט צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די צעבײ־סענע ברוסט, כדי צו פאַרקלענערן די שמערצן, צו פאַרהאַלטן דאָס בלוטיקן.

זיי האָבן געשוויגן. לאַנג געשוויגן.

— געווען אַ שווערער טאָג — האָט זי די ערשטע איבער־געריסן די שטילקייט און אַרומגענומען פעסט זיין אָרעם, איבערן האַנטגעלענק.

— נישט אומזיסט האָסטו געהאַט אַזעלכע אויסטערלישע קאָשמאַרן.

ער האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון אירע לאַנגע פינגער, וואָס קלאַמערן זיך קראַמפּהאַפטיק אַרום זיין אונטעראָרעם און נישט באַוויזן. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און אַנגעכאַפּט מיט דער זעלבער פעסטקייט זיין אָרעם פון דער צווייטער זייט. ער האָט געפילט איר הייסן און גיכן אָטעם און דאָס גאַלאָפּירנדיקע קלאַפּן פון איר האַרץ. עס האָט אים אויסגעפעלט אָטעם און כוח ווי ביי איינעם וואָס גייט חלשן. ער האָט צוזאַמענגענומען די קרעפטן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, און געפרעגט מיט אַ האַלב־דערשטיקטן קול, גלייבנדיק אַז די פראַגע וועט אַרויס־רופן ביי איר אַ תיכפדיקע רעאַקציע, און זי וועט אים אָפּלאָזן.

— ווער איז זשאַק, דער זשאַק וואָס דו האָסט כסדר דער־מאָנט מיט שרעק אין דיין קאָשמאַר, ווער איז דער זשאַק?

ער האָט זיך נישט טועה געווען. זי האָט נאָכגעלאָזן זיינע אָרעמס און זיך צוריקגעלייגט. ער האָט אויף אַן אמת נישט געוואָלט וויסן ווער ער איז. ער האָט געהערט דעם דאָזיקן נאָמען פון איר אַליין און אויך הײנט פרי, אונטערהערנדיק פון דער ווייטנס דעם שמועס אירן מיט דער פרוי, וואָס האָט זיך געשדכנט צו איר פאָטער. אים האָט נישט אינטערעסירט וואָס זי האָט געטון

פריער, ווען ער איז געווען אין צה״ל. ער האָט בלויז געשטעלט די פראַגע ווי אַ פאַרטיידיקונג־טאַקטיק.

— זיי מוחל — האָט ער געבעטן — דו דאַרפסט מיר נישט ענטפערן. זאָל עס בלייבן אַ רעטאָרישע פראַגע. עס מוז זיין אַ געפערלעכער מענטש, וואָס מאַכט דיך ליידן, וואָס וויל דיר טאָן שלעכטס. האָסט זיך געוואָרפן, פאַרטיידיקט, געשריגן ווי אַ גע־רודפטע אָן שוץ, אָן הילף... פאַרגעס נישט, אַז איך בין דאָ, טייערע, איך בין דאָ. וועל נישט לאָזן דיר טאָן אַן עוולה...

— ביסט אַ גוטער — האָט זי געזאָגט — אָבער לאָמיר נישט צעשטערן די אידיליע.

— ביסט גערעכט — האָט ער באַשטעטיקט.

— עס וועט קומען אַ צייט ווען איך וועל דיר אַלץ דער־ציילן.

— נישט דער נייגער, יעל, האָט מיר דיקטירט צו שטעלן דיר די פראַגע, גלייב מיר... נאָר, דו ווייסט דאָך, עס איז אָפט גוט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, כדי צו באַפרייען זיך פון זלידנע חלומות, פון מוראַדיקע קאָשמאַרן.

— דו ביסט אַ גוטער — האָט זי איבערגעחזרט, אים אַרומ־גענומען און צוגעצויגן פעסט צו זיך.

ער האָט זיך דערנענטערט, אַרומגענומען איר טאַליע, געפילט אַ ציטער אין זיינע הענט און דעם קלאַמערנדיקן כוח פון אירע אָרעמס, פון איר לייב. איר לייב איז געווען שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, מיט הייסן צינק, מיט גליִיקן צינק, מיט וועלכן מ׳פלעגט אין די חומש־צייטן אומברענגען אַ זינדיקן, אומברענגען, אומ־ברענגען...

— דו ווייסט — האָט זי געזאָגט מיט אַ זאַטן און נצחונדיקן קול — איך בין עורודיצע. ערורודיצע, בין איך... דו קענסט דאָך די געשיכטע פון אָרפעאָ, די אָפּעראַ פון מאָנטעווערדי. עורודיצע

איז געווען אָרפּעאָס באַליבטע פרוי. איז זי געגאַנגען רייסן בלומען פאַר איר מאַן. האָט אַ שלאַנג איר אַ ביס געטון און זי איז דערפון געשטאָרבן... אויך איך האָב באַקומען אַ ביס פון אַ שלאַנג, מיין געליבטער, אָבער איך לעב ווייטער. דער גיפט איז אפשר געבליבן אין מיר, אָבער ער ווירקט נישט שעדלעך, ער איז נישט גיפטיק... איך בין עורודיצע, וואָס איז צעביסן געוואָרן דורך אַ שלאַנג, אָבער לעבט ווייטער, לעבט ווייטער; איך לעב ווייטער!

28

זי האָט ווידער דערהערט די גיטאַרע־טענער. זי האָט דער־קענט דעם אינסטרומענט און דעם שפּילער. געווען אַזאַ ווייכקייט, אַזאַ נאָסטאַלגיע און פאַרחלומטקייט אין זשאַנס אופן פון שפּילן. דאָס האָט זיך גענומען פון אינסטרומענט גופא און פון זשאַנס לאַנגע פינגער, פון זיין צעווייטיקטער נשמה. ווי זאָגט דער גאָט־געבענטשטער מייסטער מיקעל אַנדזשעלאָ — מ׳מיינט, אַז מ׳מאָלט מיט דער האַנט, אָבער אין דער אמתן מאָלט מען מיטן קאָפּ... זי האָט באַלד דערפילט, אַז ער שפּילט אַנדערש ווי אַלע, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע. פאַראַן אין אים אַזוי פיל פּאַטעטישעס, אַזוי פיל נישט דאַיִקס, אַ בליק פון איינעם וואָס קוקט און זעט נישט אָדער קוקט אָפּט אַריין אין זיך, און שלאָגט זיך דאָרטן מיט זיינע אייגענע דעות.

זי איז אַראָפּ פון בעט, אָפּגעלענט דעם פאָרהאַנג צו געניסן פונעם געראַנגל צווישן דעם לבנה־גלאַנץ און דער חשכות, כדי לייכטער צו געפינען איר אָוונטקלייד אין דער ענגעניש פונעם געצעלט. ער האָט אַרויפגעצויגן טונקעלע אַלפּאַגע־הויזן, אַ העל־בלאָען פולאָווער מיט אַ ראָלער־קאָלנער ביז צו די אויערן. זי האָט אָנגעהאָנגען לויז אַרום די אַקסלען אַ דינעם אַנגאָראַ־

סוועטער, צוליב דעם קילן ווינט אין דרויסן — און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין געאָרעמט אין דער ריכטונג פֿון די מוזיק־טענער.

עס זענען געווען די טענער פֿון ראַוועלס באָלעראָ.

זיי זענען געגאַנגען צושאָקלענדיק זיך, ווי אין אַ שיכורן טאַנץ, צום ריטעם פֿון דער מעלאָדיע. אַ בייכיקער לבנה־פּאַס, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פֿון וואַסער־שפּיגל האָט געוויזן ווי אַ צייגפֿינגער אויפֿן געזעמל, וואָס רינגלט אַרום דעם שפּילער. מען איז געזעסן אויף דער ערד און זיך צוגעהערט. עמינדב איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן געצעלט. דבורה איז געשטאַנען נעבן אים און געגלעט זיינע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעשויבערט. זי האָט זיי די ערשטע באַמערקט און זיי אַקעגנגעלאָפֿן. זשאַן האָט זיי דערקענט און אויפֿגעשפּילט מענדעלסאָנס חתונה־מאַרש. די פֿאַרזאַמלטע האָבן געמיינט, אַז דאָס דערנענטערט זיך אַ פּריש פּאָרל, אָקערשט נאָך דער חתונה און האָבן גענומען קלאַפּן מיט די הענט צום טאַקט פֿון דער מוזיק. דבורה און יעל האָבן זיך אַרומגענומען ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען.

— מזל־טוב — האָט יעל פּלוצעם דערהערט אַ באַקאַנט קול און זי האָט דערקענט דעם אַלטן דאָקטער.

— מזל־טוב וסימן טוב ! — האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַנדערע מיט ברכות.

דער דאָקטער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען, זיך באַגריסט און גענומען יעלן אונטער אַן אָרעם. ער האָט זי צוגעפֿירט צו זיין פֿרוי.

— מאַטילדאַ.

— יעל.

זשאַן האָט אויפֿגעהערט שפּילן. ער האָט געדרייט ביי די שרויפֿן ווי ער וואָלט געדאַרפֿט אָקאָרדירן דעם אינסטרומענט.

און געקוקט אויף יעלן. אין איר שוואַרצן און דיסקרעט־דעקאָלטירטן קליידל, אינעם ליכט־שאָטן שיין און מיטן רוקן צו דער פּאַדערוואַנט פון געצעלט, געמאָלן אויף העל־פּיאָלעט — האָט זי אויסגעזען ווי די מאַדאָננע־בילדער, וואָס ער האָט געזען, ווען ער איז געווען גאָר יונג. אירע לאַנגע האָר, וואָס האָבן אַרומגערעמט איר רונדיק פּנים און נאָך מער געמאַכט בולט דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, האָבן זי געמאַכט ענלעך צו אַ סופּערסטאַר, וואָס ער האָט געזען אַנומלט אין אַ פילם ווי עס ווערט איר צוגעטיילט דער אָסקאַר־פּרייז אין האָליוווד; נאָר ער דערמאָנט זיך נישט איר נאָמען. יעל האָט אָבער געוווּנען אַ סך אויפן פּאַרגלייך, סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן. ער האָט אָנגעשפּאַרט די פינגער אויף דער גיטאַרע און זיינע צעשפּרייטע אויגן־אַפּלען אויף איר פּנים און געוואַרט אויף אינספּיראַציע, ווי אַ מאָלער, וואָס קוקט זיך גוט איין אינעם מאָדעל איידער ער גייט מאַכן דעם פּאָרטרעט. ווען נישט דער רעש אַרום, ווען נישט אַזוי פיל מענטשן דערנעבן, וואָלט ער זיכער איר געווידמעט, אויפן אָרט, אַ נייע קאָמפּאָזיציע.

דער דאָקטער האָט געבעטן זיין פרוי זיך צוצורוקן צום ראַנד פון פּלעד, מאַכן אַן אָרט פאַר דער יונגער פרוי, וואָס איז געקומען אים רופן צו דער שוואַנגערדיקער, וואָס ברעכט. אַ שאָד זי זאָל זיצן אין איר אָוונט־קלייד אויף דער הוילער ערד.

יעל האָט זיך געזעצט נעבן דאָקטער, צווישן אים און אַ פרוי, וואָס האָט געהאַלטן צוויי קעצלעך אויף איר שויס. דער דאָקטער האָט פאָרגעשטעלט די פרוי, אַ געצעלט־שכנטע. איר געצעלט געפינט זיך צווישן זיינעם און דעם קריג־אינוואַלידס.

— מיינע קעצלעך האָבן אַ קינסטלערישע נשמה — האָט געזאָגט די נייע באַקאַנטע.

זשאַן האָט זיך צוריקגענומען צום באַלעראַ.

מענטשן זענען אַרויס פון זייערע געצעלטן, פון נאָענטע און

ווייטע, זיך אָנגעשלאָסן אין די אַרומזיצערס. יונגע פּאָרלעך האָבן זיך אָוועקגעשטעלט הערן. דער פּלאַץ נעבן געצעלט איז געווען אַ גראָדער; ערטערווייז נאָר גראָז־אינדזלעלעך, אָבער אויסגעטרע־טענע, און נישט קיין שטער צום טאַנצן. זיי האָבן געוואַרט אויף טאַנץ־מוזיק. דערווייל הערט זיך נאָך אַנאַנד דער זעלבער מאָטיוו, די זעלבע מעלאָדיע, כמעט נישט אַנדערש געשלייערט. די פּיס, וואָס זענען געווען גרייט צו הייבן זיך אין ווירוואַר פון אַ מאָדערנעם טאַנץ זענען געבליבן ווי צוגענעגלט צום באָדן. און די אויגן האָבן געגומען צופאַלן, ווי פון אַן איינשלעפערנדיק וויגליד.

— ווי לאַנג וועסטו דיך אַזוי אַרומדרייען מיטן זעלבן נגינה־קוואַטש, ווי סטעאַרין פון אַ געפלאַכטן הבדלה־ליכט, אדון מוזיקאַנט? — האָט געפרעגט אַ מיידל, אין רויטע, ענג־געפּאַסטע דזשין־הויזן, מיט אַ שטים ווי פון אַ שיכור און אַ פּנים פול מיט חוצפה.

— מ'וועט דאָך דאָ איינשלאָפן — האָט איר פּאַרטנער אַרויסגעהאָלפן — וואָלט עס כאָטש געווען אַ טאַנגאָ.

זשאַן האָט איבערגעריסן און געקוקט בייז אויפן פּאָרל מוזיק איגנאָראַנטן.

— דרך־ארץ! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ באַליידיקטער שטים — דרך־ארץ פאַר קונסט! דאָס איז איינע פון די שענסטע קאָמפּאָזיציעס. דער מייסטער ראַוועל איבערחזרט אינעם ווערק ניינצן מאָל דעם זעלבן אידעען־מאָטיוו, אָבער אין יעדן איז פאַראַן אַ דינער וואַריאַנט, וואָס דריקט אויס דאָס אַבסעסיאָנעלע בענקען פונעם מענטש צו עסטעטישער פּערפעקציע, די נאָסטאַלגיע נאָך שלווה און אינערלעכער האַרמאָניע.

— עס איז אָבער געשעפּט פון אָריענטאַליש־אַראַבישער מוזיק — האָט איינער געוואָלט ווייזן זיין מבינות און אונטער־געשטראָכן דאָס וואָרט אַראַביש מיט אַ בייזער כוונה.

— און אַז אַראַביש, איז וואָס? — האָט אָפּאָנירט זשאַן — עס איז נישט קיין שמוציקע נאַפט און נישט קיין טריפענע פּעטראָ־דאָלאַרן, נאָר קונסט, באַאַרבעט דורך אַ געבענטשטן קאָמפּאָ־זיטאָר פון פראַנקרייך.

— און אַז פראַנקרייך? — האָט עמעץ אַרגומענטירט אין אַ געבראָכענעם עברית מיט אַ פראַנצייזישן אַקצענט — אַז פראַנק־רייך, איז וואָס? ווען דע־גאָל וואָלט נאָך היינט געווען ביי דער מאַכט, וואָלט מען אפשר שוין היינט פּאָגראָמירט יידן אין פּאַריז...

— ביי זיין היינטיקן נאָכפאָלגער רייסט מען דערווייל אויף סטודענטן־רעסטאָראַנען, מ׳ברענט סינאַגאָגעס, מ׳טראַכט אויס בילבולים, מען פאַרשוועכט יידישע בית־עלמינס — האָט איינער פון די אַרומזיצערס געוואָלט אַרויסווייזן זיין בקיאות אין הלכות אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך.

— דאָס איז באַקשיש פאַר די אַראַבישע נאַפט־מיליאַרדערן.

— דאָס לאַנד, וואָס וועט נישט ליפערן פּערמאַנענט דעם דאַזיקן פּאָגראָם־באַקשיש, וועט אויסגיין נאָך אַ טראָפּן פּעטראָל.

— אויך דאָס פאַרטשאַדען די מוחות מיט אַ מכלומרשטער פּאַלעסטינער מדינה איז באַקשיש.

— רבותי, רבותי! — האָט דער דאָקטער אויסגעשריגן מיט כעס, כדי צו באַרויִקן די געמיטער פון די צווישנרופערס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. — דאָ איז נישט קיין פּאָליטישער מיטינג, רבותי. פאַרוואַנדלט נישט אַ געמיטלעכן חול־המועד אָוונט און די פריינדלעכקייט פון די געצעלט־אייגנטימער, ווי אויך די אַזוי גוטוויליקע באַטייליקונג פון אַן אויטענטישן קינסטלער־גיטאַריסט, אין אַ פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע און ווען עמען עס געפעלט נישט, מעג זיך גיין! שטערט נישט אַנדערע, וועמען די קלאַסישע מוזיק געפעלט דווקא יאָ. דרך־ארץ, דרך ארץ יונגוואַרג! — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ באַפעלערישן טאָן, באַוועגנדיק מיט דער האַנט אין דער לופטן ווי ווען מ׳וויל עמעצן פאַרטרייבן, ווייזן די טיר.

עס האָט זיך געשאַפֿן אַ טומל. עס האָט זיך געהערט אַ פּיפּעריי, אַ הילכיק קלאַפּן אין הענט, אַ בייזוויליק געלעכטער, ביטול־אויסרופֿן, און איינער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געביל ווי אַ הונגעריקער הונט און אַ צווייטער האָט אים געענטפֿערט מיט אַ הווילעניש ווי אַ שאַקאַל.

זשאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אַריין אין געצעלט אויס מורא עס זאָל נישט קומען צו אַ געשלעג און עס זאָל נישט חלילה באַשעדיקט ווערן זיין גיטאַרע.

מענטשן האָבן גענומען זיך אומקערן אין זייערע געצעלטן. די יונגע פּאָרלעך האָבן געזוכט יחידות און פֿאַרשווונדן ווער צווישן די געצעלטן, ווער ביים וואַסער־ראַנד.

דבורה און עמינדב האָבן פֿאַרבעטן זייערע נאָענטע פֿריינט צו זיך.

29

— איך האָב דווקא ליב די מוזיק. זי איז פֿאַר מיר ווי אַ היילונג — האָט געזאָגט עמינדב אָנלענענדיק זיך אויף אַן עלנ־בויגן אויפֿן בעט.

— און איך, דער ווינער, האָב דאָך זיכער ליב מוזיק.

— יענער פּראָטעסטירער וואָלט אייך זיכער פֿאַרגעוואָרפֿן די מוזיק פֿון שטראַוס, דעם אַנטיסעמיט און נאַצי — האָט יעל איבערגעריסן דעם דאָקטער מיט איראָניע.

— נישטאָ קיין עסטרייכישע מוזיק, קיין נאַצישע, קיין פֿראַנ־צייזישע, קיין אַראַבישע. נאָר צוויי קאַטעגאָריעס זענען פֿאַראַן: שלעכטע און גוטע מוזיק — האָט געפּסקנט מיט אויטאָריטעט דבורה.

— אַז וואַגנערן וועט די מוזיק נישט זיין אָרעמער — האָט געזאָגט זשאַן שטייענדיק מיט דער גיטאַרע אָנגעהאָנגען פון פּאַרנט. — זיין מוזיק איז אַ מין אידעיִשער רוף צו פּאָגראָם, צו די שׂרפות פון דער קריסטאַל־נאַכט. דער באַרימטער פראַנצייזיש־יידישער קאָמפּאָזיטאָר דאַריוס מילהאָ, ווען ער האָט געהערט דאָס ערשטע מאָל שפּילן וואַגנערן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אויסגעשריגן אין מיטן פון אַ קאָנצערט: נידער מיט דייטשלאַנד!

— ריכטיק! — האָט באַשטעטיקט די פרוי, וואָס איז געזעסן אויפן צווייטן בעט, מיט די פיס אונטער זיך מעשה־אַראַבער, מיט די קעצלעך אויף איר שויס — מיינע קעצעלעך, וואָס האָבן אַ קינסטלערישע נשמה, ווערן בייז, דרייען זיך אַרום מיט די נעגל אַרויס און ברומען פון כעס ווען זיי הערן וואַגנערן.

— פראַו רעגינאַ, אָדער רעזשין, לוקס איז אַן אייניקל פון דער באַרימטער פּאַריזער מאָלערין מלכה גאָלדין. און די צוויי קעצלעך זענען אַ גילגול פון די קעץ, וואָס האָבן געראַטעוועט דאָס לעבן פון דער מאָלערין, געראַטעוועט זי פון אוישוויץ — האָט אויפגעקלערט דער דאָקטער.

ביים דערמאָנען דאָס וואָרט אוישוויץ איז ווי אָפּגענומען געוואָרן ביי אַלעמען דאָס לשון. די בלוטן האָבן באַקומען אַ גיכערן ריטעם און די מחשבות זענען ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. מ׳האָט געהערט דאָס ברענען פון דער נאַפטלאָמפּ, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ טיש און געוואָרפן אַ סודותדיק־אינטים ליכט אינעם אויבערשטן טייל פון רחבותדיקן געצעלט־חלל. מ׳האָט געהערט דאָס הויכע אָטעמען פון די קעץ, באַגלייט מיט אַ שטיל זשומען, ווי פון הייזעריקע בינען.

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פּאַרכאַפּנדיקער גלאַנץ פון זייערע העלבלאַע אויגן פליסטערט אויף עפּעס בלחשדיק. זשאַן האָט אָפּגעוואָנדן זיין בליק פון די קעצישע אויגן. ער האָט געפילט

ווי עפּעס אַ כּישוף וואָלט געווען אין זיי פֿאַרבאָרגן. ער האָט זיך געטראָפֿן מיטן בליק פֿון זייער האַרינטע. אויך אירע אויגן זענען געווען העלבלאָ, אָבער אָן גלאַנץ, און זיי האָבן זיך באַוויגן גיך. אינעם ליכט פֿון דער לאָמפּ, וואָס איז געווען נישט ווייט פֿון איר, האָט זיך געמאָלן אַ נישט דערזאָגטער, זשאָקאָנדישער שמייכל אויף איר בלייך פּנים. און אין דער זעלבער צייט געכאַפּט אַן ענלעכקייט, וואָס איז אים געווען אויפֿפאַלנדיק. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט נישט וועלן פֿאַרענדיקן אין דער מחשבה דעם פֿאַר־גלייך. נישט אַנדערש, אַז די קאַצן־אויגן האָבן אים אַ כּישוף אָנגעטון. נישט אַנדערש, אַז ער חלומט ביים סודותדיקן ליכט, אין דער גידעמפּטער אַטמאָספֿער פֿון אַן ערבֿ־שטורעמדיקער נאַכט. ער האָט געפֿירט זיין בליק איבער די אָנוועזנדיקע און געוואָלט זיך פֿאַרזיכערן, אַז ער חלומט נישט, אַז ער געפֿינט זיך אויף אַן אמת צווישן לעבעדיקע מענטשן, וואָס רעאַגירן מיט אַ דערדריקנ־דיקער שטילקייט אויפֿן דערמאָנען אוישוויץ.

יעל האָט די ערשטע געוואָגט איבערצורייסן די שטילשווייגע־ניש: — לאָמיר הערן, מאַדאַם לוקס, ווי אַזוי איז געשען דער נס מיט די קעץ, ווען אייער סבֿתא האָט איר לעבן צו פֿאַרדאַנקען.

— עס איז איר פּיינלעך צו דערציילן — האָט געזאָגט פּלעגמאַטיש די פֿרוי פֿונעם דאָקטער.

— איך בעט אייך, מאַדאַם לוקס.

— מאַדמואַזעל לוקס — האָט זי אויסגעבעסערט — אָבער רופֿט מיר פֿאַמיליאַר: רעזשין.

—זייט מוחל, מאַדמואַזעל רעזשין.

— דערצייל דו, טעאָדאָר — האָט זיך ווידער געהערט די פּלעגמאַטישע שטים — דיר זענען דאָך באַקאַנט די פּרטים, טעאָדאָר.

יעל האָט זיך דערפֿרייט צו הערן דעם נאָמען פֿונעם דאָקטער. זי האָט אים נישט געקענט. עס איז איר געקומען אויפֿן זכּרון דער

שמועס מיט ניסימען און זיין פרוי וועגן אַ נאָמען פאַר דעם קינד, וואָס זי וועט אויסטראָגן, און דער פאָרשלאָג אָנצורופן מיטן דאָק־טערס נאָמען. אַ שיינער נאָמען — האָט זי געטראַכט — דער נאָמען פון הערצלען. די עלטערן וועלן זיין שטאָלץ מיטן נאָמען.

— עס איז איינע פון די אָקופּאַציע־געשיכטעס — האָט דער דאָקטער אָנגעהויבן — דאָס מאָל נישט אין די לאַגערן, נאָר אין באַזעצטן פּאַריז.

— אומעטום, ווו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ ייד, אין געווען דער לאַגער־פּראָנט. איך און מיין מוטער האָבן עס אויפן אייגע־נעם לייב איבערגעלעבט. אגב, ווי איצט; דאָרט ווו עס געפינט זיך נאָר אַ ייד, דאָרט איז דער פראָנט פון ישראל — האָט געזאָגט זשאַן, קוקנדיק פון אַ זייט צו דער פרוי מיט די קעצלעך.

— אויך אין רוסלאַנד — האָט צוגעגעבן רעזשין — איך האָב אַ באַקאַנטן, וואָס אַרבעט אין מושב, איז ער אַן עולה־רוסיה. דערציילט ער, אַז דאָרט איז אַן אמתער גיהנום פאַר יידן; דאָרטן איז סיי דער לאַגער־פּראָנט און סיי דער פראָנט פון ישראל.

— דערציילט ווייטער, וועגן אייער סבתא — האָבן געבעטן כמעט איינשטימיק יעל און יואל.

רעזשין האָט טיף אָפּגעזיפצט. די קעצלעך האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן גרויס און פאַרצויגן מיט אַ שלייער פון מיטלייד, ווי זיי וואָלטן געוווּסט אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— מיין סבתא איז געווען נישט נאָר אַ באַרימטע מאָלערין פון שטיללעבנס, נאַטיר־מאָרט און פּייזאַזשן, נאָר אויך באַרימט פון איר ליבע צו קעץ, פון איר קאָלעקציע פון סיאַמער קעץ. זי האָט זיי באַטראַכט ווי די שענסטע קעצישע ראַסע, מיט אַ קיניג־לעך־אַדעליקן אויסזען, מיט דער נאַטירלעכער גאַמע פון פעל־פאַרבן, וואָס גייט פון העל־בעזש ביז שוואַרץ, דורך ניואַנסן פון ברוין און קופּער. פאַראַן אין זיי סיי דער ווילדער בליק פון דער חיה, אויף וועלכער עס לויערט אַ סכנה, און סיי די גוטסקייט פון

דער טויב, װעלכע קומט עסן פון אייער האַנט. היינט ערשט די אויגן זייערע! וויפיל זי זאָל נישט האָבן קאָמבינירט און געמישט פאַרבן, האָט זי נישט באַוויזן אָפּצוגעבן די נאַטירלעכע גרינקייט, וואָס פאַלט אַריין אין אַ העל־בלאָען הימל־ניואַנס. און נאָך שווערער איז געווען אַרויסצוברענגען דעם פאַרכאַפּנדיקן, כּישופֿ־דיקן גלאַנץ פון די אויגן. יאָרן לאַנג האָט זי געאַרבעט צו דער־נענטערן זיך וואָס מער צו דער רעאַליטעט, צו דער האַרמאָניע צווישן די סתירותדיקע אייגנשאַפטן, צו דער נאַטירלעכקייט פון די פאַרבן, פון דער פעל און פון די אויגן. לויט דער קריטיק, האָט זי דערגרייכט כּמעט צו פּערפעקציע מיט אירע קעפּלעך פון די סיאַם־קעץ, מיטן אויסדרוק פון די אויגן, מיט דער עקספּרעסיע פון די קעצישע באַוועגונגען, מיטן איבערגעבן די מאַיעסטעטישע גראַציע פון אַ קעצישן שפּרונג, אָדער קלעטער, פון כּישוף־בליק, אָדער זיסן דרימל. זי איז אויך געווען מייסטעריש אין מאָלן מיט איילפאַרבן קאָמפּאָזיציעס פון קאַץ־גרופּן, אָדער פּאָרלעך; אַלטע און יונגע, אָקערשט־אויסגעפּיקטע קעצעלעך, וואָס זעען נאָך נישט און געפינען שוין דער מאַמעס מילך־וואָרצלען, ווי זיי שלאָגן זיך צווישן זיך צוליב אַן אָרט ביי אַ וואָרצל, וואָס באַזיצט מער מילך; און אויך דעם סעקסועלן אַקט פון פּאָרן זיך האָט זי גע־מאָלן, די פּאַזעס פון דריי־חדשימדיקן טראָגן, און אויך דאָס קומען פון ניי־געבוירענע באַשעפענישלעך אויף דער וועלט, איינס, און נאָך איינס, און נאָך איינס, טיילמאָל גאַנצע פינף...

זי האָט איבערגעריסן, ווי עס וואָלט איר אויסגעפעלט אָטעם און כּוח ממשיך צו זיין. זשאַן האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר זיינע אויגן. ער האָט באַוואונדערט איר פּרעציזקייט ביים איבער־געבן די אויסגערעכנטע פּרטים. קענטיק, אַז זי האָט געירשנט פון איר באָבען אַ קינסטלערישע נשמה און אויך די ליבע צו קעץ. ער האָט זי באַוואונדערט און געקוקט אויף איר מיט עקסטאַז. אירע בלייכע באַקן האָבן פּלוצעם גענומען זיך רויטלען ביי די אַרויס־

שטייענדיקע טיילן זייערע און די נאָזפּליגל האָבן זיך גענומען באַוועגן, ווי ביי איינעם וואָס פיבערט. דעם זעלבן אויסדרוק פון פּנים פּלעגט אויך האָבן... פּלעגט אויך האָבן, ווען זי האָט עפּעס שטאַרק איבערגעלעבט, ווען זי האָט זיך מיט עפּעס איבערגענומען, פּלעגט אויך האָבן... זיין מאַמע. יאָ, די אויפפּאַלנדיקע ענלעכקייט, וואָס האָט ביי אים פריער געבוירן אַ שמץ פון אַ פאַרגלייך און נישט געלאָזט פאַרענדיקן די מחשבה, איז די ענלעכקייט צו זיין מוטער. צו זיין מוטער, ווען זי האָט געהאַט די יאָרן פון רעזשין. ווי אַלט איז ער געווען דעמאָלט? זעקס יאָר, נישט מער.

ער האָט געפילט, אַז די פּיס ברעכן זיך אונטער אים, אַז ער וועט אומפאַלן, אויב ער זעצט זיך נישט אַוועק. די גיטאַרע האָט גענומען שווערן אויף די רימענס אַרום האַלדז. קיין מאָל איז די גיטאַרע נישט געווען שווער. פאַרקערט. ער האָט קיין מאָל נישט געפילט, אַז זי וועגט עפּעס בכלל. זי איז תמיד געווען ביי אים ווי אַ פלאַטערל, ווי אַ באַפליגלטער באַלאָן, וואָס הייבט אים אויף, מאַכט אים לייכטער, מאַכט אים פליען...

רעזשין האָט געזען זיין פאַרלוירנקייט, זיין וואַקלען זיך אויף די פּיס און זוכן אַן אָנלען, זוכן אַ זיצאָרט. האָט זי אים געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט ווי איינעם, וואָס מען רופט און מ׳בעט אים צוצוזעצן נעבן זיך.

30

דבורה האָט דערלאַנגט כיבוד. ניסלעך, פיסטאַשקעס, גע־טרוקנטע ראָזשינקעס, געוויכערטע מאַנדלען און מאַקאַראָנדלעך פון קאָקאָניס און מאַנדלמעל. צום טרינקען — סאָדאַ, מיץ, שוועפּס. און אַ פלאַש 777, מיט אַ בליצנדיקער אויפשריפט כשר לפסח. אין מיטן פונעם פעלדטיש — פירות מכל המינים אין אַ טיפן אויפסטקויש פון אויסגעטרוקנטע עוקאַליפּטוס־ריטלער, וואָס האָבן

נאָך איינגעהאַלטן דעם אור־ריח פונעם עסענצאייל, וואָס אין זייערע בלעטער.

דבורה האָט אויפגעקלערט, אַז בדרך צופאַל האָט זי גראָד דעם דאָזיקן כיבוד. זי האָט זיך געריכט אויף געסט. עס האָבן געזאָלט קומען אירע עלטערן און איינשטיין ביי זיי דריי טעג. און צו זיי אויף באַזוך האָבן געדאַרפט קומען צוויי כנסת־דעפּוטאַטן און דער דירעקטאָר פון קאַבינעט פון שר־המשפטים, אַלע מיט זייערע פרויען. דערווייל איז געשען דער אויפרייס אין ירושלים און צוויי פון די פרויען זענען פאַרווונדעט געוואָרן, גענוג שווער, און אויך איינער פון די דעפּוטאַטן, ביים אַרויסגיין פון טעאַטער. נו, איז בטל געוואָרן דער באַזוך, ליידער. און טאַטע־מאַמע האָבן נישט געהאַט קיין געמיט צו קומען.

יעל און דער דאָקטער האָבן אַרויסגעהאָלפן ביי דער אָנגע־נעמער אַרבעט פון אויפנעמען געסט, פון צוטראָגן דעם כיבוד, פון איינגיסן די געטראַנקען, יעדן לויט זיין באַגער. דעם קאָניאַק האָט מען דערווייל נישט געעפנט, איבערגעלאָזן אים אויף צו מאַכן אַ לחיים און דערוואַרעמען זיך שפּעטער.

רעזשין האָט אויך נישט פאַרגעסן אין אירע קעצלעך. זיי האָבן געגעסן פון איר האַנט אַרויס די מאַנדלען, געקנאַקט די פּיסטאַשקעס, און פאַסמאַקעוועט זיך מיט די קיכלעך פון קאָקאָניס. זשאַן האָט גענומען אַ טעצל, אָנגעפילט מיטן מינעראַל־וואַסער פון אַ "מימי"־פלאַש, וואָס איז געשטאַנען איינזאַם אין אַ ווינקל, און דערלאַנגט די קעץ נאָכצוטרינקען. זיי האָבן געכלאַפּעט מיט הנאה און דאַנק ווי עס וואָלט געווען מילך, אָדער אַ פעטע פליישיויך. ער האָט אָנגעפולט דאָס טעצל נאָך אַ מאָל און דערלאַנגט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט אין זיין פריערדיקער פּאָזיציע, צופוסנס פון בעטל, איין פוס פאַרלייגט, דער צווייטער אויפן דיל און מיטן פנים צו רעזשין. די גיטאַרע — אויפן בעטל, צווישן איר און זיין פאַרלייגטן פוס.

די קעצלעך האָבן זיך נישט אומגעקערט צו דער שויס פון זייער באַלעבאָסטע. איינס האָט זיך דערנענטערט אומדרייסט צו דער גיטאַרע און דאָס צווייטע צום קניווינקל פון זשאַנען. עס האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ טויבער קלאַנג און אַ בהלה־אויסרוף פון דעם קעצל, וואָס האָט זיך דערשראָקן פון אומדער־וואַרטן קלאַנג, וואָס זיינע נעגל האָבן אַרויסגערופן ביים קאָנטאַקט מיט די סטרונעס. די שטימונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך צו דעם צווייטן קעצל אוןביידע האָבן גענומען זוכן שוץ, ווי בעת אַ סכנה. דאָס ערשטע איז צוריקגעלאָפן צו דער שויס פון רעזשין און דאָס צווייטע — פון זשאַנען. כדי עס זאָל זיך בעסער זיצן, האָט ער אָפּגעהויבן דער פוס פון דיל, פאַרלייגט אויפן בעט, שאָפנדיק אַן אמתע שויס פאַר דעם ציטערדיקן באַשעפעניש. ער האָט געפירט זיין האַנט איבער דעם רוקן, וואָס אַט האָבן זיך זיינעביינדלעך פונאַנדערגעשפּרייט, אויסגעצויגן, און אַט — איינגעצויגן, איינגעהויקערט, ווי אַ קעמלהאָרב; ער האָט געפילט ווי עפּעס אַן אינערלעכע מוזיק באַגלייט, אָדער קאָמאַנדעוועט די באַוועגונגען פון די רוקנביינדלעך, זי טראָגט זיך איבער צו דער הויט פון זיין האַנט, און פון דאָרט צום גאַנצן גוף. ער האָט געוואָלט לאַכן פון דעם דאָזיקן מאָדנעם געפיל, אויפלאַכן אויפן קול. ער האָט נאָך אַזאַ געפיל נישט געהאַט. ער האָט נישט ליב קיין שטוב־חיות בכלל. עס איז געווען ביים גלח, ווו זיי האָבן זיך אויס־באַהאַלטן, אַ קאַץ, איז זי געווען אַ ווילדע. נאָר דער גלח האָט געמעגט זיך צורירן צו איר. און אַ הונט איז געווען ביים גלח. ער האָט נאָך היינט סימנים פון זיינע ציין אויפן לייב. און זיין מוטער האָט תמיד געלעבט אין שרעק, אַז דער גלח זאָל נישט אָנרייצן דעם הונט אויף איר, אויב זי האָט נישט געוואָלט טאָן זיין רצון. וויפיל מאָל האָט ער געדראָט דער מוטער, אַז ער וועט הייסן צעבייסן אים, איר קינד. צוליב דעם זעלבן אויסרייד... דער אויפבליץ פון די זכרונות האָט ביי אים תיכף צוגענומען דעם חשק

צום לאַבן, ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון רוקן און געפירט גלעטנדיק איבער דער פוכענער פעל פון דעם געפלעגטן און פאַרהיימישטן קעצל.

ער האָט פּלוצעם דערפילט קיצלדיקע טריט און אויפגעכאַפּט דיסקרעט־זשומענדיקע ברומענישן פון קינאה. דאָס האָט דאָס צווייטע קעצל געזוכט אַן אָרט אויף זיין שויס און געבעטן ביי דעם ערשטן צו מאַכן אָרט אויך פאַר אים. זשאַן האָט צוגעהאַלפן, כדי ביידע זאָלן קאָנען זיצן באַקוועם. ער האָט זיך געוווּנדערט, הלמאי די קעצלעך טוליען זיך אַזוי צו אים, הלמאי ווייס ער ווי מען דאַרף זיך אומגיין מיט זיי און געווינען זייער חסד. צי איז עס אין זכות פון זייער באַלעבאָסטע?

— ווּז אַווע דע לאַ שאַנס — האָט רעזשין געזאָגט אויף פראַנצייזיש — מיינע קעץ ווילן צו קיינעם נישט גיין. דער עולה חדש פון סאָוויעטנלאַנד טאָר נישט קומען צו מיר צוליב דער שנאה זייערער. ווען זיי פילן פון דער ווייטנס, אַז ער דערנענטערט זיך, אַז ער שטעלט אַ פוס אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו מיר — תיכף ווערן זיי אומרויִק, לויפן אַרום ווי פאַרסמטע, שטעלן זיך מיט די פאָדערפיס אויף דער טיר, ווי זיי וואָלטן פאַרשפאַרן פאַר אים דעם איינגאַנג...

יעל האָט אויפגעהויבן איר האַנט און געגעבן אַ סימן, אַז זי וויל איבערזעצן, ווייל מסתמא פאַרשטייען נישט אַלע פראַנ־צייזיש.

ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָט זיך דערהערט די פלעגמאַטישע שטים פון דאָקטערס פרוי: — קענטיק, אַז די קעץ איז ווידער באַשערט צו שפּילן די ראָל פון רעטערס.

איר באַמערקונג האָט אַריינגעבראַכט אַ הייטערקייט און אויפגעמונטערט זשאַנען, וואָס איז געזעסן ווי פאַרחלומט.

— און אפשר איז זיי באַשערט גאָר צו שפּילן אויך די ראָל פון שדכנים — האָט באַמערקט האָפערדיק דער דאָקטער.

— טאָקע — האָט באַשטעטיקט עמינדב און גניבהש אַ קוק געטון אויף רעזשין — אדרבה!

— לאָמיר נעמען אַ גלעזל אויף לחיים — האָט געזאָגט יואל, ווינקענדיק צום פלעשל קאָניאַק.

— וואָס איז דאָס געאייל? — האָט געפרעגט דבורה — כאַפּט נישט קיין פיש פאַר דער נעץ.

— גערעכט, דבורה! — האָט יעל צוגעשטימט.

— מיינט נישט, אַז איך בין חס אויפן פלעשל. עס איז במילא צום טרינקען — האָט דבורה צוגעגעבן, מיינענדיק, אַז מ'פאַרשטייט זי שלעכט.

— לחיים, מיינט נישט דווקא מזל־טוב, רבותי — האָט זיך געהערט יעלס בייסיקע באַמערקונג.

רעזשין איז געזעסן אין איר פריערדיקער פּאָזיציע, איינגעקוקט אין די קעצלעך, וואָס האָבן געביטן אַזוי לייכט די שויס. מיט איין אויער האָט זי אויפגעכאַפּט די רייד און די אַנצוהערעניש, הגם זי האָט נישט גענוי אויסגעפילט די ניואַנסן פון די באַמערקונגען, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. זשאַן איז געווען פאַרנומען מיט די קעצלעך און געפילט זיך שולדיק, וואָס ער קאָן נישט באַטייליקן זיך אין דער דיסקוסיע. ער איז געווען אונטער דעם איינדרוק פון די געהערטע פראַנצייזישע ווערטער און געווען צופרידן, וואָס די קעץ לאָזן נישט אַריין דעם עולה־רוסיה צו איר אין שטוב.

— ווּז אָווע דע לאַ שאַנס — האָט זי איבערגעחזרט און געפרעגט — איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ כישוף האָט איר זיי אָנגעטון?

— פאַרקערט — האָט ער געענטפערט — דאָס האָבן זיי מיר אָנגעטון אַ כישוף.

— דער כישוף נעמט זיך אפשר גאָר פון זייער האַרינטע?

— האָט געפרעגט נאַיוו דער דאָקטער.

— די קעץ זענען בלויז געווען די פּאַרמיטלערינס — האָט געזאָגט אינעם זעלבן טאָן עמינדב — זיי האָבן בלויז אַריבער־געטראָגן דעם כישוף־רייץ.

— אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט קיין קעץ — האָט געזאָגט שטיפעריש דבורה.

— ווען איך ווייס — האָט יעל באַמערקט האַלב־איראָניש — וואָלט איך זיך בכוונה באַזאָרגט קעץ.

רעזשין, וואָס האָט איצט יאָ זיך אָנגעשטויסן אין וואָס עס גייט, האָט זיך אָנגערופן ווי נישט זי מיינט מען: — מ׳דאַרף וויסן, אַז די סיאַם־קעץ כאַפּן נישט קיין מייז. זיי זענען אַ דעקאָראַציע, אַ שמוקזאַך, אַ קישוט, אַ פּריינטשאַפט, אַ ליבע, אַ חברשאַפט, וואָס מאַכן פאַרגעסן איינזאַמקייט און קאַפּרוייטיק, דאגות...

זי האָט איבערגעריסן אַ רגע, אַ קוק געטון אַרויסרופעריש צו די, וואָס האָבן נאָר וואָס גערעדט וועגן כישוף, און מיט איבער־צייגונג פאַרענדיקט: — און איצט זע איך, לויט אייך, אַז די סיאַם־קעץ האָבן נאָך אַ פונקציע, אַ נייע פונקציע גאָר, פון אַריבערטראָגן כישוף, פון פאַרמיטלען ביי דער טראַנסמיסיע פון כישוף־פלואיד. דווקא אַ גאָר וויכטיקע פונקציע, כ׳לעבן.

— אַז עס איז יאָ אַזוי — האָט געזאָגט עמינדב און גענומען אָראָפּשטעלן זיין פּראָטעזע־פּוס אויפן דיל — אם כן, לאָמיר נעמען אַ כוסה.

— וואָרט צו — האָט אים איינגעהאַלטן דער דאָקטער — פאַר וואָס דווקא דו? לאָמיר מכבד זיין מיט עפּענען די פלאַש דעם פראַנצויז. טרינקען איז דאָך אַ פראַנצייזישע פּריווילעגיע. און דערצו איז ער דאָך עפּעס אויך אַ שטיקל נוגע בדבר.

— יאָ, יאָ — האָבן זיך געהערט פריילעכע אויסרופן, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם דאָקטערס פאָרשלאָג — אַ נו, זשאַן, ביסט אַ פראַנצויז אָדער נישט, האַ?

— איך בין אייך מוחל דעם כבוד — האָט ער זיך געוועַרט — אין דעם פּרט בין איך לחלוטין קיין פראַנצויז נישט, אין אַ סך אַנדערע הינזיכטן אגב אויך נישט. איך וואָלט זאָגן, אַז איך בין שוין היינט מער ישראלי ווי פראַנצויז, אַ סך מער.

31

עס האָט זיך גענומען פּילן אַ רויך אינעם געצעלט און אַן אומאַנגענעמער ריח פון אַ קנויט, וואָס האַלט אין ברענען. די ערשטע האָט עס באַמערקט דבורה. עס האָט אויסגעפּעלט נאַפט אין דער לאָמפּ. האָט זי אַראָפּגעדרייט דעם קנויט, גענומען די לאָמפּ און אַרויס פאַרן געצעלט. יואל האָט ברייט צעעפנט די פאַדערפליגל, זיי פאַרפעסטיקט. עמינדב האָט אָנגעוויזן ווו עס געפינט זיך דער נאַפט־רעזערוואַר און דער דאָקטער האָט אים צוגעטראָגן צו דבורהן, וואָס האָט געוואַרט ביז די לאָמפּ וועט זיך אין גאַנצן אָפּקילן.

דער נאַפט־און קנויט־רויך איז אַרויס, און אַריין איז אַ פינצטערע ערב־שטורעמדיקע נאַכט. די שטערן זענען פאַרשוווּנדן צווישן געקנויל פון אָנגעדראָלענע וואָלקנס. טייל וואָלקנס האָבן גע־יאָגט זיך, ווי זיי וואָלטן זוכן באַצייטנס אַ שוץ קעגן שטורעם, און אַנדערע האָבן געלייגט זיך מיט אַ שאָטן אויף דער לבנה, זיי צו שטערן אין געפינען דעם וועג פון אַנטרינונג. דער כינרת האָט פאַרלוירן דעם גלאַנץ פון זיין שפּיגל און געוואַרט מיט נייגער אויף די ערשטע צייכנס פון שטורעם. צי וועט זיך עס באַטש לוינען? צי וועט טאַקע פאַלן אַ רעגן ווי עס דאַרף צו זיין? אַ וואָלקן־ברוך, וואָס זאָל אָנפילן די ברעגן ביז הויך אַרויף, און עס זאָל סטייען וואַסער ביז די ימות־הגשמים? אָדער, סתם אַזוי, אַ שטורעמל, זיך בלויז נאַריש געמאַכט?!

זשאַן איז אַרויס פֿאַרן געצעלט העלפֿן ביים אָנפֿילן די לאָמפּ. ער האָט זיך געקענט דערויף. בעת זיינע וואַנדערונגען איז אים אָפֿט אויסגעקומען צו זיין אין פֿאַרוואָרפֿענע מקומות, וווּהין קיין עלעקטרע־שטראָם איז נישט דערגאַנגען, און מ'האָט זיך באַנוצט מיט ליכט אָדער נאַפֿט־לעמפּלעך. אָדער אויף די פֿראָנטן בעת מלחמה. ער האָט מאַניפּולירט פֿאָרזיכטיק, כדי נישט צו באַשעדיקן זיינע פֿינגער, וואָס זענען נייטיק צום שפּילן, און אַ שאָד יעדן טראָפּן נאַפֿט, וואָס זאָל פֿאַלן דערנעבן. די קעץ זענען אים נאָכ־געלאָפֿן, געפּלאָנטערט זיך אונטער זיינע פֿיס. דער ריח פֿון נאַפֿט האָט זיי נישט אָפּגעשטויסן. ערשט, ווען עס האָט אויפֿגעפֿלאַמט דאָס ליכט מיט אַ שלאַנגיקן רעש, זענען זיי אויפֿגעשפּרונגען דערשראָקענע און צעלאָפֿן זיך. ער האָט זיי אָפּגעפֿונען אויפֿן בעט, צווישן זייער האַרינטע און דעם אָרט, ווו ער איז געזעסן פֿריער.

צוזאַמען מיט אַ שטאַרקן ווינט האָבן געגומען פֿאַלן די ערשטע טראָפּנס. עס זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן די פֿליגל פֿון דער פֿאָדערוואַנט, און טראָפּנס האָבן זיך געלאָזט הערן איבער די קעפּ, שווערע און גיכע טראָפּנס, וואָס האָבן זיך צעשפּריצט מיט אַ טויבן אָפּקלאַנג אינעם דאַך־אָפּהאַנג און גערונען איבער די געצעלט־זייטן מיט אַ מאָנאָטאָנעם נאָכקלאַנג.

— מ'וואָלט אפשר געדאַרפֿט גיין צו זיך, יעל — האָט יואל זיך אָנגערופֿן — איידער עס צעשטורעמט זיך אויף אַן אמת. מיר וווינען אויף יענעם עק קאַמפּינג.

— איך וועל אייך באַרגן אַ שירעם — האָט געזאָגט דבורה.

— מיר האָבן אפֿילו בעטן פֿאַר אייך. זיי האָבן געוואַרט אויף דבורהס עלטערן. פֿאַראַן אויך אַ שפּאַניש מחיצה־ווענטל — האָט עמינדב פֿאַרזיכערט און פֿאַרענדיקט מיט אַ לצנישן טאָן.

— מ׳קאָן דאָך נישט אַוועקגיין — האָט יעל געגעבן צו פאַרשטיין — כל זמן מ׳האָט נישט אויסגעהערט די געשיכטע מיט די קעץ ביזן סוף.

— מיר זענען אַוועק אויף אַנדערע רעלסן — האָט באַמערקט עמינדב.

— לאָמיר זיך אומקערן צו די קעץ, ווי האָבן מיר עס געהאַלטן? — האָט דער דאָקטער געוואָנדן זיין פראַגע צו רעזשין.

זשאַן האָט אַרויסגעהאָלפן: ״זי האָט געמאָלן דאָס קומען פון ניי־געבוירענע באַשעפענישלעך אויף דער וועלט, איינס, און נאָך איינס; טיילמאָל גאַנצע פינף...״

זי איז אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צום טיש מיט כיבוד, איינגעגאָסן פון האַלב־לערן קאָניאַק־פלעשל אין איר ליידיקן גלעזל און אויסגעטרונקען. עס האָט זיך געהערט ווי דער שאַרפער געטראַנק גליטשט זיך מיט אַ לאַנגזאַמען סטאַקאַטאָ־ריטעם אין איר קעל אַריין. זשאַן האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק. ער האָט זי ביז איצט נאָר געזען אין אַ זיץ־פּאָזיציע. זי איז געווען אַ מיטל־הויכע, אפשר דווקא אַ הויכע, ווי פאַר אַ פרוי. דער ווינט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שפּאַלטן פון די פאָדערשטע געוואַנט־העלפטן, וואָס פאַרמאַכן זיך שלעבט, האָט זיך געשפּילט מיט אירע לאַנגע, נישט צונויפגעהאַלטענע האָר. איין האַרפּליגל האָט פאַרדעקט אַ האַלב פנים און גענידערט אין דער הוילקייט צווישן די בריסט־העלפטן, וואָס דאָס לויזע זומערקליידל האָט שלעבט געמאָלן זייערע קאָנטורן.

דער דאָקטער האָט איר אָפּגעטרעטן זיין שטול און אַליין זיך געזעצט אויפן בעט, מיט די פיס אויפן דיל. זי האָט אַקצעפּטירט, געדאַנקט. דערציילט:

— גאַלעריעס האָבן פאַר מלכה גאָלדין איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען, מוזעען, אויסלענדישע קונסט־צענטערס. אירע בילדער זענען געקויפט געוואָרן דורך מלוכה־מוזעען, מוניציפּאַ־

ליטעטן, באַרימטע קאַלעקציאָנערן. איר לעצטע אויסשטעלונג איז פאַרגעקומען ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט באַזעצט פּאַריז...

זי האָט אָפּגעזיפצט, צוגעשטעלט דעם ראַנד פון איר גלעזל צו די ליפּן און געזופּט די טראַפּנס, וואָס האָבן זיך געהאַט צוגעקלעפּט צום באָדעם און צו די אינערלעכע ווענטלער, ווי די לעצטע קאָניאַק־שפּורן וואָלטן איר געדאַרפט צוגעבן מוט ממשיך צו זיין.

— נו, הייבן זיך אָן די צרות פון אַ ייד אינעם אָקופּירטן פּאַריז. איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען אויף דער וועלט. איך וויים עס פון דער מאַמען, פון פאָטער. די סבתא האָט מיט מיר גענוג אָפּט גערעדט דערוועגן. די לעצטע יאָרן האָט זי אגב נישט תמיד גערעדט צו דער זאַך. די איבערלעבונגען האָבן איר געשלאָגן אין קאָפּ אַריין... זי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן פּאַריז. זי איז געבליבן אין איר אָטעליע. ווייטער געמאָלן. ווייטער געהאָדעוועט די קעץ. אויסגעלעבט זיך מיט די ניי־געשאַפענע בילדער און מיט דער צאָל קעץ, וואָס איז געוואַקסן. די מאַמע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט מיטן טאַטן אין דער דרום־זאָנע, און געוואָלט זי מיטנעמען מיט זיך, האָבן נישט געקאָנט זי איבערצייגן אין דער לויערנדיקער סכנה. איר באַרימטקייט, האָט זי געטענהט, וועט זי שיצן, און אויך איר עלטער. און דער עיקר — ווי וועט זי זיך אַרומוואַלגערן מיט די קעץ און וווּ וועט זי געפינען אַ זיכער אָרט פאַר זיי? דאָ איז זיי גוט, זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו איר הויז, צום גאָרטן, צו דער סביבה. דאָ וועט זי געפינען די נייטיקע שפּייז פאַר זיי. שכנים ברענגען כל מיני עסנוואַרג און האָבן אַ ליידנ־שאַפטלעכע הנאה פון קאָרמען די קעץ. וווּ וועט זי זוכן ענלעכע שכנים, און צי וועט זי זיי געפינען, מיט אַזוי פיל ליבע צו קעץ? הקיצור, איך וועל אייך איינשפּאָרן פּרטים וועגן אירע הונגער־יאָרן; זי האָט באמת געהונגערט, אָבער פאַר די קעץ האָט כמעט גאָרנישט געפעלט. מענטשן האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיך; גע־קעמפט פאַר חיונה אין די באַדינגונגען פון שוואַרצן מאַרק. זעלטן

האָט אַ שכנה, אַ פאַרערעריין, אָדער אַ ליידנשאַפטלעכע ליבהאָ־בערין פון קעץ פון צווייטן עק פּאַריז, אַוואַנטורירט זיך צו איר אַהער ווי פריער מיט אַ פעקל שפּייז פאַר די קעץ, מיט אַ פישל, אַ לעבערל, הינער־איינגעווייד, אַ טעפּל פליסיקן סוואָרעך, וואָס זיי האָבן זיך אוועקגענומען פון מויל... הכלל — אַ פּראַקטיקן ווינטער־פרימאָרגן האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר הויז אַ דייטשער עס־עס־מאַן, אין מיליטערישע בגדים און אַ מיליציאַנער, אַ פראַנצויז. זי איז נאָך געשלאָפן. מ׳האָט זי ממש אַרויסגעשלעפּט פון בעט. מ׳האָט איר געגעבן צוואַנציק מינוט זיך אָנצוטאָן און איינפּאַקן אַ וואַליזע אין וועג אַריין. ״און מיינע קעץ?״ האָט זי געפרעגט. געהאַט האָט זי דעמאָלט ביי זיך ניין סיאַם־קעץ, איינע שענער פון דער צווייטער, איינע גראַציעזער און מאַיעסטעטישער פון דער צווייטער. ״וואָס וועט זיין מיט די קעץ?״ האָט זי איבער־געפרעגט. די קעץ האָבן זיך געזאַמלט אַרום איר. צוויי זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף אירע אָרעמס און געקוקט בייז אויף די צוויי פרעמדע, וואָס זענען געקומען שרייען אויף זייער האַרינטע. די אַנדערע, אַחוץ איין ניי־געבוירן קעצל, וואָס האָט קוים געזען און געלעגן אין אַ קוישבעטל, האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום אירע פיס, געשטשירעט מיט די ציין, אַנטהילט די נעגלשפּיצן און געווען גרייט צו וואַרפן זיך אויף די, וואָס זענען געקומען צעשטערן די אידיליע. אין זייערע אָנגעשפּיצטע, בייז־צעגלאַנצטע, אויגן, אין דער שאַרף פון די נעגל, אינעם ציטער פון די פאַרשפּאַנטע האָר־שפּיזן פון ביידע זייטן מויל און אין דער לויערנדיקער פּאָזיציע פון גאַנצן גוף, זענען געקומען צום אויסדרוק זייערע אור־אינסטינקטן. זעט זיך אויס, אַז די סכנה האָט זיי דערמאָנט זייער גענעטישן טיגער־אָפּשטאַם... דער דייטש האָט אויסגעשאָסן כדי זי אָנצושרעקן, און צו פאַרטרייבן די קעץ, וואָס אָט אָט וואַרפן זיי זיך אויף אים, און גענומען זי אַנטרייבן מיטן הענטל פון זיין מאַשינביקס. די קעץ זענען זיך צעלאָפן, אָבער גיך צוריקגעקומען

צו דער זעלבער שטעל און אָנגענומען די זעלבע פּאָזיציע. דריי קעץ זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף אירע אָרעמס און געטוליעט זיך פעסט צו אירע דאַרע בריסט, צו אירע אַקסלען. איינער פון די צוויי קאָטערס, דער עלטסטער, האָט מיט אַ בייז געברום אַ שפּרונג געטון צו דער האַנט, מיט וועלכער דער דייטש האָט אָנגע־טריבן די האַרינטע, און געלאָזן אים טיפע קראַץ־ווונדן אויף דער הויט, ביז בלוט. דער דייטש האָט אים אָפּגעשטויסן, אַ קאָפּע געטון מיטן האַרטן שפּיץ פון זיין סאָלדאַטן־שוך, און אויסגעשאָסן אין אים. געטראָפן אין קאָפּ. ער האָט זיך געוואָרפן אַ וויילע, אַרויסגעלאָזן אַ גסיסה־כאָרכל, איבערגעדרייט די אויגן, אַרויס־געשטעקט אַ שפּיץ צונג צווישן פאַרקלעמטע ציין, און געבליבן שטייף אין אַ ריטשקע בלוט... די סבתא האָט אַרויסגעלאָזן אַ ווילדן געשריי און געוואָרפן זיך אויף דער אויסגייענדיקער באַשעפעניש, זי אַ הייב געטון, און גענומען אַרומלויפן, ווי אין אַ שיגעון, פון איין צימער אין צווייטן, און איבערחזרן: "אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק. ניין, איך וועל דיר נישט לאָזן שטאַרבן, ניין. דו ביסט דער בעסטער עטאַלאָן־קאָטער, וואָס נאָר מעגלעך, מיין אָרעמער חבר, מיין ליבער פריינט. ניין כ'וועל דיר נישט לאָזן אויסגיין, ניין!". זי האָט אים געלייגט אין איר בעט, אַריינגעהויכט אין אים איר אָטעם, געלעקט זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן־אַפּלען מיט איר גלייַקער צונג. און ווען זי האָט געזען, אַז אומזיסט איר טרחה, איז זי אַ פאַרבלוטיקטע צוגעלאָפן מיט די פויסטן צום דייטש, און אים אַריינגעשריגן אין פנים אַריין "מערדער!" און איבערגעחזרט דאָס זעלבע עטלעכע מאָל און מיט מער רוגזה...

די קעץ זענען איר געקומען צו הילף. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אַ ווילדן געהויל און געלאָפן ווי פאַרסמט צווישן בעט מיטן בר־מנן און דער האַרינטע, ווי זיי וואָלטן באַוויינט די גרויסע אבדה, באַגלייט מיט אַ מין אבלים־ריטואַל פון קעציש מין... "נו, קום שוין לאָמיר גיין פון דאַנען. זעסט דאָך וואָס דאָ טוט זיך" — האָט

זיך אָנגערופֿן דער פֿראַנצויז צו זיין דייטשן קאָלעגע. דער דייטש האָט אָפּגעשטופּט פֿון זיך דעם מיליציאָנער און אויסגערופֿן מיט שוים אויף די ליפּן: „דער פֿירער איז גערעכט. ער זאָגט, אַז די פֿראַנצויזן זענען אַ דעגענערירט פֿאָלק מיט ווייבע הערצער". ער האָט אַ שפּיי געטון, געקאָפּעט אויף לינקס און אויף רעכטס, כדי אָפּצוויאָגן זיך, אַרויסצופּלאָנטערן פֿון די קעץ, וואָס האָבן געדרייט זיך אַרום אים, געשפּרונגען אויף אים, געביסן זיינע הענט, געריסן שטיקער הויזן. „הייל היטלער!" האָט ער אויסגעשריגן אַרויס־לויפֿנדיק פֿון הויז. און ער האָט צוגעגעבן: „איך וועל צוריק־קומען!".

32

אַ שטאַרקער דונער־אויפֿרייס האָט אַ טרייסל געטון מיטן געצעלט, מיט די שטיץ־זיילן און אַ ווילדער ווינט האָט גענומען רייסן די שטריק פֿון די דרויסנדיקע פּיקסיר־שטאַנגען. עס האָט זיך אַ רגע אויסגעדוכט, אַז אַט בלייבן זיי אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, הפקר אויפֿן באַראַט פֿון שטורעמדיקן דרויסן. אָבער שווערע רעגן־טראָפּנס, ווי אַ שטיינער־קאַנאַנאַדע, האָבן נישט געלאָזן דעם ווינט טאָן זיין צעשטער־אַרבעט.

די קעץ האָבן געהויבן זייערע אויסגעגלאָצטע בלאָ־גרינע פֿאָספֿאָר אויגן צום אויבערשטן געוואַנט און זיך געפֿרעגט וואָס קומט דאָ פֿאָר אַזוינס; און זיך געפֿרעגט וואָס דאַרף מען אייגנטלעך טאָן: צי בלייבן שטאָר, ווי צוגענעגלט צום אָרט מיט אַ פּחד אין אַלע אברים, אַזוי ווי די מענטשן אַרום; אָדער נעמען לויפֿן, לויפֿן, זוכן שוץ, זוכן אַ זיכער אָרט?

ביז וואָס ביז ווען האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט, דער ווינט האָט באַגוועלטיקט די וואָלקנס און זיי פֿאַרטריבן פֿון כינרת.

יואל איז אַרויס. דער רעגן האָט אויפגעהערט ווי מוזיק אויפן סוף־פּסוק באַפעל פון דיריגענטס שטעקעלע. די וואָלקנס האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט זייער רעגן־לאָדונג צום הר כנען, צו די בערג אַרום צפת. יואל האָט געטראַכט וועגן זיינע פּלי־איבונגען אין אַזאַ וועטער ווי איצט. עס פליט זיך גוט ווען די וואָלקנס האָבן זיך אויסגערעגנט, דער דאַמף זעצט זיך אין דער נידער און די לופט אין די הייכן איז לייכט, דורכזיכטיק. די קאָמפּליצירטסטע מאַנעווריר־קונצן מיטן אַפּאַראַט קומען דעמאָלט אַרויס פּערפעקטער, מייסטערישער. אין אַזאַ נאָכרעגנדיקער נאַכט האָט ער דאָס ערשטע מאָל באַמערקט יעלן אין דער פאַרעם פון אַ וואָלקנדל פאַרפּלאָנטערט צווישן וואָלקן־וועלף...

עמינדב איז אויסגעוואַקסן נעבן אים. ער האָט אים אָנגעוויזן מיטן פינגער אין דער ריכטונג פון גינוסר, אים אויפגעהויבן אין אַ גראָדער ליניע איבער די לעצטע קיבוץ־ליכטער, און אויסגערופן: — אָט דאָרט, אַ הונדערט שפּאַן פון דער בנות־יעקב בריק, האָבן מיר איינגעהאַלטן די סירישע טאַנקען, נישט געלאָזן זיי גיין אויף צפת... און דאָרטן האָב איך פאַרלוירן מיין פוס, ביז איבער דער קני...

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, זיך אָנגעשפּאַרט אין יואלס רוקן, ווי ער וואָלט פּלוצעם דערפילט אַ שמערץ, און טריומפירנדיק אויסגעפירט:

— עס האָט זיך געלוינט, געווען כדאי, כ׳לעבן: מיין פוס פאַר צפת, מיין פוס פאַר צפת עיר הקודש!

— יעדעס מאָל ווען איך בין אַרויס אין אַ קאַמף — האָט יואל זיך פאַרטרויט — האָב איך געטראַכט: לאָמיר זיך אומקערן צו דער באַזע אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס, אָן אַן אויג, מיט אַ באַשעדיקטן אַפּאַראַט, און לעבן אַ בעל־מום און דערלעבן צו זען, צו פילן, אַז עס איז ווערט געווען דער קרבן, כדאי געווען דער קרבן.

עמינדב האָט ווי גערעדט צו זיך: "מיין פוס פּאַר צפת, מיין פוס פּאַר צפת עיר הקודש". און נאָך אַ ווייל האָט ער געפרעגט רעטאָריש און ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד: — און אפשר איז גאָר בייגעשטאַנען דער זכות פון אר"י הקדוש, פון רבי יוסף קארו, פון מחבר פון לכה דודי? זיי האָבן עס מגין געווען אויף דער שטאָט פון די מקובלים... אין זייער זכות.

יעלס קלינגענדיקע שטים, וואָס האָט זיי גערופן, האָט איבער־געריסן זייערע מחשבות. זי האָט זיי פאַרבעטן צוריק אין געצעלט, כדי אויסצוהערן רעזשינס געשיכטע ביזן סוף. ווען אַלע האָבן ווידער פאַרנומען זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס, האָט זשאַן איינגעגאָסן פון פלעשל אין רעזשינס גלעזל און איר דערלאַנגט. דער דאָקטער האָט איינגעגאָסן די אַנדערע גלעזלעך.

— איז ער צוריקגעקומען דער רוצח? — האָט דבורה געפרעגט מיט מער שרעק ווי נייגער אין איר קול.

רעזשין האָט בלויז איינגעטונקען אירע ליפּן אין דער משקה, אַ סימן אַז דאָס וואָס זי גייט דערציילן איז נישט אַזוי אויסטערליש, ווי דאָס דערציילטע.

— די סבתא האָט זיך געריכט אויף אים. פון אַלע זייטן איז מען געקומען וואָרענען, עצהן זי זאָל אַוועק, זיך אויסבאַהאַלטן. נישט תמיד וועט געשען אַן ענלעכער נס. זי האָט נישט געוואָלט הערן. זי האָט געלעבט אין שרעק, אָבער געהאַט צוטרוי צו אירע קעץ; זיי זענען שטאַרקער אפילו פון אַ נאַצי־מערדער! און צוריקגעשמועסט — ווו וועט זי גיין? אומעטום איז דער זעלבער גיהנום. ווו וועט זי זיך וואַלגערן מיט אַכט קעץ, דערונטער אַ פּיצעלע, וואָס קוים עס זעט און דאַרף מילך; ווען נישט די אַלטיטשקע אַלפּאַנסין, די שכנטע, וואָס גיט אַוועק דעם קעצעלע איר אייגענע מילך־ראַציע, וואָלט עס שוין מסתמא געווען דאָרטן ווו דער דערמאָרדעטער קאָטער. ווו וועט זי געפינען אַ צווייטע אַלפּאַנסין?... יאָ, ביידע זענען צוריקגעקומען! אָבער נישט

צוזאַמען. דער דייטש איז געקומען אין מיטן נאַכט, אַריינגעפאַלן ווי אַ ווילדע חיה, און איידער די סבתא און די קעץ האָבן זיך רעכט אַרומגעזען, האָט ער געהאַט אַראָפּגעריסן פון דער סאַלאָן־וואַנט דריי פון די גרעסטע בילדער, אין באַגילדעטע, סטיליזירטע ראַמען. אַן עטיוד, אין איילפאַרב, פון אַ גרופּע יונגע קעצלעך, צעשפּילטע נאָך אַ זאַטן מאָלצייט. אַ פּאָרל אין אַן עראָטישער פּאָזיציע ערב סעקסועלן אַקט. צוויי פּיצינקע קעצעלעך, מיט די אומגעלומפּערטע פּיסקעלעך אינעם שיסעלע מיט מילך, און זייער מאַמע לעקט אויס די פונאַנדערגעשפּריצטע מילך־טראָפּעלעך, וואָס באַנעצן דעם טעפּעך... זי איז אים נאָכגעלאָפן. עס האָט געוואַרט אויף אים אין דרויסן אַ מיליטערישע אויטאָ. ער איז גיך אַריינגעשפּרונגען און פאַרשוווּנדן. עטלעכע קעץ האָבן אים נאָכגעיאָגט, נאָכגעיאָגט. זעענדיק, אַז עס איז אומזיסט און אַז זיי פאַלן פון די כוחות, האָבן זיי זיך אומגעקערט דערשוויצטע. מ׳וואָלט געזאָגט, אַז זייער גאַנץ לייב וויינט, אַז יעדער הערל פון זייער פעל פאַרגיסט טרערן צוליב די דריי אָפענע און שרייִקע ווּנדן אויף דער פראָנטוואַנט פון סאַלאָן... און דער מיליציאָנער איז געקומען עטלעכע טעג שפּעטער אויסריידן אויפן דייטש, שיטן קללות אויף אַלע דייטשן. און תוך כדי קללות געוואָרפן אַן אויג אויף אַ קליין קעצל. ער האָט אַ קליין טעכטערל, זשיליעט הייסט זי. זי בלייבט אָפט אַליין אין שטוב, לאַנגווייליקט זיך. דאָס קעצל וואָלט איר געהאַלטן קאָמפּאַניע, וואָלט זי פאַרשפּילט. ער איז גרייט צו קויפן, אויב עס קאָסט נישט אַ סך געלט... ער געהערט נישט צו די מיליציאָנערן אָדער פּאָליציאַנטן, וואָס ווערן רייך פון יידישן אומגליק. ער וועט נישט דענונצירן אַ ייד פאַר געלט, אָדער אויספּרעסן ביי אַ יידישער משפּחה געלט אונטער דער דראָאונג פון איבערגעבן זיי אין די הענט פון די דייטשן, ווי עס טאָן עס רעגולער אַנדערע מיליציאָ־נערן, אָדער פּאָליציאַנטן... אויב מען וויל, האָט ער דאָך איר געראַטעוועט דאָס לעבן, ער און די קעץ... נו, איז איר לעבן נישט

ווערט אַ קעצעלע צום שפּילן זיך פֿאַר זיין מיידעלע, איר לעבן פֿאַר אַ קעצעלע... אַ דעפּרעציִירט, אַ דעוואַלוִירט יידיש לעבן אין די איצטיקע טעג, פֿאַר אַ קעצעלע צום שפּילן זיך... ער האָט אָוועקגעלייגט עטלעכע קלינגענדיקע מטבעות אויפֿן טיש און געוואַרט אויף דער סבתאס הסכמה. עס איז איר געווען שווער צו שיידן זיך מיטן קעצעלע, וואָס זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. עס האָט שטאַרק געקרענקט די ערשטע חדשים און זי האָט געהאַט ביי אים עטלעכע מאָל דעם ווערטערינאַר. האָט זי זיך צוגעבונדן צו אים מער ווי צו די געזונטסטע קעץ. זי האָט געהאַט מיטלייד מיט דעם מיידעלע, וואָס לאַנגווייליקט זיך, נעבעך, ווען אירע עלטערן גייען צו דער אַרבעט. זי איז געווען גרייט צו געבן אים דאָס קעצעלע. אָבער דאָס אונטערשטרייכן, אַז ער האַנדלט נישט מיט יידישע לעבנס, ער גיט נישט איבער יידן צו דייטשן פֿאַר געלט, פֿרעסט נישט אויס קיין געלט פֿאַר יידיש לעבן, וואָס איז דעוואַ־לוִירט, האָט אויפֿגעקאָכט אירע בלוטן... זי האָט געפֿילט אין זיינע רייד נישט נאָר אַ פֿאַלשע באַרימערייי נאָר אויך אַ ליגנערישן טאָן. אַזוי ווי זי איז געווען גרייט, אין אָנהייב, צו מאַכן אַ מתנה דער קליינער זשוליעט, אַזוי האָט זי גיך געביטן איר באַשלוס, ביי די לעצטע זאַצן זיינע... זי האָט גענומען דאָס געלט פֿון טיש און עס אים אַ שליידער געטון אין פּנים, צוזאַמען מיט אַ קללה: „דו ביסט נישט בעסער ווי דיינע מיליציאָנערן, דיינע פּאָליציאַנטן, אַלערליי קאָלאַבאָראַטאָרן און פֿאַררעטער; ביסט נישט בעסער ווי די דייטשן!“... און — הערט און שטוינט! — זי האָט אים דערלאַנגט דאָס קעצעלע, מיט טרערן אין די אויגן, מיט אַ געהויל פֿון קעציִשע קעלן און אינגעווייִדן...

דער קול פֿון רעזשין האָט זיך צעציטערט פּלוצעם און געוואָרן וויינענדיק, ווי זי וואָלט דאָס אַלעס אַליין איבערגעלעבט. זי האָט געווישט די טרערן פֿון די אויגן און זיך פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט אַ האַנטפֿלאַך, מ'זאָל נישט דערזען דעם ווייטיק און צער, וואָס

דאַמינירן און פאַרטרייבן דאָס ביסל שטאָלץ פון דער סבתאס רייד און דעפיניטיוון באַשלוס.

33

דבורה האָט ווידער דערלאַנגט כיבוד, כדי צו געבן דער דערציילערין די מעגלעכקייט אָפּצואָטעמען, זיך אָפּפרישן מיט אַ קאַלטן געטראַנק און די צוהערער צו באַפרייען זיך פון דער געדריקטער שטימונג, צו אַנטשפּאַנען די נערוון.

זשאַן האָט פאַרטרעטן רעזשין און געזאָרגט פאַר די קעצלעך. זיי האָבן געגעסן פון זיין האַנט און געטרונקען פונעם וואַסער, וואָס ער האָט זיי דערלאַנגט.

דער דאָקטער האָט פונאַנדערגעשפּרייט די געצעלט־פליגל, אַרויסגעקוקט צו די שטערן, וואָס האָבן זיך ווידער באַוויזן און אויסגעזען אַ סך נידעריקער ווי פריער. די לבנה האָט זיך דער־נענטערט צום ברעג און זיך איבערגעבראָכן אין דער מיט; איין העלפט איז געבליבן אין וואַסער און די צווייטע איז אַרויף אויף דער יבשה. צוזאַמען מיט דער פרישער נאָכשטורעם־לופט איז אַריין אין געצעלט אַ בלענדנדיק־זילבערנער ליכטפאַס, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטן די מאָגערע שיין פון דער לאָמפּ. די קעצלעך האָבן אויסגעצויגן די ביינער ווי נאָך אַ שלאָף. זיי האָבן געמיינט, אַז עס טאָגט שוין.

— עס איז שיין אין דרויסן און עס לאָקט צו אַ שפּאַציר; די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט אויפפרישנדיקן אָזאָן און מיטן ווידער־קול פון סודות, וואָס עס גיבן זיך איבער די לבנה און דער כינרת קעגנזייטיק — האָט באַמערקט רעזשין מיט אַ פאַרחלומטן קול.

— וואָס פאַר אַ פּאָעטישע נשמה דו ביסט, רעזשין. און נישט נאָר ביים איבערגעבן דער סבתאס געשיכטע — האָט זשאַן אויס־

געדריקט זיין באַוווּנדערונג און איבערגעחזרט אין פראַנצייזיש. — קעל אַם פּאַעטיק, מאַ שער. זשע מער ד׳אַדמיראַסיאָן!

— דו וועסט דיך נישט אַרויסדרייען, רעזשין — האָט געזאָגט יעל — אויך איך גיי אויס פאַר דיין פּאָעזיע. אָבער נאָך מער פאַרן המשך, זשע וווּז אַן פּרי, בבקשה.

— איך האָב דאָס אַלץ פריער אַזוי גענוי איבערגעגעבן, ווייל דאָס האָט מיר די סבתא אַליין דערציילט, עטלעכע מאָל דערציילט, ווען אירע געדאַנקען זענען נאָך געווען אין גאַנצן קלאָר. זי איז געווען אַ טיף־קינסטלערישע נשמה.

— דער מילגראַם פאַלט נישט ווייט פון מילגראַם־בוים — האָט באַמערקט זשאַן.

— מערסי, מאָן שער. און איצטער בקיצור, ווייל עס וועט אויסקומען צו זיצן ביז נאָך חצות.

— אפילו ביז צום פרימאָרגן־שטערן, מאַ שער.

—ביידע זענען נאָך צוריקגעקומען. דער מיליציאָנער איז געקומען מיט טרערן אין די אויגן און אין זיין קול. אַ דייטשע מיליטערישע אויטאָ האָט בדרך צופאַל איבערגעפאָרן דאָס קעצל, ווען עס איז דורכגעלאָפן די גאַס. וויינט דאָס קינד, עס איז ממש קראַנק דערפון. איז ער געקומען בעטן אַ צווייט קעצל. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ געלט־באַנקנאָט אויפן טיש. די סבתא האָט געפילט, אַז סיי זיינע טרערן און סיי זיינע רייד זענען פאַלש. דער ערשטער איינדרוק דיקטירט דורך אַ ספּאָנטאַנעם פאַרגעפיל ביי אַן אמתער קינסטלערין פאַרפירט קיין מאָל נישט. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז ער פאַרקויפט די קעצלעך פאַר גוט געלט, און אַז ער האָט מסתמא קיין קינד אויך נישט... זי האָט אַריינגעלייט דעם באַנקנאָט אין זיין טאַש אַריין, און אים געוויזן די טיר. ער האָט נישט פּראָטעסטירט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. די קעץ האָבן געשטשירעט מיט די ציין, געווען גרייט אים אָנצוגרייפן. ער איז אַרויס, ווי איינער ווענמען מען כאַפּט ביי אַ ליגן, ביי אַ פאַלשקייט,

ביי אַ מעשה נבלה... און וואָס שייך דעם דייטש — הערט און שטוינט. די דייטשן זענען שוין געווען צעשלאָגן אויף אַלע פראָנטן און זיי האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן פאַריז — איז ער פּלוצעם אַריינגעפאַלן ווי אַ שטורעם. און נישט אַליין. מיט פיר רוצחישע סאָלדאַטן. צוויי האָבן פאַרשפאַרט די סבתא אין שלאָפצימער און צוויי האָבן באַגוועלטיקט דריי קעץ און אַריינגעשטופּט אין אַ שטייג, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו דעם צוועק. דער עס־עס־מאַן, אין אַ מונדיר פון אַ הויכן אָפיציר, מיט אויסצייכענונגען אויף אַ האַלבער ברוסט, האָט קאָמאַנדעוועט. זי האָט געהערט ווי עס פאַרט אַוועק מיט אימפּעט אַ מיליטערישע אויטאָ. ווען זי האָט אויפגעריסן די פאַרשלאָסענע טיר, האָט זי געפונען נישט מער ווי פיר קעץ. צום גליק איז פאַרבליבן דער צווייטער קאָטער. ער איז נישט געווען גראַציעז און געווען ווילד, מסתמא זיך נישט געלאָזט כאַפּן. זי האָט געהערט זיין אויסטערליש מיאַוקען און רופן אויף אַלאַרם... איך זאָג צום גליק, ווייל פון אים זענען געבוירן געוואָרן נייע דורות סיאַם־קעץ... יאָ, גייט און פאַרשטייט די מענטאַליטעט פון אַ דייטש, אַ מערדער: ער איז שוין אַ צעשלאָגענער, ער ווייסט נישט צי ער וועט באַוויזן צו אַנטרינען מיט זיין אייגענעם לעבן, און ער האָט נאָך אַ קאָפּ פאַר קעץ. ער וויל ברענגען זיין ווייב, זיין געליבטער, אָדער זיינע קינדער אַ מתנה פון פראָנט, פון פאַריז, די שענסטע סיאַם־קעץ, וואָס זענען נאָר פאַראַן, זאָלן זיי האָבן אַ הנאה, זאָלן זיי זיך שפּילן. ער וועט זיי גאָרנישט דערציילן, אַז די קעץ זענען דערצויגן געוואָרן דורך אַ יידישער פרוי, אַז זייער האַרינטע איז גאָר אַ יידישע. ווי פאַר־שטיין די לאָגיק פון אַ רוצח אין אַ מאָמענט, ווען עס עפנט זיך פאַר אים דער תהום פון סכנה און קאָנסעקווענצן פון אַ פאַר־שפּילטער מלחמה, אַנטווישטע האָפענונגען וועגן אַ טויזנט־יאָריקן רייך... און אפשר גאָר, האָט ער עס געטון לשם נקמה, כדי אומצוברענגען די קעץ, אַ נקמה פאַר זיין באַוועלטן שטאָלץ בשעת

זיין ערשטן באַזוך ביי איר; טאָ פאַר וואָס האָט ער נישט גענומען אַלע קעץ?

יעל האָט זיך דערמאָנט אין דער געשיכטע פון דעם הייזעריקן ייד און די פראַגן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין שייכות מיטן אויפפירן זיך פון זיין עס־עס־מאַן. די פראַגן, וואָס רעזשין האָט זיך געשטעלט זענען נישט געווען פון זעלבן מין, אָבער זיי האָבן זיך אויך באַצויגן צו דער מענטאַליטעט פון אַ ברוטאַלן און גבזהדיקן נפש, וואָס לייגט זיך נישט אויפן שכל, און בלייבט אַן אומפאַרענטפערט רעטעניש.

רעזשין האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען די קעצלעך אויף זיך, צוגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג. און איידער זי האָט זיך געזעגנט, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו די אַנוועזנדיקע, זיך פאַר־נייגט ווי אַ דיריגענט, ווען עס איז געלונגען דאָס אָנפירן מיט אַ קאָנצערט, און דאַנקט פאַר די אַפּלאָדיסמענטן. און אַזוי ווי דער זעלבער דיריגענט הייבט אויף אויף ס׳ניי זיין שטעקעלע צו אַ טריומף־אַקאָרד, אַזוי האָט זי אויסגעפירט, מעשה קאָנסעקווענ־טער עפּילאָג: — נאָך דער פטירה פון דער סבתא, וואָס איז זיך צונויפגעפאַלן צופעליק מיטן באַקומען מיין באַקאַלאַוראַט, תעודת־בגרות, האָבן מיר עולה געווען. באַזעצט זיך אין אַ מושב, דרום צו ירושלים. מיר זענען נישט געקומען אַליין, נאָר מיט צוויי מנינים סיאַם־קעץ. די סבתא האָט זיי געהאָדעוועט אפילו קראַנ־קערהייט. זי האָט וואָס אַ מאָל וויניקער פאַרטראָגן מענטשן, זי האָט זיי ממש פיינט באַקומען, געטריבן פון זיך, אפילו איר אייגענע משפחה, אָבער די קעץ האָט זי ווייטער ליב געהאַט, נאָך מער ווי פריער. זי האָט מיט דער צייט אויפגעהערט עסן, אָפּגעזאָגט יעדע דערנערונג, אָבער די קעץ האָט גאָרנישט געפעלט, זיי האָבן באַקומען נאָך גרעסערע ראַציעס ווי פריער... האָבן מיר ממשיך געווען אין מושב די האָדאָווליע פון די סיאַם־קעץ, זיי פאַרקויפט

צו ליבהאָבער און פּיינשמעקער. מיט דעם משק גופא מיט דער פּערמע, האָט זיך פאַרנומען דער אבא... איך האָב דערווייל ממשיך געווען סטודיעס, הויכע אַגראַנאָמיע. אין אָוונט אומגעקערט זיך צו די קעץ... ווען דער אבא איז אומגעקומען, דערדריקט דורך אַן איבערגעקערטן טראַקטאָר, האָב איך איבערגעריסן די סטודיעס, און אַריין אין משק... היינט האָב איך סוף־סוף מיין דיפּלאָם, און אַ מאָדערנע האָדאָוולע פון סיאַם־קעץ מיט עטאַלאָנען, וועלכע מ׳קומט קויפן פון דער גאַנצער וועלט, אָדער מען ברענגט קעץ צו באַפרוכפּערט ווערן אויפן אָרט... מענטשן קומען פון ווו ווייט בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויף אונדזער קאָלעקציע... כ׳האָב דערמאָנט, אַז מיר זענען נישט געקומען אַליין, נאָר אויך מיט קעץ; מוז איך, למען האמת, צוגעבן, אַז אויך די איבערגעבליבענע בילדער פון דער סבתא האָבן צוזאַמען מיט אונדז עולה געווען. די סבתא האָט געמאָלן און געמאָלן. ביי אירע צעשרויפטע נערוון און פאַנטאַסטיש־צעהפּקרטע מחשבות, זענען די בילדער אַרויס נאָך מער עקספּרעסיוו, נאָך מער פאַרטיפט. איז נישט געווען אַזוי דער פאַל אויך מיט וואַן־גאָגן?... די קעץ־קאָמפּאָזיציעס זענען אַרויס ווי לעבעדיק און די פאַרבן רייכער, פייערדיקער, דורכדרינגענדיקער. דער כוואַליעדיקער און שרייִקער הינטערגרונט האָט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די גראַציעזקייט פון די באַוועגונגען און דעם נשמה־צושטאַנד פון די באַשעפעניש... און די קאָלעקציע פון די בילדער איז נאָך גרעסער ווי פון די קעץ. פון אומעטום קומט מען באַזוכן און באַוואונדערן די אויסשטעלונג... און איך פאַרבעט אייך — האָט זי פאַרענדיקט — צו זיך אין מושב, עס איז כדאי פון יעדן שטאַנדפּונקט, סיי די בילדער, סיי די סיאַם־קעץ...

— און סיי די האָרינטע, מאַדמואַזעל רעזשין! — האָט זשאַן צוגעגעבן מיט אַ זיכערן און פּראָוואָקאַטיוון טאָן.

— מיר וועלן קומען, אָן ספק — האָבן יעל און יואל פאַר־

זיכערט איינשטימיק און געדאַנקט פּאַראויס פאַרן גרויסן כבוד און געננוס.

— זיכער נעמען מיר אָן די הזמנה, מיר וועלן זוכן די פּאַסיקע צייט דערפאַר — האָט געזאָגט עמינדב.

— און אויך מיר, טייערינקע רעזשין, מאַ שערי, אם ירצה השם תיכף נאָך שבועות — האָט פאַרזיכערט דער דאָקטער אויך אין נאָמען פון זיין פרוי.

— און איך, ווי נאָר עס וועט זיך מאַכן דער ערשטער טרעמפּ — האָט זשאַן געזאָגט אַ האָפּערדיקער — נעם איך מיין רוקנזאַק, מיין גיטאַרע און ויסעו ויחנו... אפילו, ווען די טרעמפּ־געבערין איז די פאַרבעטערין אַליין... איך קאָן נישט מער וואַרטן, איך ברען ממש אַהינצו!...

34

יעל און יואל האָבן זיך שפּעט איבערגעוועקט. זי האָט געהאַט קאָשמאַרן. די איבערלעבענישן פון ביז איצט אומבאַקאַנטע מענטשן האָט זי איבערגעלעבט ווי איר אייגענע. זי האָט זיך געוואָרפן, ווי זי וואָלט געשלאָפן אין אַ בריווחדיקן בעט און וואָלט געוועו אַליין. יואל איז געלעגן אויף אַ זייט ביים ראַנד ממש פון בעט און געהאַלטן זיך פעסט נישט אַראָפּצוקייקלען. ער איז ערשט איינגעשלאָפן פאַר טאָגס, ווען די קאָשמאַרן האָבן זי אָפּגעלאָזט.

פאַרבייגייענדיקע טריט און די זון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך אַלע מעגלעכע שפּאַלטן אינעם געצעלט, האָבן זיי אַרויס־געריסן פון שלאָף. זי האָט געבעטן ביי אים אַ ציגאַרעט. זיי האָבן ביידע פאַררייכערט. ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, האָבן זיי ביידע געשוויגן, ווי רייד וואָלטן נאָך דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן נעכטן געהערט געווען אַ פאַרשוועכונג, אַן אַטענאַט קעגן דער

אַנשטענדיקייט, קעגן דעם מוסר־השכל, וואָס שיילט זיך פון דעם אַלעם אַרויס.

זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פּאָר העלע הויזן און אַ וואָלענעם פּולאָוועד דירעקט אויפן לייב, פאַרלייגט די האָר אין אַ קאָקס, אויף אים איר זונהוט, און אַרויס. טראָץ דער זון איז דער דרויסן געווען אַ קילער און די פייכטקייט נאָכן רעגן האָט נאָך געשוועבט אין דער לופט. זי האָט זיך אָנגעטון וואַרעם, ווייל זי האָט געהאַט אין געדאַנק פאַרצושלאָגן די נייע פריינד אַן אויס־פלוג אין דער געגנט, קיין בית־שאן און זיין רוימישן אַמפיטעאַטער, אָדער צום שלאָס בעלוואָר, כוכב הירדן, — לעצטע פעסטונג פון די צעשלאָגענע קרייצריטער. איר כוונה איז געווען דערביי אויך צו אַנטרינען פון דאָ אויף אַ טאָג, אַזוי אַז זשאַק זאָל זי נישט געפינען, אין פאַל ווען ער קומט זי זוכן. זשאַק מיט זיין רויטן מערצעדעס און זיינע צוויי חברים האָבן זיך אָפּט געפּלאָנטערט אין אירע קאָשמאַרן די נאַכט; דאָס פאַרלאַנגט פון איר זייט פאַרזיכטיקייט...

ביי ניסימען אין געצעלט איז געווען רויִק און ליידיק. זי האָט באַמערקט פון דער ווייטנס די געקרויזלטע קעפּלעך פון די קינדער ביים ים־ברעג. דוכט זיך, אַז אויך דאָס קעפּעלע פון דער קליינער מזל זעט זי איבער דעם זאַמד־אָנשיט אונטן. זעט זיך אויס, אַז מרים, די מאַמע, פילט זיך גוט און די עצה פון בראַוון הער דאָקטער ווירקט ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע.

פייגע איז געזעסן אין איר ליגשטול, פאַרן געצעלט, געוויגט זיך און געאַרבעט מיט די שטריק־נאָדלען. זי האָט זיי די ערשטע באַמערקט.

— שלום און אַ גוטן מאָרגן אייך, פאַרליבט פאָרל!

— שלום, גברת פייגע!

— און יידיש פאַרשטייסטו? — האָט זי זיך געוואָנדן צו יואלן, אַוועקלייגנדיק די נאָדלען.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אַזוי געפעלסטו מיר. צי ווייסטו כאָטש וואָס פאַר אַן אוצר דו כאַפּסט אין יעלן, האָ?

ער האָט באַשטעטיקט מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן.

— הערסט, יעל, זאָלסט נישט פאַרגעסן מיך צו פאַרבעטן צו דיין חתונה. ווען שטעלטסטו די חופה, האָ?

— מערצישעם ל״ג בעומר.

— נו, ווען וועסטו האָבן נאָך אַ גאַסט, יעל. שטעל דיר פאָר, אַז זאב קומט צוריק. אריה, וואָס האָט צוליב זיינע געשעפטן אַ שפּרונג געטון קיין טבעון, האָט געבראַכט אַ בריוו וואָס איז אָנגעקומען פון זאבן. שרייבט ער, אַז ער האָט שוין גענוג אַמע־ריקע. שטעל דיר פאָר, אַז זיין יגאלן, דעם עלטערן זון זיינעם, האָט מען אָנגערופן אין שולע ״דערטי דזשו״, שמוציקער ייד, און ווער? אַ נעגער־שילער; שטעל דיר פאָר אַ שוואַרצער, אַ שמוציקער שוואַרץ יאָר, רופט אָן מיין אייניקל און זאבס זון, אַ בלאָנדהאָריקן, אַ געבוירענעם אין ישראל, מיטן נאָמען ״דערטי דזשו״... און נאָך שענער, דער לערער, אַליין אַ שוואַרצער, האָט גאָרנישט רעאַגירט, און ווען זאב איז געגאַנגען פּראָטעסטירן, האָט ער אים געזאָגט: ווער הייסט דיך זיין אין אַמעריקע, האָסט דאָך אַ פאָטערלאַנד, יידן האָבן דאָך אַן אייגן לאַנד, עס איז דאָך נישט מער ווי אַ מאָל, טאָ פאָר צוריק קיין ישראל... נו, קומט ער זיך אַרומקוקן, מיין זאב, זוכן אַ דירה, און ער וועט מערצישעם נאָך שבועות צוריקקומען מיט דער גאַנצער משפחה... געדענק, זאָג עס דיין טאַטן, יעל. ער וועט זיך פרייען. ער וועט אפשר קוקן אויף מיר אַנדערש, ער וועט מיך גיכער פאַרשטיין, דיין טאַטע; ער איז אַ האַרציקער ייד, מיט בלויז מעלות...

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זי נאָכגעשריגן: — גערדענק, יעל, זאָג עס דעם טאַטן, למען השם, און גיב אים איבער אַ גאַר האַרציקן גרוס, הערסט?!

דער דאָקטער און זיין פרוי זענען געזעסן פאַר זייער געצעלט. זיי האָבן זיך האַרציק באַגריסט. דער דאָקטער האָט אַרומגענומען יעלן, זי געקושט אויף ביידע באַקן. זעענדיק ווי יואל קוקט אויף אים מיט אויגן פון אַן אייפערזיכטיקן, האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער: — עס איז אַ קוש פון אַ טאַטן, אָדער פון אַ זיידן... אגב איז די זינד אַ קלענערע און אויך די הנאה, ווייל זי גייט דאָך אָנגעטון ווי אַ בחור, אין הויזן...

— אין הויזן — האָט געזאָגט שפּאַטיש מאַטילדאַ — און אַן ביוסט-האַלטער, אַ שיינער בחור כ׳לעבן, סיידן אַ טראַוועס־טירטער...

זיי האָבן זיך אַלע צעלאַכט און די בריסט ביי יעלן האָבן בעת־מעשה זיך גענומען וואַרפן און פונאַנדערציטערן די וואַלענע געשפּאַנטקייט פון פולאָוועך.

דער דאָקטער האָט דערציילט, אַז עמינדב האָט געהאַט איינעם פון זיינע שטאַרקע קריזיסן אין מיטן נאַכט. עס האָבן נישט גע־האָלפן נישט דאָס שפּילן פון זשאַנען און נישט די גלעזלעך קאָניאַק. באַלד אין דער פרי זענען זיי אַוועק קיין חמי טבריה. ער גלייבט שטאַרק אין דער היילנדיקער קראַפט פון די דאָרטיקע בעדער. ער האָט זיך איבערצייגט דערין. בלויז דער געדאַנק, אַז ער פאָרט אַהין האָט ביי אים כמעט אַוועקגענומען די שמערצן, ווען ער האָט זיך געזעצט ביים רעדל צום פאָרן. ווי צאַנווייטיק, ווען מען איז אויפן וועג צום דענטיסט.

— און זשאַן? — האָט יעל געפרעגט.

ער האָט אָנגעוויזן אויפן שכנותדיקן געצעלט פון רעזשין.

— אַזוי ווייט האַלט עס שוין? — האָט געפרעגט יואל, אַ דערשטוינטער.

— ער איז דאָך אַ פראַנצויז און זי אַ פראַנצויזין, ביי זיי גייט עס גיך — האָט געזאָגט יעל, מיט איראָניע און מיט אַ דיסקרעטן געפיל פון קנאה.

— ער איז אַזוי אַ פראַנצויז, ווי איך אַן עסטרייכער, הגם געבוירן אין ווין, און זי איז אַ פראַנצויזין ווי מיין מאַטילדאַ איז אַן אונגאַרין, הגם זי איז געבוירן אין בודאַפעסט, דער געבורט־שטאָט פון ד״ר הערצל. דער מענטש, זיין נאַציאָנאַלע אידענטיטעט, געהערן דאָרטן, ווו עס געפינט זיך זיין האַרץ, און נישט צופעליק דאָס וויגל... זייער האַרץ איז דאָ, זייער נשמה איז דאָ, זייער היים איז דאָ, צווישן ייִדן... הגם דער זשאַן האָט נאָך נישט געפונען זיין סטאַביל זיצאָרט; זיין היים איז דערווייל די גאַנצע מדינה, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק...

— אפשר האָט ער איצטער געפונען אַן עקסקלוזיווע היים און אַ האַרץ און אַ ליבע־נעסט לויט זיין מאָס? — האָט געפרעגט יואל.

— ער מוז זיך פריער באַפרייען פון זיינע פאַנטאַזיעס, זיינע פאַנטאַזמען, זיינע משונהדיקע דרכים, זיינע משוגעתן... אַ שטייגער, ווען איר זייט אַוועקגעגאַנגען, האָבן די גולניס אים געגעבן אַ בעט אויף איבערצונעכטיקן. מיינט איר, אַז ער האָט אַקצעפּטירט. ער איז גאָר געגאַנגען אָפּזוכן זיין רוקן־און שלאָף־זאַק, וואָס ער האָט פאַרשטעקט ערגעץ אין באַנאַנען־וועלדל, און געזאָגט, אַז ער וועט זיך לייגן אויף דער ערד, אין זיין שלאָפזאַק. ער איז נישט געוווינט צו אַ בעט, ווי אַ פאַריזער קלאָשאַר... ער האָט דערציילט זיין געשיכטע. זיין מוטער איז געקומען, אַ צוואַנציק־יאָריק מיידל, ווי אַ פליטה, פון נירנבערג, אין 1936. זי האָט זיך אַריינגעשמוגלט אומלעגאַל קיין פאַריז. אירע עלטערן זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער גרענעץ און זייער

שפּור איז פאַרשוווּנדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט פּאַפּירן, לעגאַליזירן איר אויפנטהאַלט. יעדן חודש האָט זי געמוזט שטיין שעהען גאַנצע פאַר דער פּרעפעקטור. ביז עס האָט זיך געפונען אַ מאַכער, וואָס האָט איר צוגעזאָגט אויסצואַרבעטן אַ לאַנג־טער־מיניקן אויפנטהאַלט. ער האָט גערעדט יידיש, ווייל זיינע קליענטן זענען געווען כמעט אויסשליסלעך פּויליש־רוסישע יידן. ער איז געווען אַ יוצא ונכנס אין דער פּרעפעקטור און געשיכורט מיט די הויכע פּאַפּירן־באַאַמטע. הכלל — ער האָט לסוף מיט איר חתונה געהאַט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מענטש און יידן־פריינט. און זי האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן; אירע קאָנסערוואַטאָריע־סטודיעס זענען געווען נישט פאַרענדיקט. און זשאַן איז געקומען אויף דער וועלט... ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פראַנקרייך, האָט ער נאָך געאַרבעט אין דער פּרעפעק־טור און געהאָלפן יידן מיט פאַלשע דאָקומענטן, און מיט פּאַסערס, וואָס האָבן אַריבערגעפירט יידן אין דער נישט־אָקופּירטער דרום־זאָנע און אין דער שווייץ. האָבן געסטאַפּאָ־אַגענטן אים געכאַפּט דערביי און פאַרשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד... ער האָט נאָך באַוויזן אַריבערצושיקן זיין פרוי און קינד אויף יענער זייט דעמאַרקאַציע־ליניע און קאָנטאַקטירט באַקאַנטע, וואָס האָבן זיי געדאַרפט העלפן אַריבערגיין אין דער שווייץ... דערווייל זענען די באַקאַנטע אַרעסטירט געוואָרן, גראָד דעמאָלט, מיט אַ גרופּע רעזיסטאַנטלער. די מוטער איז אַוועק נאָענטער צו דער שווייצער גרענעץ. די גרענעץ־וואַך האָט זיי פאַרהאַלטן און צוריקגעשיקט; זיי זענען שיער נישט אַריין אין די הענט פון געסטאַפּאָ. זיי האָבן געוואַנדערט אין די בערג און אָנגעשפּאַרט ביי אַ גלח. דעם גלח איז גראָד געשטאָרבן זיין דינסטפרוי, האָט ער זיין מוטער צוגענומען אויף איר אָרט... ער האָט דערקענט לויט איר אויסזען און איר אַקצענט, אַז זי איז אַ יידישע, און אַז אויך דאָס קינד האָט יידישע שטריכן... דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט. מאַריאַ־

מאַגדאַלענאַ, מיט וועלכער יעזוס האָט געזינדיקט, איז אויך געווען אַ יידישע און ער אַליין, וואָס איז פון באַסקישער אָפּשטאַמונג, טראָגט אַ שפּאַנישן פאַרנאָמען — יעזוס. נו, פאַר וואָס זאָל ער נישט טאָרן זי האַלטן ביי זיך, זינדיקן מיט איר? און איר נאָמען איז מרים, ווי די זינדיקע מרים פון מיגדל... עס איז ממש מן השמים...

— זשאַן איז דעמאָלט געווען אַ יינגל פון זעקס יאָר, און ער געדענקט עס ווי עס וואָלט געווען איצט — האָט דעם דאָקטערס פּרווי איבערגענומען דאָס וואָרט, זעענדיק ווי דער מאַן פאַרסאַפּעט זיך שווער — און איר האָט געדאַרפט הערן ווי ער האָט איבער־געגעבן מיט אַלע פּרטים זייער גערודפט־שפּלדיק לעבן, פון איבער אַ יאָר, ביים גלח. ווען זי האָט נישט געוואָלט טאָן זיין רצון, האָט ער איר געדראָט מיט געסטאַפּאָ, מיט זיין הונט, מיט אָנרייצן זיין הונט אויפן קינד... ביז, אַנומלט, איז דער גלח שווער קראַנק געוואָרן, און מ׳האָט געבראַכט צו אים אַ דאָקטער. דאָס איז געווען אַן אָנפירנדיקער ווידערשטענדלער פון עוויאַן, פון דער הויך־סאַוואָיער געגנט... ער האָט געזען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך מרחם געווען אויף זיי און זיי מיטגענומען תיכף אין זיין אויטאָ. און געווען צו זיי ווי אַ פאָטער... ווען נישט ער, ווער ווייסט וואָס וואָלט געשען מיט זיי?...

— אַ צדיק אין סדום — האָט באַמערקט דער דאָקטער. — הכלל, כדי צו מאַכן אַ לאַנגע געשיכטע קורץ, ווי מ׳זאָגט עס אין ענגלאַנד: זשאַנס פאָטער איז צוריקגעקומען און די אידיליע האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן.

— עס הייסט אַזוי אידיליע — האָט מאַטילדאַ איבערגעהאַקט

— די אידיליע פון אַ קינד פון אַ געמישט פּאָרפאָלק אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט, אין אַ וועלט פון נייע אידעען, אין דער צייט ווען דער נאַצי־פאַשיזם איז ווייט נישט געווען אָפּגעלעבט, און דער סאָוויעטישער דעספּאָטיזם האָט גענומען ווייזן זיינע נעגל,

און דער ציוניזם האָט געפונען זיין רעאַליזאַציע, זיין מאַטעריעלע פאַרווירקלעכונג צווישן פאַנאַטישע אַראַבער, די הערשער איבער די נאַפט־קוואַלן און פעטראָ־דאָלאַרן... אַ שיינע אידיליע, כ׳לעבן, מיין ליבער טעאָדאָר; אַלץ הייסט אידיליע!

35

— נישט קיין ווונדער וואָס זשאַנס געשיכטע האָט ביי עמי־נדבן אַרויסגערופן אַ שאַרפן קריזיס — איז יעל געקומען צו דער מסקנה — נישט קיין חידוש.

— דער קריזיס איז געקומען פריער. עטלעכע מינוטן נאָך אייער אַוועקגיין האָט זשאַן אָנגעהויבן שפּילן — האָט דער דאָקטער איר אויפגעקלערט. — עס האָט אים געהאָלפן. האָט ער שפּילנדיק אָנגעהויבן צו דערציילן זיינע איבערלעבענישן. געווען אַ שטימונג אַזאַ פון אַראָפּריידן זיך פון האַרצן. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז נישט נאָר רעזשין, נאָר אויך ער האָט אינטערעסאַנטע מלחמה־זכרונות... ער האָט דערציילט זייער מאָלעריש, פּאָעטיש, דורכגעפלאָכטן מיט אַ גוט־צוגעפּאַסטער שטימונג־מוזיק, אַז דו האָסט נישט געפילט דעם שווידער פון אַ רייי איבערלעבענישן... ערשט, ווען עס איז געקומען דווקא דער גליקלעכער מאָמענט מיטן דאָקטער, וואָס האָט זיי אויסגעלייזט פון פינצטערן סאַדיסט, האָט ער באַקומען די פאַנטאָם־יסורים. דאָס שפּילן האָט אים דעמאָלט גאָר אויפגערעגט, פאַרשטאַרקט די שמערצן.

— אַזוי ווייט — האָט מאַטילדאַ אַרויסגעהאָלפן איר מאַן — אַז נישט נאָר דאָס שפּילן, נאָר דער שפּילער גופא, און אַלע אַרומיקע האָבן אים דענערווירט בלויז מיט זייער אָנוועזנקייט. האָבן מיר פאַרבעטן זשאַנען מיט דער גיטאַרע און רעזשינען מיט

די קעצלעך צו אונדז אין געצעלט, און ער האָט דאָ ממשיך געווען ביז צום פּאָטערס צוריקקומען... ער האָט איבערגעריסן, ווייל די קעץ האָבן גענומען אַרויסווייזן סימנים פון אומגעדולד, פון אויפרעגונג; זיי זענען אַראָפּ פון רעזשינס שויס, און געדרייט זיך, צונויפגעקאָרטשעט זיך, ווי איינער וואָס האָט בויכווייטיק און דאַרף באַפרייען די געדערים. רעזשין האָט זיי פאַרשטאַנען. זי האָט זיך געזעגנט.

— סליחה — האָט זי געזאָגט צו זשאַנען — פּאַרדאָן. מאָרגן איז אַ גרויסער טאָג.

— "אויך די נאַכט איז נישט געענדיקט" — האָב איך געזאָגט כלומרשט מעשה־וויץ און ווינקענדיק ממזריש צו זשאַנען...

— עס איז נישט געווען קיין רייד וועגן פאַרבעטן אים צו נעכטיקן ביי אונדז, אַלטע לייט, ווו עס איז שטאַרק ענג און נישטאָ אפילו קיין אָרט ווו זיך אַוועקצולייגן אויפן דיל.

— האָט ער גענומען זיין רוקן־שלאָפזאַק מיט דער גיטאַרע און געזאָגט, אַז ער וועט געפינען אַן אָרט צווישן די געצעלטן דאָ און זיך איבערשלאָפן אין דרויסן.

— "חס וחלילה" — האָט זי געזאָגט. "דרויסן איז קאַלט און דער שטורעם קאָן זיך איבערחזרן, מאָן שער, חס וחלילה. קעל פאָלי, וואָס פאַר אַ שיגעון".

— איך האָב איר געגעבן פולקאָם רעכט — האָט דער דאָקטער אונטערגעשטראָכן.

— זיי זענען אַרויס צוזאַמען. מיר האָבן געהערט זייערע טריט אַ לאַנגע צייט אַהין און אַהער, נעבן געצעלט — האָט מאַטילדאַ איבערגעגעבן קאָנפידענציעל — געהערט אָפּגעריסענע ברעקלעך פון זייערע רייד, ביים איינגאַנג אין איר געצעלט. און עס איז געוואָרן שטיל. קיין ברעקל ליכטשיין האָט זיך נישט דורכגעזען דורכן געצעלט־געוואַנט און נישט דורך די איינגאַנג־שפּאַלטן.

— און עס איז ווייטער שטיל און פינצטער דרינען — האָט דער דאָקטער אָנגעוויזן מיט אַ שטיפערישן רמז אויף איר געצעלט.

יעל האָט פּלוצעם דערהערט אַ באַקאַנטן קול, וואָס איז געקומען פון דער ווייטנס. זי האָט אים תיכף דערקענט. דאָס איז דוד, דער קליינער גלידה־פאַרקויפער, וועלכן מ׳האָט נעכטן חושד געווען, אַז ער איז גאָר אַן אַראַבישער טעראָריסט. זי איז אים אַקעגנגעלאָפן. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון צופרידנקייט. זי האָט אים געקושט. זי האָט גענומען פון אים דעם קאַסטן מיט גלידה, אָנגעהאָנגען די רימענס אַרום האַלדז און מיט דער לאַדונג, וואָס האָט זיך געוואָרפן צווישן אירע בריסט און נאָפּל, איז זי געלאָפן צום וואַסער.

יואל האָט זי אָנגעיאָגט. ער האָט גענומען דודן ביי דער האַנט און פאַראויסגעלאָפן, רעקלאַמירנדיק די סחורה:

— גלידה, גלידה, עשר לירות, עשר לירות!

— לא עשר, לא עשר — האָט דער בחור פּראָטעסטירט — שתים עשרה לירות, צוועלף לירות. עס איז געשטיגן זייט נעכטן!

— שתים עשרה לירות! — האָט יואל געשריגן הויך — שתים עשרה לירות, גלידה כשר לפסח. עס איז געשטיגן זייט נעכטן. אַלץ שטייגט! קויפט תיכף, נאָך מיטאָג קאָן שוין קאָסטן ארבע עשרה לירות! גלידה, שתים עשרה לירות!

דער עולם האָט געקויפט. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט, הגם דאָס וועטער איז דווקא נישט געווען אַזוי גינציק דערצו. מ׳האָט עס צוליב געטון די פאַרקויפערס און דעם שוואַרצהויטיקן בחורל. מענטשן האָבן געגעבן גאַנצע 20 לירות און נישט געבעטן קיין רעשט. איינער האָט געגעבן אַ גאַנצן פּופציקער.

יעל האָט באַמערקט ניסימס קינדער. זיי האָבן זיך געפרייט מיט איר. מזל האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענטלעך, נישט כדי צו באַקומען אַ גלידה, נאָר זי זאָל זי נעמען אין אירע אָרעמס. יעל

האָט איר דערלאַנגט אַן אַרטיק. אויך אירע שוועסטערלעך און ברידערלעך. זי האָט זיך אויסגעפּרעגט אויף דער מאַמען. זי איז געלאָפן ווייטער, יואל מיטן בחורל פאַר איר, און ניסימס קינדער הינטער איר. עס איז געווען אַ רחמנות די קליינע מזל, וואָס איז געלאָפן און געפאַלן, און געבליבן ווייט הינטערשטעליק.

אַזוי איז דער קאַסטן אויסגעליידיקט געוואָרן אין אַ האַלבע שעה. יואל האָט באַצאָלט פאַר די גלידהס, וואָס זיי האָבן גע־שאַנקען די קינדער. דער קליינער דוד האָט געוויינט פאַר פרייד צוליבן גיכן ליקווידירן די סחורה און צוליב דער סומע, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם פאַרקויף־ווערט.

— איך וועל נאָך מיטאָג ווידער קומען — האָט ער געזאָגט

— אַ דאַנק, תודה רבה! שלום, מועדים לשמחה, תודה רבה!

ער האָט נישט געפונען גענוג ווערטער ווי אויסצודריקן זיין דאַנק. ער האָט אָנגעהאָנגען דעם ליידיקן קאַסטן אויף אַ זייט, געלאָזט זיך גיך צום וועג, כדי צו געפינען ווי אַמשנעלסטן אַ טרעמפּ און באַוויזן צוריקצוקומען באַלד נאָך מיטאָג.

זייערע טריט האָבן צוריקגעפירט אין דער ריכטונג פונעם געצעלט פון די... "פאַרליבטע". עס האָט זיך זיי געלייגט אויפן שכל, אַז עס האָט זיך היינט אָוונט פאַרקנופּט אַ ליבע צווישן די צוויי אָפּשטאַמיקע פון פראַנקרייך, וואָס די קעצלער האָבן פאַרמיטלט צווישן זייערע הערצער. זי, אַ מאַלעריש־פּאָעטישע נשמה און ער אַ קינסטלערישער פאַנטאַזיאָר און באַהעמער.

— ער זעט אויס צו זיין אַ פּראָדוקט פון דער צייט, פון דער נאָך־מלחמה־יוגנט, וואָס האָט נישט געפונען איר וועג אין לעבן, וואָס איז איבערגעלאָדנט מיט וויסן, האַלב־וויסן, מיט מאָדערניסטישע אידעען, שלעכט דורכגעקייעטע, נישט־געהעריק אַסימילירטע, און קאָן זיך אין ערגעץ נישט איינוואָרצלען — האָט באַמערקט יואל.

— און דערצו איז ער חצי־ייד, חצי־נישט ייד; אפילו, ווען ער איז מער נוטה צו יידן, צו ישראל, איז זיין טראַגעדיע נאָך גרעסער — האָט יעל צוגעגעבן — זענען די ווידעראַנאַנדן און סתירות נאָך שרייַקער, און די קאָמפּלעקסן קאָנען דערפירן ביז משוגעת, אַראָפּפירן לחלוטין פון די רעלסן, פאַרוואַנדלען אין אַ כראָניש־בלאָנדזשנדיקע נשמה, וואָס זוכט אַ תיקון...

— און אפשר איז זי דער תיקון, יעל? זי איז אויך אַ קינסטלערין, פון איר מין, אָבער אַ ניכטערע. זי לעבט מיט די זיכרונות פון איר סבתא, מיט די ספקות, וואָס זיי וועקן אין איר. זי לעבט מיט די בילדער פון איר סבתא און מיט די קעץ, אָבער ניכטער, רעאַליסטיש, שטייענדיק מיטביידע פיס אויף דער ערד. זי האָט פאַרענדיקט אַגראָנאָמיע. זי פאַרנעמט דאָס אָרט פון פאָטער אין משק. זי האָדעוועט סיאַם־קעץ, נישט נאָר לשם האָדע־ווען און דעקאָראַציע, נישט נאָר לשם הנאה און ירושהדיקער חזקה, נאָר אויך לשם פרנסה, לשם געשעפט. מסתמא, ווען מ׳קומט מיט אַ קאַץ צו באַפּרוכפּערן זי דורך איינעם פון אירע עטאַלאָנען, איז עס נישט נאָר צוליב די שיינע אויגן פון דער קאַץ, וואָס וויל ווערן טראָגעדיק מיט יחוס... און די בילדער? צי פאַרקויפט זי זיי נישט? צי וואַרט זי נישט אָפּ ביז זיי וועלן ווערן נאָך טייערער, זי זאָל קאָנען אַרויפציען דעם פרייז? ווער ווייסט?

— ווייסט, יואל, דו ביסט אַ חכם; איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו קענסט אַזוי פלינק דורכפירן אַזאַ לאָגישן אַנאַליז. דיין אויספיר איז אייזן: זי איז אפשר אויף אַן אמת זיין תיקון; בפרט, וואָס דער עולה חדש געפעלט נישט די קעץ... באַשערט געווען אים צו קומען גראָד אַהערצו; אויך איר מיט די קעצלעך, און זיי זאָלן צונויפגעפירט ווערן אין געצעלט פון ירושלימער פּאָרל...

— ווי זינגט זיך עס דאָרטן, יעל: גשר צר העולם, גשר צר.

זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם צוגעדריקט צו זיך פעסט און אונטערשפּרינגענדיק אויפגעכאַפּט די מעלאָדיע און די ווערטער.

— און דער עיקר — האָט זי צוגעגעבן איר אייגענעם קאָמענטאַר — איז נישט צו פאַרפּאַסן די געלעגנהייט, זיין ראוי צו איר; און אָנכאַפּן זיך אין איר מיט ביידע הענט, מיט ביידע אָרעמס, מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

36

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע נעבן געצעלט. ער איז געווען פאַרמאַכט פון דרינען. עס איז געווען שטיל. דער דאָקטער און זיין פרוי האָבן זיך געהאַלטן אונטער די אָרעמס און געמאַכט זייער פאַרמיטאָג־שפּאַציר, לענגאויס די געצעלטן. זיי זענען זיך אַקעגנגעגאַנגען.

— געהערט די לעצטע ראַדיאָ־נייעס? — האָט געפרעגט דער דאָקטער.

— מיר האָבן נישט קיין ראַדיאָ מיט זיך. איבערגעלאָזט מיט אַ כוונה, כדי וועגן אַלעם צו פאַרגעסן — האָט געזאָגט יעל — און געדענקען נאָר וועגן זיך, ווידמען זיך נאָר זיך; עס איז חופש.

— איך האָב דעם ערשטן טאָג אויך נישט געעפנט די חדשות, געוואָלט זיך אָפּרייסן פון זיי, אָבער נישט אויסגעהאַלטן... עס איז די מעשה מיט דעם, וואָס וויל וויסן ווי ער וועט זיך פילן, ווען ער ווערט בלינד; גייט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן, ער גייט און גייט, אָבער פון צייט צו צייט עפנט ער זיי, ווייל ער האָט מורא געשטרויכלט צו ווערן, אַריינצופאַלן אין אַ גרוב, אַריינצוגיין אין אַ גלעזערנער שויב...

— און וואָס איז די לעצטע נייעס, וואָס? — האָט געפרעגט נייגעריק יואל.

— שטעלט זיך פאַר, אַז מ׳האָט געכאַפּט דריי חברהלייט פון דער מאַפּיע, געלט־פּעלשערס, געלט־אויספּרעסערס דורך שאַנטאַזש, געלט־שמוגלערס קיין אויסלאַנד, וואָס האָבן זיך גע־גרייט צו אַנטרינען נאָך חוץ לארץ; געווען ביי זיי אין די טאַשן אויסגעשטעלטע עראָפּלאַן־בילעטן.

— און דאָס שענסטע — האָט מאַטילדאַ אויסגעכאַפּט — דאָס שענסטע איז, וואָס מ׳האָט זיי פאַרהאַלטן, מ׳האָט זיי פאַר־האַלטן, טרעפט ווו? אָט, אַ פּאָר שפּאַן פון דאָ, אין קאַמפּינג פון קיבוץ מעגן, דאָ נישט ווייט, ביים כינרת־ברעג.

יעל האָט דערפילט ווי דאָס בלוט הייבט זיך אָן יאָגן אין אירע געפּעסן, עס שטעלט זיך אָפּ אַ רגע אין די שלייפן, נעמט קלאַפּן אין די שאַרבן־ביינער, ווי עס וואָלט געווען אַ טיר צום מוח, בעטנדיק אַ דערלויבעניש אַריינצודרינגען.

— מ׳ווייסט קיין מאָל נישט מיט ווּעמען מען האָט צו טאָן, מיט ווּעמען דער צופאַל פירט אונדז צונויף אין די אָפּרו־ערטער, די קאַמפּינגס, האָטעלן — האָט באַמערקט יואל — ווער ווייסט ווּעמען זיי האָבן באַגזלט, באַרויבט פאַרן אַרעסט?

— די בעסטע געזעלשאַפט זענען קינדער — האָט געזאָגט יעל אַרויפּציענדיק אַ געמאַכטן שמייכל אויפן פּנים, כדי מ׳זאָל נישט באַמערקן איר צעטומלעניש.

— און פאַרליבטע פּאָרלעך — האָט געזאָגט דער דאָקטער מיט זיין געוועינלעכן טאָן פון חצי־איראָניע און חצי־חוזק.

— מ׳דאַרף אויסקוקן די אָוונט־צייטונג — האָט געזאָגט מאַטילדאַ, דאָס מאָל אָן פּלעגמע — מילא, מאַפּיע, איז דאָך אויפן טאָג־אָרדענונג. די רעגירונג קוקט דורך די פינגער, די איצטיקע נאָך מער ווי די פריערדיקע; נישטאָ גענוג שוטרים זיי צו פאַרפאָלגן. שוטרים קאָסטן געלט, זאָגט דער פינאַנץ־מיניסטער . . .

— און אפשר איז עס אַ שטילע וואַל־קאַאַליציע פון דער רעגירונג־מערהייט מיט דער מאַפּיע, רחמנא לצלן, לשם שטימען צו די קומענדיקע וואַלן... ווי זאָגט דאָס ווערטל: אַז מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה. נאָך וואָס אים אָפּשניידן פון דער תליה, בעסער אים לאָזן פריי. אין פּאָליטיק כשרט דער ציל די מיטלען. אויך מיר האָבן אונדזערע יעזויִטן...

— טעאָדאָר קומט תמיד מיט זיינע חכמות, מיט זיינע גוזמאות — האָט מאַטילדאַ געזוכט צו פאַרמינערן דעם איינדרוק פון זיינע ענאָרמיטעטן — ווי האַלט איך עס? יאָ, מילא נאָך איינער, נאָך אַ מאַפּיע־אַפּעריסט, אָבער דווקא דאָ, אַ פּאָר שפּאַן פון אונדז, ביים ברעג פון כינרת שלי...

— הוי, כינרת שלי.

ההיית או חלמתי חלום — האָט יעל אויפגעכאַפּט די לעצטע צוויי ווערטער, און איבערגעחזרט עטלעכע מאָל מיטן ניגון פון דעם באַקאַנטן רחל־ליד: חלמתי חלום, חלמתי חלום, חלמתי חלום...

די פּאַדערשטע פליגל פון רעזשינס געצעלט האָבן זיך פונאַנדערגעעפנט און זשאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. אין זיינע אָרעמס זענען געווען די צוויי קעצלעך. ער האָט צעעפנט די אָרעמס ברייט מיט די קעצלעך, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין זיינע האַנטפלאַכן, און באַוויזן מיט זיי, ווי אַן אַטלעט, וואָס לערנט זיך הייבן געוויכטער. ביי יעדער באַוועגונג האָבן די קעצלעך פאַרמאַכט און געעפנט די אויגן און אַרויסגעלאָזן הנאה־זיפצעונישן, ווי אַ קינד וואָס ווערט געשאָקלט אין אַ הענגוויגל. שפּעטער האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזן און גענומען לויפן צום וואַסער. די קעצלעך נאָך אים. עס גייט צו צערודערן די ביינער, די געלענקען, אַנטשפּאַנען די מוסקלען, אַזוי גוט ביי אים ווי ביי די קעצלעך. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ענגע הויזן און

דאָס רעקל מיט צויטן ביי די ראַנדן און אויסגעריבענע עלנבויגנס, געבליבן אין באָד־הייזלער, און אַריין אין וואַסער. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואָגט זיך צו באָדן. דאָס וואַסער איז נישט דווקא געווען קאַלט, אָבער די לופט איז נאָך געווען קיל פון ביינאַכטיקן שטורעם און די זון האָט נאָך נישט באַוויזן דורכ־צוואַרעמען די נידעריע שיכט, וואָס שוועבט איבערן ים־פלאַך. די קעצלער האָבן זיך געזעצט אויף זיינע בגדים, כדי זיי צו שיצן קעגן בייזע כוונות פון שטיפערס, אָדער גנבים, און כדי עס זאָל זיך זיי בעסער זיצן, עס זאָל זיי זיין וואַרעמער. זיי האָבן אים נישט אַראָפּגעלאָזן פון זייערע גלאַנציק־אויסגעגלאָצטע אויגן.

אויך יעל און יואל האָבן אים נישט אַראָפּגעלאָזן פון זייערע אויגן. ער האָט זיי נישט באַמערקט, ווייל זיי זענען געשטאַנען אין אַ זייט. מאַטילדאַ האָט אַרויסגענומען אַ פּלעד, אים פונאַנדער־געשפּרייט נעבן געצעלט־איינגאַנג און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האַלב ליגנדיק, אָנגעשפּאַרט אין אַן עלנבויגן, אָדער אויף אַ זייט. דער דאָקטער האָט בעסער געוואָלט זיין פעלדפּאָטעל מיט אַן אָנלען פאַרן רוקן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים אויבערשטן פּלעדראַנד אין דער מיט, ווי איינער וואָס פירט אַ פּאַרזיץ, וואָס פירט טיש.

— ער איז אַ פּרא־אדם — האָט יואל אָנגעוויזן אויף זשאַנס קאָפּ און הענט, וואָס באַוועגן זיך ווילד און דערוווייטערן זיך וואָס אַ מאָל מער פון ברעג.

— ביי איר וועט ער שוין ווערן אויס פּרא־אדם — האָט באַמערקט פלעגמאַטיש מאַטילדאַ — זי וועט אים אַרויסקלאַפּן די פייגל פון קאָפּ.

— זי וועט אים איינשפּאַנען צום משק און ער וועט ביי איר גיין גראָד ווי אַן אַראַבישער אייזל מיטן אַקעראייזן — האָט געזאָגט יואל.

— אַן אייזל איז אָבער אויך אַן עקשן — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

— יאָ, אַן אייזל איז אויך אַן עקשן — האָט יעל מעבאַניש נאָכגעזאָגט, כדי צו ווייזן, אַז זי באַטייליקט זיך אויך אינעם שמועס.

— ביי איר וועט ער זיין אַ פערד, נישט קיין אייזל — האָט געזאָגט מאַטילדאַ.

דער דאָקטער האָט געעפנט זיין מויל כדי צו ענטפערן אויף זיין פרויס באַמערקונג אויף זיין בייסיק־חכמהדיקן שטייגער, ווי פלוצעם האָבן זיי דערהערט אַ רעש הינטער זיך, נאָענט פון זיי.

רעזשין איז געשטאַנען פאַר איר געצעלט און געלופטערט זשאַנס שלאָפזאַק, געקלאַפּט אין אים מיט אַ האַנטפלאַך, מיט אַ פויסט, האַלטנדיק אים אין דער לופטן מיט דער צווייטער האַנט. דערנאָך האָט זי אים אָוועקגעלייגט, אַנידערקניט, געקלאַפּט אין אים מיט ביידע הענט. אַ שטויב האָט זיך געהויבן פון אים, ווי פון אונטער גאַלאָפּירנדיקע קעמלפיס אין מדבר. שפּעטער האָט זי איבערגעדרייט דעם שלאָפזאַק מיט די אינגעווייד אַרויס. אַ שאַרפער ריח פון שווייס און ווי פון צוגעברענטע פעדערן, געמישט מיט פאַרדימפּעצט קלייען, האָט פאַרלאָפן זייערע נאָזלעכער. זי האָט זיך אומגעקוקט צי מען זעט זי נישט, צי פילן נישט פרעמדע מענטשן דעם אויסטערלישן גערוך, און דערזען נישט די חרפּה, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די אינגעווייד פון אַ שלאָפזאַק, וואָס זעט לכאורה אויס אָנשטענדיק. ווען מען עפנט אַן עוף, וואָס האָט אָקערשט געצאַפּלט און געצויבערט מיט זיין אויסזען, האָט זי געטראַכט — פאַרלויפט תיכף אויך אַ סרחהדיקער ריח פון די בעבעכעס... זי האָט קיינעם נישט געזען, ווייל איר געצעלט איז געווען אַריינגערוקט, די אַרויסשטייענדיקע וואַנט פון דאָקטערס געצעלט האָט פאַרשמעלערט דעם קוקווינקל און געשטערט צו זען וואָס עס טוט זיך פון דער רעכטער זייט.

זיי האָבן טיילווייז יאָ געזען, בפרט יעל און מאַטילדאַ, וואָס זענען געלעגן אויפן פּלעד, אַ האַלבער קערפּער אַראָפּצו אויפן לייכטן אָפּהאַנג פּונעם באָדן און דעם קאָפּ אונטערגעהויבן. זיי האָבן געוווּנקען צו די מענער, וואָס האָבן אין אָנפאַנג נישט אָריענטירט זיך אין וואָס עס גייט. ערשט דער מאָדנער ריח האָט זיי געצוווּנגען צו פאַרשטאָפּן די נאָזלעכער און אָנצונעמען די פּאָזיציע פון די פרויען.

זיי האָבן זיך איבערגעווונקען. איינגעהאַלטן דעם אָטעם, נישט אַריינצוציען דעם אומאָנגענעמען גערוך, און אויסגעדריקט שטומערהייט זייער שטוינען.

— נו, פרעג איך אייך — האָט בלחשדיק געפרעגט דער דאָקטער און ברמיזה — ווער איז דאָ דער אייזל און ווער איז דאָ דער פערד ?

— דו קומסט תמיד אַרויס מיט דיינע ממזרישע פראַגן, טעאָדאָר.

— ממזריש אָדער נישט ממזריש : ענטפערט מיר, איך בעט אייך.

— טאָקע, ווער איז דאָ דער פערד און ווער דער אייזל ? — האָט געפרעגט אין זעלבן טאָן יעל, וועמען דאָס בילד, וואָס האָט זיך דאָ געמאָלן פאַר אירע ביז איצט פאַרחלומטע אויגן, האָט פּלוצעם אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט.

— זאָגט אַליין, ליבער דאָקטער — האָט געבעטן יואל דירעקט דעם פרעגער גופא — זאָגט־זשע אַליין, ווער איז דאָ דער אייזל און ווער דער פערד, האַ ?

37

יעלן איז פלוצעם באַפאַלן אַ חשק צו לויפן צום וואַסער און אַריינוואַרפן זיך אין אים.

עס איז ביי איר נישט געווען קיין ספק, אַז די ידיעה פון ראַדיאָ, איבערגעגעבן דורכן דאָקטער־פּאַרל, איז נוגע זשאַקן און זיינע צוויי חברים. ער האָט זי געזוכט, אָנהייבנדיק פון יענער זייט כינרת, און געמאַכט דעם קרייז כמעט ביז אַהערצו. פון וואַנען האָט ער געוווּסט זי צו זוכן ביים כינרת־ברעג? ווייל עס האָט זי תמיד געצויגן אין דער געגנט, ווייל זיי האָבן דאָ פאַרבראַכט די שענסטע אָוונטן, נעכט און פאַרטאָגסן, במשך די לעצטע יאָרן, איבערגעזעטיקטע מיט ווילדע לײדנשאַפטן, ברוגזן, איבערבעטע־נישן, אַקראָבאַטישע ליבענישן, אויף דער יבשה און אין וואַסער. וויפיל מאָל האָט זי געוואָלט אונטערגיין, נישט מער אַרויסטויכן פון די טיפענישן, בלייבן דאָרטן אויף תמיד. אָבער יעדעס מאָל האָט זי געבראַכן דעם באַשלוס. זי איז אַרויס, צוריקגעשווומען אַ רעזיגנירטע צום ברעג, און ער האָט זי געוואַרעמט, צעהיצט, צעצאַפּלט, ווי איילטראַפּנס אין אַ צעגליטן בראַטפאַן. ״איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט נישט אָוועקשווימען פון מיר; און אויב זיך אומברענגען, איז צוזאַמען, אין אַ טויטלעכן ליבע־אַקט״ — האָט ער געזאָגט. און ער האָט אָפּט איבערגעחזרט. ״און אויב אַנטלויפן, איז אויך צוזאַמען. צוזאַמען!״... ער האָט די בילעטן אין טאַש, צו אַנטלויפן מיט אַ לופטמאַשין, מסתמא נאָך פראַנק־רייך און פון דאָרט קיין מאַראָקאָ. ווער ווייסט צי ער האָט נישט אַ בילעט אויך פאַר איר? ווער ווייסט צי די פּאָליציי האָט נישט געפונען ביי אים אַ בילעט אויסגעשטעלט אויך אויף איר נאָמען?... און זי וועט זיין פאַרמישט אין דער פּרשה... ער האָט זיכער געפּלאַנט צו קומען אין מיטן נאַכט, זי אָפּצוגעפינען מיט דער הילף פון זיינע צוויי חברים, איינצושלעפּערן מיט כלאָראָפאָרם אָדער פריטשמעלען יואַלן, און זי מיטנעמען, פאַרכאַפּן, איינגעבן

איר על־עס־דע פילן, אָדער איינשפּריצן הערֹאָאין, און אַזוי פירן זי קיין לוד, אַריינזעצן אין אַ דזשעט, און פליען, פליען מיט איר, אָן וועלכן עס איז פּרווו פון ווידערשטאַנד פון איר זייט... און אויב עס וואָלט נישט געלונגען זי צו פאַרכאַפּן לויטן פּלאַן, וואָלטן זיי זי געשלעפּט אין מיטן נאַכט צום וואַסער און זי אַריינגעשליידערט אַ געבונדענע... ״נאַ דיר, האָסט דאָך אַזוי אָפּט געוואָלט אונטערגיין, דערטרינקען זיך. האָסטו דיר און האָב קיין טענות נישט!״...

אַזוי האָט זי געטראַכט ליגנדיק אויפן פּלעד. זי האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט מעכאַניש, אָדער נאָכגעזאָגט עמעצנס ווערטער, כדי איר אויפפירן זיך זאָל נישט אַרויסרופן קיין חשד, אַז זי איז מיט אירע מחשבות אַנדערשוווּ. ווען רעזשין האָט גענומען אויסקלאַפּן דעם שלאָפזאַק, האָבן גענומען קלאַפּן אין אירע שלייפן זלדינע פראַגן: פון וואַנען האָט די פּאָליציי געוווּסט, אַז ער איז ביים כינרת, זשאַק? אַז מען דאַרף אים זוכן אָט דאָ? און ווער האָט געגעבן צו וויסן דער משטרה, אַז זשאַק איז אַ געפערלעכער מאַפּיע־מיטגליד? ווער האָט אים געמסרט און ווער האָט געשיקט אים זוכן ביים כינרת־ברעג? ווער, ווער? די שוטרים אונדזערע צייכענען זיך דאָך נישט דווקא תמיד אויס מיט אַ צו גרויסער איבעראייִלעניש אין אויסגעפינען די מאַפּיע־לייט, אין ברענען זייערע טריט!... דאָ האָט עמעץ געמוזט מסרן, געבן גענויע אינפאָרמאַציע, פירן זיי ביי דער האַנט. נישט אַנדערש... און צוזאַמען מיטן באַנייטן קלאַפּן, און דעם משונהדיקן געררוך פון שלאָפזאַק, איז אויסגעקלאַפּט געוואָרן דער ענטפער, נישט אַנדערש ווי דאָס האָט געטון, ווי דאָס האָט געטון, נישט אַנדערש, ווי, ווי — דער אבא. דער אבא האָט געוווּסט וועגן אַלעם און דאָס האָט ער געמסרט. ער האָט זי געוואָלט ראַטעווען פון זשאַקס נקמה... און דאָ האָט איר אייגענער אבא זי אַריינגעפּלאָנטערט אין דער אַפּערע... די צייטונגען וועלן שרייבן וועגן איר. רעפּאָר־

טערן וועלן קומען איר שטעלן פראגן. איר בילד וועט זיך באווייזן אין דער פרעסע נעבן בילד פון זשאקן; מ'וועט געפינען ביי אים דעם בילעט אויסגעשטעלט אויף איר נאמען... אַדיע פרייהייט, אַדיע קינדער־גאָרטן, אַדיע יואל, אַדיע חתונה אין ל״ג בעומר, אַדיע לעבן!

זי האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט, צוהאַלטנדיק זיך ביי דער נאָז, כלומרשט צוליבן געשטאַנק, און גענומען לויפן צום וואַסער. יואל האָט זי נישט געקאָנט אָניאָגן.

זשאַן איז גראָד אַרויס פון וואַסער. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט, ווי אַן אָפּגעצוואָגענער הונט, וואָס טרייסלט אַראָפּ פון זיין פעל די פייכטקייט, ביזן לעצטן טראָפּן. ער האָט באַמערקט ווי יעל לויפט אַראָפּצו אַנגעטון און מיט אַ ווילדן אימפעט, האָט ער צעעפנט ברייט זיינע אָרעמס, מיינענדיק אַז פון גרויס גאַלאָפּ און פון שאַרפן אָפּהאַנג נאָענט פון ברעג איז איר אוממעגלעך זיך איינצוהאַלטן — און איר פאַרשטעלט דעם וועג. זי איז מיט איר גאַנצן כוח געפאַלן אויף אים. ער האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און געפאַלן הינטערוויילעכץ אין וואַסער, האַלטנדיק זי פעסט. זי האָט זיך געריסן פון זיינע אָרעמס. זי האָט אים געקלאַפּט מיט אירע פויסטן אין זייער אַן עמפּינדלעך אָרט, אָבער ער האָט נישט נאָכגעלאָזן. ער האָט געזען אָנקומען יואלן; האָט ער געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס גאָר אַ רעזולטאַט פון אַ קריגעריי צווישן אַ יונגן פּאָרל, אַ פאַריאושטער שריט צוליב קנאה, צוליב אַ ליבע־אַנטוישונג.

יואל איז געקומען צו הילף. ער איז אַריין אין וואַסער, גענומען זי שלעפּן ביי די הענט. עס זענען געקומען אַנדערע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, און געהאָלפן זשאַנען אַרויס־גיין. וואַסער איז אַריין אין זיין מויל און זיינע נאָזלעכער; ער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך.

קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז דאָ אייגנטלעך פאָרגעקומען. פרעמדע האָבן עס אויסגעטייטש ווי אַ באַנאַלע סצענע פון אַ דרייעק־ליבע צווישן די צוויי מענער און דער יונגער פרוי און אַ נישט געלונגענער זעלבסמאָרד־פּרוּוו. זשאַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיין פריער־אַרויסגערוקטער השערה. און יואלן האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז דאָס האָבן דער אויסטערלישער געשטאַנק און דער שטויב פונעם איבערגעדרייטן שלאָפזאַק זי אונטערגעהויבן פון אָרט און געמאַכט לויפן צום וואַסער, זיך אָפּצורייניקן, באַפרייען זיך פון אים, און זשאַן, וואָס איז גראָד אַרויס פון וואַסער, האָט מעשה קונדס געוואָלט זי פאַרהאַלטן, און דער כוח פון באַרגאַראָפיקן אימפּעט האָט זיי ביידן אַריינגע־שליידערט אַרומגעאָרעמטע.

זי איז געלעגן און געאָטעמט שווער. דער ברוסטקאַסטן האָט זיך ביי איר באַוועגן מיט דער גיכקייט פון אַ דעקל פון אַ צעזאָטענעם דאַמף־קעסל. יואל איז געזעסן נעבן איר און געקוקט אירע נאַסע און צעציטערטע באַקן. עמעץ האָט געבראַכט אַ האַנטעך. אַ פרוי האָט פאַרגעשלאָגן איר טרוקענעם באַדראָק. אירע בגדים זענען נאַס, טריפן מיט גרויסע טראָפּנס; זי קאָן זיך לייכט צוקילן, די לופט איז נישט גענוג וואַרעם. עטלעכע פרויען האָבן זיך אַרומגעשטעלט, אַז קיינער זאָל נישט זען, און איינע צוזאַמען מיט יואלן האָבן אַראָפּגעצויגן פון איר די הויזן און דעם פולאָווער, וואָס האָבן געקלעפּט צו איר לייב, און אַרויפגע־צויגן אויף איר דעם באַדראָק. זי האָט געלאָזט טאָן, נישט באַוועגן זיך, ווי זי וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט קאַלטן צינק, וואָס האָט געמאַכט שטאַר אירע אויגן און שטייף אירע געלענקען.

זשאַן איז גיך געקומען צו זיך. ער האָט גענומען לויפן, אונטערשפרינגען, און פון צייט צו צייט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל, כדי אויסצוברעכן דאָס וואַסער, וואָס איז אַריין

אין אים. די קעצלער זענען נאָכגעלאָפן און געבעטן ער זאָל זיי נעמען. ער האָט זיי אונטערגעהויבן, צוגעדריקט צו זיך. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע בגדים. אַ שפּאַן איבער זיי איז געלעגן יעל. אירע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, ווי צום שלאָף. אירע ליפּן האָבן געציטערט, ווי ביי איינעם וואָס וויל עפּעס זאָגן, און באַווייזט נישט. יואל האָט צוגעלייגט זיין אויער צו איר מויל און אויפגעכאַפּט נישט מער ווי אָפּגעריסענע ברעקלער פון זילבן.

— מ׳דאַרף איר מאַכן אַ מאַסאַזש — האָט זשאַן געזאָגט אַוועקלייגנדיק די קעצלער — איך האָב געמאַכט דריי יאָר מעדי־צין, איך ווייס ווי מ׳מאַכט עס. איך בין געווען אויך אַ מאַסאַזשיסט אין צה״ל.

ער האָט אָנגעהויבן פון די פיס און געאַרבעט געניט ווי איינער, וואָס איז אויף אַן אמת אויסגעשולט אויף דעם געביט. ער איז אַריבער צו די שענקלען און מאַסירט דיסקרעט, מיט די הענט אונטער דעם באַדראָק. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע פאַרגליווערטע באַקן און די ליפּן האָבן אויפגעהערט ציטערן, זיי האָבן זיך צעעפנט און געוויזן צוויי רייען בלאַנקנדיקע ציין, וואָס באַמיען זיך מיטצולאַכן. יואל האָט אָפּגעוואָנדן זיין קאָפּ, כדי נישט צו שטערן זשאַנען אָנצוגיין מיט זיינע פאַכמענישע פעיִקייטן.

ווען ער האָט געהאַלטן אין דער געגנט פון נאָפּל, איז זי אויפגעשפּרונגען, אויפגעזעצט זיך, אָנגעכאַפּט די הענט וואָס מאַסירן און אויסגערופן: — גענוג, גענוג, איך פיל זיך שוין בעסער!

— נישט גענוג — האָט זשאַן אויסגערופן אַ צופרידענער פון זיין דערפאָלג — דרייט זיך אַריבער. מען דאַרף דערוואַרעמען די הינטערזייט.

יואל, זשאַן און די פרוי, וואָס צו איר געהערט דער באַדראָק, האָבן געהאָלפן איר זיך איבערדרייען, אָפּצודעקן דעם רוקן, לייגן זיך אויפן בויך. זשאַן האָט מאַסירט דאָס דיקע געזעס־פלייש, די

לענדן, די פלייצע, ביז די הויט האָט גענומען בריען אונטער זיינע האַנטפלאַכן.

— זשע ווי די מערסי פור ל׳עקסעלאַן מאַסאַזש, אַ דאַנק פאַרן אויסגעצייכנטן מאַסאַזש — האָט זי אָפּגעהויבן דעם קאָפּ און אַריינגערעדט אין זאַמד — מע פאַ פור מ׳אַוואַר סאַווע, אָבער נישט פאַר האָבן מיך געראַטעוועט.

זשאַן האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, גענומען די קעצלעך און אַרויף צום געצעלט.

38

דער דאָקטער האָט אַ שלעכטע ראיה, נאָך פון די לאַגערן, און האָט נישט געזען וואָס עס געשעט מיט יעלן ביים וואַסער. ער האָט געהאַלטן זיין אויער ביים טראַנסיסטאָר, כדי צו הערן וויטערדיקע נייעס וועגן די אַרעסטירטע מאַפיעלייט אין שכנות־דיקן מעגן, און געווען פאַראינטערעסירט מיט די טוונגען פון רעזשים. זי האָט אַרויסגעבראַכט אַ שיסל מיט וואַסער, זייף און אַ רייזבערשט, וואָס האָט געדינט צו רייניקן דעם געצעלט־געוואַנט פון קויט, און גענומען וואַשן, זייפן און רייבן דעם שלאָפזאַק. זי האָט געביטן עטלעכע מאָל דאָס וואַסער, געריבן פון דרינען און פון דרויסן, און לסוף אַוועקגעלייגט אים אויף אַ באַזונטן גראָז־שטח נעבן געצעלט צום טריקענען.

ווען זשאַן איז געקומען און דערציילט, איז דער דאָקטער אַריין אין געצעלט, גענומען זיין טערמאָס מיט טיי, אָנגענומען זיין פרוי אונטערן אָרעם און מיט גיכע און דעצידירטע טריט געגאַנגען באַגעגענען די אָפּגעראַטעוועטע גננת. יואל האָט זי געפירט און געהאָלפן גיין באַרג אַרויפצו. זי האָט געטראָגן זיינע הויזן און זיין פולאָווער. ער איז געבליבן אין זיינע הינטערהייזלעך.

מאַטילדאַ, וואָס איז געגאַנגען גיכער פון איר מאַן טראָץ איר איבערוואָג און שווערע פיס, איז די ערשטע געקומען אויף זייער הייך. זי האָט זי אָנגענומען ביים צווייטן אָרעם.

— עס איז מיר גאָרנישט, גאָרנישט — האָט זי געזאָגט באַמיענדיק זיך צו הייבן איר שטים — נישט געדאַרפט מטריח זיין דעם דאָקטער. איך פיל זיך שוין גוט.

— נישטאָ ווי אַ טרונק הייסע, שטאַרקע און גוט־געצוקערטע טיי אין אַזעלכע פאַלן — האָט ער געזאָגט, אַראָפּגעשרויפט דעם טערמאָס־דעקל, וואָס האָט די פאָרעם פון אַ טיפן בעכער, אָנגעפולט אים ביז אַ העלפט, און צוגעשטעלט צו אירע ליפּן.

זי האָט אויסגעטרונקען מיט איין לאַנגן שלוק, ווי אַ פאַר־ברענטער פון דורשט מידבר־וואַנדערער.

ניסים און מרים זענען גראָד צוריקגעקומען פון זייער פאַר־מיטאָג־שפּאַציר. מזל אין געזעסן ביי איר טאַטן אויף די אַקסלען מיט די פיסעלעך אַראָפּגעהאָנגען פון פאָרנט. זיצנדיק הויך האָט זי די ערשטע באַמערקט מיט אירע נייגעריק־שפּיציקע אייגעלעך יעלן מיט אירע באַגלייטער.

— גננת, אבא, גננת, תסתכל!

צוהאַלטנדיק דאָס קינד ביי די פיסלעך איז ער איר אַקעגנ־געלאָפן.

— מה קרה? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פחד אויף די ליפּן.

— כלום לא קרה, אָט גאָרנישט, הכל בסדר.

יואל האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן דעם איבערגענומענעם שכן: — זי האָט זיך אויסגעגליטשט ביים אַריינגיין אין וואַסער און זיך שיער נישט דערטרונקען.

— ברוך השם! האָט ער אויסגערופן, אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף זיין קאָפּ, אַנשטאָט אַ קאַפּל, און די צווייטע אויף יעלס

קאָפּ, און צוגעגעבן תפילהדיק — השם ישמרנו מכל צרה ומכל פּגע רע.

מרים האָט פאַרגעשלאָגן איר געצעלט און איר בעט, וואָס זענען אַ סך מער רחבותדיק און באַקוועמער. די קינדער זענען דאָך אין דרויסן אַ גאַנצן טאָג. און ביי נאַכט, וועט ניסים זיך אויסבעטן אויפן דיל.

— און איך וועל שלאָפן מיט דער גננת — האָט געזאָגט מזל מיט אַ בעטנדיק־וויינענדיק שטימעלע.

— לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט — האָט דער דאָקטער באַפוילן שטרענג — לאָמיר אַריינגיין אין געצעלט און זי אונטער־זוכן. מ׳דאַרף זען ווי איר האַרץ רעאַגירט אויף דעם אַלעם.

יעל האָט געדאַנקט די גוטע שכנים און אַריין צו זיך. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט. דער דאָקטער האָט צוגעלייגט זיין אויער צו איר האַרץ, דורכן פולאָווער. דערנאָך האָט ער געהייסן יואלן אַרויסגיין און אָפּגעדעקט אירע בריסט. זיין אויער האָט געוואַנדערט פון איין ברוסט צו דער צווייטער און צווישן זיי, געביטן דאָס אויער, איינהערנדיק זיך צום געקלאַפּ פון איר האַרץ.

— נישטאָ ווי אַ דירעקטע אונטערזוכונג מיטן פנים אויפן האַרץ — האָט ער געזאָגט אויסגראַדנדיק זיך — די הער־טרייבלער און די מאָדערנע אַפּאַראַטן גיבן איבער נישט מער ווי אַ טיילווייזן רעזולטאַט, בלויז דעם קלאַנג און דעם ריטעם... גאָרנישט איז אַזוי געטריי ווי דער דירעקטער קאָנטאַקט. מ׳מעסט אַזוינאָך אויך די וואַרעמקייט, דעם לעבעדיקן צאַפּל, דעם נשמה־ציטער פונעם האַרץ גופא...

ער האָט אויפגעשאָקלט דעם טערמאָס, אָנגעפולט דעם דעקל־בעכער ביז אַרויף, אונטערגעהויבן איר קאָפּ און צוגעשטעלט צום מויל. זי האָט זיך אויפגעזעצט, כדי עס זאָל איר לייכטער אָנקומען דאָס טרינקען. ווען זי האָט אויסגעליידיקט דעם בעכער, האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, זיך דערנענטערט צו איר

אויער און איר איבערגעגעבן ווי אַ פּאַרטרווילעכע ידיעה דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון די חדשות וועגן די פאַרהאַלטענע אינעם קיבוץ נישט ווייט פון דאָ.

— דעם אַנפירער פון דער חברה רופט מען זשאַק, דער מאַראָקאַנער. די צוויי אַנדערע זענען בלויז אַרויסהעלפערס. אין זיין רויטן מערצעדעס האָט מען געפונען מכשירים אופצורייסן טירן און קאַסעס, שפּרינג־מעסערס, געגזלע סחורה, אַ געלאַדענעם רעוואָלווער מיט אַ פאַרשטום־מעכאַניזם.

יעל האָט זיך צוריקגעלייגט. זי האָט גענומען זיך טרייסלען מיט אַלע אירע גלידער, ווי איינער וואָס האָט הויכע היץ. דער דאָקטער האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אַז דאָס איז נאָך תמיד אַ רעאַקציע פון וואַסער. ער האָט איר דערלאַנגט אַ בעכער מיט טיי. זי האָט אים צוגעשטעלט צו די ליפּן און געטרונקען צו ביסלעך. זי האָט אָפּגעזיפצט טיף און צוריקגעגעבן דעם בעכער. זי האָט אים געגעבן אַ סימן, אַז ער זאָל רעדן שטיל.

— די פּאָליציי האָט אים שוין פון לאַנג געהאַט אויפן אויג. זי האָט אים נאָכשפּיאָנירט. זי איז אים נאָכגעפאָרן צום כינרת. געוואָלט זען מיט וועמען ער קומט דאָ אין קאָנטאַקט. ביז זיי האָבן באַשלאָסן אים צו פאַרהאַלטן, איידער עס קומען די צוויי קרייצ־וועגן, קיין בית־שאן און עפולה דורך פוריה, ווו עס וואָלט געווען לייכט פאַרן מערצעדעס אויסצומיידן די וואַכזאַמקייט פון דעם פּאָליציי־אויטאָ.

— וואָס נאָך? — האָט זי געפרעגט.

— מ׳דאַרף וואַרטן אויף ווייטערדיקע ראַדיאָ־נייעס, אָדער אויף אַ צייטונג. ליידער ווערן די צייטונגען אויסגעכאַפּט איידער זיי קומען אַהערצו.

זשאַן איז געקומען זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך. ער האָט געבראַכט אַ גרוס און ברכות פון רעזשין און די גולניס. זיי

זענען שוין צוריקגעקומען פון חמי טבריה. עמינדב פילט זיך שוין בעסער. זיי פאָרן מאָרגן צוריק. אויב זי וויל, וועלן זיי זי מיטנעמען מאָרגן. זי וועט דאָרטן באַקומען אַן אונטערוואַסער מאַסאַזש אין הייסן קוואַלוואַסער, וועט ער זי אויסהיילן פון אירע נערוון, פון אירע דעפּרעסיווע רעאַקציעס. ער האַלט שטאַרק פון דער נאַטור, פון איר היילקראַפט, און פון די נאַטירלעכע מיטלען, וואָס ווערן באַנוצט אין די וואַרעמבעדער. ער אַליין האָט געאַרבעט אַ גאַנצן סעזאָן אין חמי טבריה, און זיך איבערצייגט אויף זיין אייגענעם גוף און נפש ווי גוט עס ווירקט. תמיד, ווען ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען, נידערגעשלאָגן, און אונטערן איינדרוק פון געשעענישן, וואָס אַנטוויקלען זיך אַנדערש ווי דער מענטשלעכער שכל און די פּראָגנאָזן זענען ביכולת זיי אויפצונעמען — חלומט ער וועגן קוראָרט מיט זיינע געזונטע־ריקע אייגנשאַפטן.

זשאַן האָט אויך געבראַכט אַ פאַרבעטונג פון די גולנים. זיי האָבן איינגעשאַפּט נייעם כיבוד פון טבריה און אַ פלאַש וויסקי, פרישע פירות.

— שלום, להתראות אָרום פינף אַ זייגער; דער נאָכמיטאָג איז גיכער אַ קילער, שלום וברכה!

— שלום, תודה לגולנים. להתראות בחמש — האָט יעל אָנגענומען די הזמנה.

— תודה — האָט יואל געדאַנקט — להפגש בחמש.

— און מיר וועלן אויך זיין — האָט געזאָגט דער דאָקטער, אויך אין נאָמען פון זיין פרוי.

— עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, איר זייט דאָך שכנים — האָט זשאַן מסכים געווען ווי ער וואָלט עס געווען דער מכניס אורחים.

39

— שלום — האָט יעל באַגריסט די אַנוועזנדיקע אויף דער שוועל פון געצעלט און צוגעגעבן אַ באַדינג — איך בעט אייך נישט רעדן וועגן מיר. די געשיכטע מיטן וואַסער געהערט צום עבר. איך בין לגמרי געזונט. לאָמיר רעדן וועגן בעל־הבית און זיינע פאַנטאַם־שמערצן.

— וואַרט אַ רגע! — האָט געזאָגט דער דאָקטער — מ׳דאַרף וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין אַלערגיע, איבערשפּירעוודיקייט, צו שטויב, צו ריחות, וואָס ווירקט טיילמאָל קרענקלער, קאָן אפילו טרייבן צו פאַרצווייפלטע שריט. איך האָב עס פעסטגעשטעלט אין די לאַגערן.

— אויב עס רעדט זיך וועגן סיבות, וואָס קאָנען געבוירן אַ פּלוצעמדיקן רעאַקציאָנעלן דראַנג צו פאַרצווייפלטע אַקטן, און חלילה אַראָפּפירן פון וועג, דאַרף מען זיי נישט זוכן דווקא אין די לאַגערן און געטאָס. אויך דאָס אַזוי גערופענע טאָגטעגלעכע לעבן איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אַזעלכע צושטאַנדן. מיין לעבן איז אַ לאַנגע קייט פון דערפאַרונגען אויף דעם געביט. עס איז די פראַגע ווי מען פאַרפאַנצערט זיך קעגן די אַנגרייפנדיקע אַנשיקענישן, ווי מען אימוניזירט זיך קעגן די גייסטיקע מיקראָבן, פּאַראַזיטן און זייערע טאָקסינען, וואָס צעשטערן אונדזער גלייכגעוויכט, אונדזער איינגעבוירענעם ווידערשטאַנד... מיין דערפאַרונג הייבט זיך אָן גאָר יונג, קוים זעקס יאָר אַלט געווען. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די הויך־סאַוואָיער בערג, ביי אַ גלח. וואָס איז פאַראַן, פאַר דער מענטאַליטעט פון אַ קינד, און פאַר אַ יונגער מאַמען, וואָס לעבט אין טויטשרעק פאַרן קינד און פאַר זיך — וואָס איז פאַראַן נאָך מענטשלעכער, נאָך ערלעכער, נאָך גערעכטער ווי אַ דאָרפישער גלח, וואָס לעבט אויף דער שויס פון דער נאַטור, אין די הויכע בערג, נאָענט צו די הימלען, האַ? אַנשטאָט פאָטערלעכקייט, זיכערקייט, נאָבלקייט און שלווה, האָבן

מיר זיך באַגעגנט מיטן פונקט קאַפּויערדיקן... דער גלח מיטן רויטן פּנים ווי אַ רייפער טאָמאַט, מיט די אַנגרייפערישע אויגן און שפּיצנאָז, האָט פאַרוואַנדלט אונדזער אויסבאַהאַלטן זיך פון איבער אַ יאָר אין אַ גיהנום... ער האָט פאַרלאַנגט די מאַמע זאָל אַריבערגיין צו זיין אמונה און אים דינען פּאַר אַ פרוי צו ליבע, ווי עס האָט געטון די זינדיקע מאַריאַ מאַגדאַלענאַ פון דער עוואַנגעליע... ער האָט געדראָט מיט איבערגעבן אונדז צו די דייטשן, צו לאָזן אונדז צעבייסן דורך זיין ווילדן הונט; מיין אמא האָט די גאַנצע צייט געהאַט טיפע רייס־סימנים אויף איר בויך און איך האָב נאָך צייכנס פון ציין איבער די קנאָפל...

— עס איז פיינלער — האָט אים איבערגעריסן מאַטילדאַ — אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן דאָס שוין געהערט פון אייך, זשאַן, זייט מוחל.

— גאַנץ מעגלעך, עס רעדט אַרויס אַליין פון זיך; די ווונד איז אַ טיפע... איך גלייב, אַז די וועלט נישט נאָר וויל זי פאַרגעסן די אויסטערלישקייטן פון דער נאַצי־עפּאָכע, נאָר וויל בכלל נישט וויסן, איז נישט נייגעריק. פאַראַן אויך יידן, וואָס האָבן ליידער די זעלבע דעפּעטיסטישע מענטאַליטעט... נאָר געַנוג אויף דערווייל... לאָמיר זיך אומקערן צו דעם, וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט, וועגן פאַרפאַנצערן זיך. איז געווען אַ פּאַסטעך אינעם באַרג־דאָרף, אַנטואַן האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ טייל פון דער נאַטור. אַחוץ די קי, די שעפסן, און דאָס פערד פון גלח, איז אים גאַרנישט אַנגעגאַנגען. און אַ געהער האָט ער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכס. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַ פאַרבאַרגענער טאַלאַנט צו שפּילן? צו שפּילן אויף אַ פלייטל, וואָס ער האָט אַליין אויס־געשניצט; פּשוט אַ מתנה פון גאָט. און אַזאַ גוטסקייט? אים האָט גיכער געפּאַסט צו זיין אַ גלח, ווי דעם מיטן טאָמאַטן־פּנים! אַזוי ווי קיין אָרגל איז נישט געווען אינעם דאָרפישן קירכעלע, האָט אַנטואַן צוגעשפּילט אויף זיין פלייטל בעת די תפילות. דער עולם

גלייביקע איז גיכער געקומען הערן זיין מתיקותדיקע מוזיק ווי די הייזעריקע שטים פונעם פּרעדיקער... האָב איך געזוכט אַנטרינונג ביי אַנטואַנען, ביי זיינע פּי, ביי זיין מוזיק. ער האָט מיר דערלויבט צו בלאָזן אין זיין פלייטל און מיך געלערנט צו אַרבעטן מיט די פינגער ווי קלאַפּעס איבער די לעכלעך... מיט זיין פּרימיטיווו האַרץ האָט ער אויסגעפּילט אונדזער פּיין. דאָס האָט ער געבראַכט שפּירט, ניינציקער, און וואָטע צו רייניקן דער מאַמעס וווּנדן, און אויך מיינע... דאָס האָט ער געפּרוּווט פאַרמילדערן די שנאה־געפילן פון הונט צו אונדז; ער האָט געבראַכט שטיקלעך שפּעק, ביינער, און געגעבן דער אמא און מיר, כדי מיר זאָלן וואַרפן פאַרן הונט, צי געווינען זיין גענאַד; און דווקא מיט דערפאָלג... און ווען דער גלח האָט מיך אָנומלט צעשלאָגן, געלאָזן בלאָע סימנים אויפן גאַנצן לייב, ווייל איך פאַרברענג ביים פּאַסטעך אין פעלד, האָט ער אים אָפּגעצאָלט מיט אויסהאַקן אַלע שויבן אין זיין הייזקע. דער גלח האָט עס פאַרשטאַנען ווי אַ שטראָף פון אַ פאַנאַטישן קירכע־גייער דערפאַר, וואָס ער האַלט ביי זיך אַ יידיש־קע; ווייל אין דער געגנט האָט מען גענומען רעדן דערוועגן... בין איך געגאַנגען צו אַנטואַנען אין די שפּעטע אָוונטן, צו אים, אין זיין פּרימיטיווער הייזקע צווישן פעלדער, און דאָרטן צוגעהערט זיך צו זיין שפּילן, וואָס האָט פאַרשיכּורט, איינגעשלעפערט... ער האָט מיך אָפּט גענומען אַ שלאָפנדיקן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און מיך אין מיטן נאַכט צוריקגעטראָגן, מיט אַ הינטער־וועג, און באַרוועס, אַז דער גלח זאָל זיך נישט אויפכאַפּן... און ווען דער גלח פלעגט אָוועקגיין אין די פאַרוואָרפענע בערג־הייזקעס, כדי מ'זאָל זיך מתוודה זיין פאַר אים, אָדער צוליב אַ ווידוי פון אַ שווער־קראַנקען, פלעגט אַנטואַן קומען צו אונדז און שפּילן פאַר דער אמא, פאַר מיר... די אמא האָט געמאַכט צוויי יאָר קאָנסערוואַטאָריע אין נירענבערג און ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט מוזיק. זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן די סטודיעס צוליב

די היטלעריסטן, אויך נישט אין פּאַריז. אויך איך האָב נישט געמאַכט מער ווי צוויי יאָר קאָנסערוואַטאָריע, אין פּאַריז, ווייל איך בין אַוועק פּאַרטיידיקן ישראל בעת דער סיני־מלחמה: נישט ממשיך געווען מער די סטודיעס...

רעזשין איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פּאַר דער פּאַרשפּעטיקונג. עס איז גראָד געווען די צייט פון געבן עסן די קעצלעך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. זשאַן האָט ממשיך געווען.

— אגב, מיין ליבע צו מוזיק, וואָס איז איינע פון די רפואות צו די ווונדן פון דער צייט, ביי איינעם מער, ביי אַ צווייטן ווייניקער, נעמט זיך ביי מיר פון אַנטואַנען. זיכער, פאַראַן דערביי אויך ירושהדיקע מוזיק־גענען, וואָס איך האָב איבערגענומען מיט דער מאַמעס בלוט און מילך; אָבער, ווען נישט אַנטואַן, דער בראַווער און מלאכדיקער פּאַסטעך, וואָלט זיכער די דאָזיקע ליבע געבליבן פּאַרבאָרגן... און אַ דאַנק אַנטואַנען, מיינע ליבע פריינט, בין איך איצטער פּאַר אייך, זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן. דאָס האָט ער געבראַכט דעם גוטן דאָקטער פּיער פון עוויאַן. ער האָט נישט גערופן דעם דאָקטער פון שכנותדיקן דאָרף, מיט וועלכן דער גלח האָט געשיכורט און געגאַנגען אויף יאַגד, נאָר דעם דאָקטער, וואָס האָט געשמט נישט נאָר מיט זיין מעדיצינישע קענטעניש, נאָר אויך מיט זיין מענטשלעכקייט, זיין שנאה צו די דייטשן, און איז אָנגעגאַנגען ווי דער געהיימער דאָקטער פון די ווידערשטענדלער אין די בערג און וועלדער... זיין געזונטער אינסטינקט האָט באַפוילן אַנטואַנען אַזוי צו טאָן און נישט אַנדערש.

ער האָט אָפּגעאָטעמט. געזען דעם אינטערעס פון די אַרומזיצנדיקע און דעם געמיש פון צער, געשפּאַנטקייט. און מידקייט פון דער אַזוי לאַנגער געשיכטע, האָט ער געבעטן סליחה, און רעזומירט: — און אויב אין דעם אָקופּירטן פראַנקרייך איז נישט געווען מער ווי איין אַנטואַן, דער פּאַסטעך, און איין פּיער, דער דאָקטער, זענען זיי מכפר אויף אַלע אַנדערע, וואָס דערגרייכן

נישט צו זייערע קנאַפּל. אין זייער זכות איז פאַרבאָטן זיך מייאש צו זיין לגבי די וואַלאַרן פון פראַנצייזישן פאָלק און זיינע טיף־מענטשלעכע טראַדיציעס... נו, אַנדערש איז עס וואָס שייך דער רעגירונג, בפרט זייט דע־גאָלס בגידה לגבי דער יידישער מדינה, און דער נאַפּט־מאָראַל פון די היינטיקע הערשער...

— נו, דאָס איז פּאָליטיק, וואָס דאַרף מ׳כלומרשט כשרן דעם שרץ — האָט געזאָגט יואל און פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

— דאָס איז פּאָליטיק און מאָראַל, וואָס היינטיקע פּאָליטישע יעזוּיִטן טיילן פונאַנדער; פּאָליטיק באַזונדער און מאָראַל באַזונדער, פּונקט ווי מ׳וואָלט געקאָנט אָפּטיילן דעם מענטש פון זיין האַרץ; דער קערפּער באַזונדער און דאָס האַרץ באַזונדער. טויט אָפּ ביים מענטש דאָס האַרץ, זיינע געפילן פאַר מאָראַל און יושר, פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ פּוסטער כלי, אין אַ בינטל ביינער מיט סרחהדיקע אינגעווייידן — האָט זשאַן אויסגעבעסערט.

— אין אורשפּרונג איז אַ קאַץ אַ טיגער — האָט רעזשין אונטערגעהאַלטן מיט אַ משל זשאַנס אויספירן — אָבער ביים איבערדערציען זי, ביים פאַרהיימישן זי אין אַ סביבה, ווו עס איז נישט פאַראַן קיין שנאה, קיין לויערנדיקע סכנות, נאָר ליבע, און גערעכטע באַציִונג — וואָס אין דער קעצישער מענטאַליטעט מיינט עס זיכער מאָראַל — וועט זי אפילו נישט אָנגרייפן אַ מויז, ווי עס איז דער פאַל מיט די סיאַם־קעץ; אָבער נעמט אַוועק די דאָזיקע מאָראַל־באַדינגונגען, ווערט די קאַץ ווידער אַ טיגער.

— דאָס אָפּטיילן פּאָליטיק פון מאָראַל האָט תמיד געפירט צו מלחמות, און האָט געבוירן די ערד־ציטערנישן, וואָס רופן זיך נאַציזם, סאָוויעט־קאָמוניזם, פאַשיזם, ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם, אַנטי־ציוניזם, רעליגיעזער פאַנאַטיזם, פּאַן־אַראַביזם; דאָס האָט געפירט צו שייטערהויפנס צו קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צו קרע־מאַטאָריעס, צו דער אַטאָמישער באָמבע, צו גולאַגס, צו דער

פֿאַרשקלאַפֿונג צו מידבר־שייכן, וואָס זייער איינציקער כּוח און חשיבֿות ווערן געמאָסטן מיט נאַפֿט־פֿעסלעך און פּעטראָ־דאָלאַרן...

זשאַן האָט איבערגעריסן. ער האָט געזען, אַז ער איז פֿאַרגאַנגען אין צו הויכע טענער.

דבֿורה און דער דאָקטער האָבן גענומען גרייטן כּיבוד.

40

נאָכן כּיבוד האָט עמינדבֿ זיך דערמאָנט יעלס בקשה. ער פֿילט זיך שוין בעסער, מאָרגן פֿאַר מיטאָג פֿאָרט ער ווידער. און באַלד נאָך יום־טובֿ וועט ער אונטערנעמען אַ נאָרמאַלע קור פֿון אַ צען־צוועלף טעג.

— די קור פֿון איין זייט און באַמיִונגען צו אַדאָפּטירן אַ קינד פֿון דער צווייטער, און טאַקע אַדאָפּטירן ממש, וועלן בלי ספֿק אויסהיילן אים דעפֿיניטיוו — האָט דבֿורה געזאָגט מיט אַ זיכערער שטים.

— צי האָט איר אַ קינד אויפֿן אויג? — האָט געפֿרעגט יעל אַ נייגעריקע.

דבֿורה האָט זיך אַוועקגעזעצט געדיכט נעבן יעלן און פֿאַרטרוילעך געבעטן: — אָבער מיר וועלן זיך נייטיקן אין אייער הילף... איר זייט דאָך אַזוי אינטים געבונדן מיט אייערע געצעלט־שכנים. זיי האָבן שוין פֿינף קינדער, און אַ זעקסטעס איז אין וועג... און די מוטער זעט אויס אַזוי חלושדיק; צופֿיל פּרנסה האָבן זיי, דוכט זיך, אויך נישט. נו, זענען מיר גרייט, ווען דאָס קינד וועט קומען אויף דער וועלט... העלפֿט אונדז אַרויס. דעם קינד וועט גאָרנישט פֿעלן.

— זייט מיר מוחל, עס איז נישט מער ווי אַ חלום פֿון אייער זייט.

— דאָס האָט דבורה זיך אַריינגענומען אין קאָפּ — האָט עמינדב פּראָטעסטירט — אויב יאָ אַדאָפּטירן, איז יעדנפאַלס נישט...

— עס פּאַסט אים נישט דער זיווג! — האָט דבורה אויסגעשריען ביסיק — אַ קינד פון די עדות המזרח; אַ תירוץ אַזאַ, עס שטייט אים נישט אָן דער יחוס.

— זיי נישט אַזוי ברוטאַל, דבורה, איך בעט דיך.

— מיר האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן ווי ברידער מיט די מזרח־עדות אין ירושלים. אַ דאַנק דעם איינגעהאַלטן דאָס יידישע פּנים פון דער הייליקער שטאָט, די פּערמאַנענץ פון יידישן יישוב און די געשיכטלעך־רעכטלעכע חזקה צו אים; און עמינדב גולני־גילינסקין איז דערווידער אַ מאַראָקאַנער יידיש קינד.

— איך וויל דיר נישט אָקעגנרעדן, דבורה, מיין טייערע, אָבער פאַר וואָס גייסט דו אַריבער די מאָס, נעמסט עס אַזוי טראַגיש, אין דער צייט ווען איך האָב קוים געגעבן אַנצוגעהערן פּאַרזיכטיק און מיט די שפּיץ־ליפּן.

— רבותי — האָט יעל געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו נעמען אַ וואָרט — איר מאַכט אַ חשבון אָן בעל־הבית. די ניסימס וועלן בשום אופן נישט אַוועקגעבן אַ קינד. מעגן קומען מענטשן מיט גאָלדענע קעפּ און מיט פליגל פון מלאכים. זיי וועלן האָבן אַזוי פיל קינדער ווי פיל זיי וועלן קאָנען, ווי פיל גאָט וועט געבן; כאָטש אַזוי פיל ווי יעקב אבינו... אומנייטיק בכן צו שאַפן זיך קעגנזייטיק בייז בלוט.

זי האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זי קאָן זיי העלפן אויף אַן אַנדערן אופן. אינעם קינדער־גאָרטן, וווּ זי איז גננת, איז פאַראַן אַ מיידעלע פון פיר יאָר. אַ קינד, א מלאכל אויף דער ערד. אודיה הייסט זי. די מוטער האָט נישט געקאָנט קיין מאָל אויסטראָגן. און, ווען אַ דאַנק דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, און וווּנדער־מומחים אין אויסלאַנד, איז לסוף געקומען אַ קינד, האָבן זיי געדאַנקט דערפאַר דעם

באַשעפער; פון דאַנען אודיה... זיי האָבן זיך אָבער נישט לאַנג געפרייט מיט דער מתנה. אין אַן אויסטערלישן אויטאָ־אומגליק זענען, ליידער, סיי דער פאָטער און סיי די מוטער אומגעקומען. זיי זענען געווען לאַגער־מענטשן. קיינער איז נישט געבליבן ביים לעבן אַחוץ אַן אַלטע, צוזאַמענגעבראָכענע, צעקרומטע און טויבע סבתא. איר דאַרפט זען די סבתא, אַ רחמנות צו קוקן אויף איר. אַ רחמנות, אַז אַזאַ מלאכל זאָל איינשטיין ביי אַזאַ קראַנקער און אַלטער. עס איז אַ צער בעלי־חיים; ווי קאָן אַזאַ קינד וואַקסן נאָרמאַל אין אַזעלכע באַדינגונגען? זי, יעל, האָט אָפט געטראַכט ווי אַזוי געפינט מען די ריכטיקע לייזונג.

— און אָט — האָט זי ממשיך געווען מיט אויגן צעגלאַנצטע פון פרייד — קומט איר אונטער אין דעם ריכטיקן מאָמענט. עס זעט אויס אַ באַשערטקייט פון גורל. איך וועל צוהעלפן, נישט קאַרגן קיין באַמיונגען...

זי האָט נישט פאַרענדיקט. דבורה איז אַרויפגעפאַלן אויף איר, גענומען זי האַלדזן, קושן, און באַנעצן מיט גרויסע און הייסע טרערן. יעלס טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט אירע. מאַטילדאַ און רעזשין האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, כדי מ׳זאָל נישט באַמערקן, אַז אויך פון זייערע אויגן רינען שווערע טראָפּנס. עמינדב, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן פאַר גליק איז צוגעפאַלן צום דאָקטער און זיי האָבן זיך אַרומגענומען ווי טאַטע און זון; געהאַלטן זיך לאַנג אַרומגעאָרעמט. זשאַן האָט געפילט, אַז ער דאַרף אויך עפּעס טאָן, כדי אויסצודריקן זיין אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פרייד. אויך יואל איז געווען אין דער זעלבער לאַגע. האָט ער גענומען די גיטאַרע פון בעט, און זי דערלאַנגט זשאַנען.

— אַ נו, שפּיל אונדז אויף אַ פריילעכס, אַ מזלדיקס, אַ ברכהדיקס!

זשאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל, פאַרלייגט די פיס, אַריבערגעבויגן זיך איבערן אינסטרומענט און גענומען שפּילן.

ער האָט געשפּילט אַ ליטורגיש־סינאַגאַגאַלן מאָטיוו פון דאַריוס מילהאָ, און צווישן יעדן קופּלעט אויסגערופן טריומפאַל: אור־די־יה, אור־די־יה, אור־די־יה!

און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט: אור־די־יה, אור־די־יה, אודיה!

און דער דאָקטער האָט געגעבן זיין נוסח: — השם נתן, השם לקח, השם לקח, השם נתן! — מיט אַ קול פול מיט תרעומות צוליב דעם אומגליק מיט די עלטערן פון דעם מיידעלע, כדי נישט אַראָפּצושלינגען אַזוי לייכט די הימלשרייענדיקע עוולה; און אַריבער תיכּף צו אַ האַפּערדיקן טאָן: אור־די־יה, אור־די־יה, אור־די־יה! אַז אַזאַ איז דער דרך פון באַשעפער, איז למרות הכל און אף על פי כן: אודה ליה, אור־די־יה, אודי־יה!

זשאַן האָט שפּעטער אויפגעשפּילט מענדעלסאָנס חתונה־מאַרש, נישט קאָנענדיק אין אַזאַ רגשדיקן מאָמענט, געפינען אַ מער פּאַסיקע נגינה אויף אויסצודריקן די אַלגעמיינע פרייד. און איבערגעגאַנגען צו:

מזל־טוב, וסימן טוב,

סימן טוב ומזל־טוב —

יהיה לנו!

מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגע־קוקט אין געצעלט, און געזוכט דאָס גליקלעכע חתונה־פּאָרל. כדי זיי נישט צו אַנטוישן און נישט דאַרפן זיי דערציילן די גאַנצע געשיכטע, האָט דער דאָקטער אַריינגעוואָרפן יואלן אין די אָרעמס פון יעלן, און אָנגעוויזן אויפן יונגן פּאָרפאָלק. דבורה האָט געעפנט די פלאַש וויסקי און געגומען טיילן. זי האָט נישט פאַרגעסן אין די אַרומשטייענדיקע און פאַרבייגייענדיקע מענטשן. ווען עס האָט אויסגעפעלט משקה, האָט זי געטיילט כיבוד פאַר אַלעמען, ביזן לעצטן ניסעלע, ביזן לעצטן מאַקאַראָנדל, ביז דעם לעצטן ביסל נאַשוואַרג, ביז דער לעצטער פּרי.

41

עמינדב, ביי וועמען די אַריינגעפּלאַנטערטע געשיכטע מיטן אַדאָפּטירן אַ קינד, האָט צוגענומען די מעגלעכקייט צוליב צו טאָן יעלס בקשה, האָט אַן אויפגעלייגטער און האָפערדיקער גענומען דערציילן וועגן די גליקן פון דעם ניי־אויסגעבויטן אינסטיטוט פון חמי טבריה. אַ מאָל האָט מען אין ישראל געזוכט הויפּטזעכלעך ווירקזאַמקייט, אויפן חשבון פון דעם אויסערלעכן אויסזען, דעם עסטעטישן גענוס. נישט געוועז קיין פאַנדן אויףביידע. היינט ווערן ביידע פאַקטאָרן באַהאַנדלט אין אַ גלייכער מאָס. עס הייסט נישט, אַז היינט, ביי דער ריזיקער אינפלאַציע, איז פאַראַן מער געלט. לויט דעם חשבון פון ספּעציאַליסטן און עקאָנאָמיסטן איז ווערט זיך צו פאַרשולדיקן, ווייל דער שידוך צווישן עפיקאַציטעט און עסטעטיק דערלויבט נישט נאָר זיך אויסצושלאָגן די הוצאות, נאָר אויך אַריינצוברענגען גרויסע רווחים. די ביידע גורמים דער־גאַנצן זיך, הן פון ריין פיזישן אָדער סאָמאַטישן שטאַנדפּונקט, און הן פסיכישן, נשמהדיקן. זענען דאָך די צוויי זייטן פון דער מטבע, וואָס הייסט מענטש, געקנופּט און געבונדן, און גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצקייט. הא בהא תליא. דער בעסטער באַווייז איז דער מאָדערנער אַנשטאַלט פון חמי טבריה. עס ציען אַהינצו נישט נאָר ישראלים, נאָר אויך טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. און נישט נאָר יידן. די ישראלדיקע אַראַבער זענען דאָ אָפטע געסט.

ער האָט באַגעגנט אַן אַראַבער פון חברון, געשטופּט אין אַ פּאָר־פאָטעל, נאָך אַ צווייזייטיקן פאַראַליזש. ער האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש. ער האָט באַקומען אונטערוואַסער־מאַסאַזשן און רעעדוקאַציע אויף אַ טיש געדיכט נעבן זיינעם. ער האָט דערציילט, אַז ער קומט פון חברון. אין דאָרטיקן שפּיטאָל אַרבעט אַ ספּעציאַ־ליסט פון אָרטאָפּעדיע, אַן אַראַבער, וואָס האָט געענדיקט אין ירושלים און הדסה. דאָס האָט ער געשיקט אים אַהערצו. דער

אָרטאָפּעד זיינער זאָגט, אַז נאָך וויסן דאַרף מען גיין צו די יידן. יידן האָבן פּראָפּאָרציאָנעל די גרעסטע צאָל נאָבעל־פּרייזן. קיין שום אַראַביש לאַנד האָט נאָך ביז היינט נישט באַקומען קיין נאָבעל־פּרייז. קיין ספק נישט, אַז אויב אַ מוזולמענער לאַנד וועט יאָ זוכה זיין צו דעם, וועט עס זיין מצרים. ווייל מצרים ווידמעט זיך דעם שלום און וויל ווייזן דעם וועג פאַר אַנדערע. אויב אין קאָפּ ליגט נאָר מלחמה, נאָר שנאה, נישט נאָר צו יידן, צו ישראל, נאָר אויך צו אייגענע ברידער־מלוכות און חלומות פון העגעמאָניע — איז אוממעגלעך צוצוגרייטן גוטע דאָקטוירים, גוטע וויסנשאַפטלער, הצלחהדיקע קאַנדידאַטן צו אינטערנאַציאָנאַלע פּרייזן. און קיין געלט פעלט דאָך נישט. די מיליאַרדן פון נאַפט גייען אויף רייכער צו מאַכן די שייכן, די רעגירנדיקע דינאַסטיעס און אויף איינצוקויפן מער געווער, בעסער געווער, זיך צו באַהעפטן מיטן סאָוויעטישן טייוול, וואָס באַדייט סוף־סוף פאַרשקלאַפונג; דאָס שטרעבן צו פאַרניכטן ישראל איז דאָך נישט מער ווי אַ מיראַזש, ווי אַ שיגעון פון אומהיילבאַרע פאַנאַטיקער...

— אַזוי האָט ער גערעדט און גערעדט. עס האָט אַרויסגערעדט פון אים. איך האָב אים געלאָזט רעדן — האָט עמינדב אונטערגעשטראָכן — און געפילט האָט מען אין זיינע ווערטער אַן אויפריכטיק אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, אַן וועלכן עס איז שמץ פון מינדסטער צביעות, אָדער ווילן צו געפעלן, צוצוטרעפן מיט זיין מיינונג, אָדער ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט.

יעל האָט זיך נישט צוגעהאָרכט צו זיינע רייד. נישט ווייל עס האָט זי נישט אינטערעסירט. נאָר ווייל איר קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען. זי האָט געטראַכט וועגן אודיה און דער אַלטער סבתא. זי זעט די אַלטיטשקע ווי זי קומט אַריין אין דער פרי און פירט די קליינע ביי דער האַנט. פון די פינף נידעריקע טרעפּלעך אין גן־זאַל אַריין איז זי אַזוי פאַרמאַטערט

און בלאָ אויף די איינגעקוואַרטע באַקן, ווי איינער וואָס אַט אַט און ער הויבט אויס דעם לעצטן אָטעם. די לאַגערן און דאָס גרויסע אומגליק מיט דער איינציקער טאָכטער, צוזאַמען מיט איר מאַן, האָבן ביי איר אָפּגענומען יעדע מעגלעכקייט פון קומען צו זיך. ווען זי קומט אָפּנעמען דאָס קינד אין אָוונט, איז זי נאָך מער פאַרמאַטערט. אַ רחמנות, נעבעך. אודיה איז איר טרייסט, איר לעבן. אָבער, ווי לאַנג וועט זי נאָך לעבן? און אודיה דאַרף אַ לעבעדיקע און געזונטע סבתא, און וואָס לענגער. זעלטן איז צו באַגעגענען אַזאַ אויסנעמיק קינד. אויב אַ קינד ווערט פאַרגליכן צו אַ בלום, איז אודיה די שענסטע בלום צווישן אַלע בלומען. און וואָס פאַר אַ באַדייטונג, פון פעדאַגאָגישן קוקפּונקט, קאָן האָבן אַ דערציִונג פון אַ יונגער יתומהלע דורך אַ צעבראָכענער און אַלט־פרענקישער באָבען? זי האָט שוין געגעבן איר אָנצוגעהערן, אַז זי וואָלט זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן באַצייטנס. האָט זי געקרעכצט. וואָס טאָן? נישטאָ קיין משפחה, נישט קיין נאָענטע און נישט ווייטע אפילו, אַלע פאַרשניטן, ביי היטלערן, ביי סטאַלינען. און אפשר געפינען אַ האַרציקע, נאָבעלע, יונגע יידישע פאַמיליע, וואָס וועט באַהאַנדלען ווי אַן אייגן קינד? האָט זי טיף אָפּגעזיפצט. דאָס איז געווען די תשובה... זי האָט די זאַך אָקערשט פאַר־געשטעלט ווי אַ געוויינעם ענין, אָבער ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שטרויכלונגען קאָנען נאָך נולד ווערן. אפילו אַן אַלטע און קראַנקע סבתא שיידט זיך נישט אַזוי לייכט פון אַן אייניקל, אַ קיילעכדיקע יתומה, און אפשר בכלל נישט? זקנים זענען עקשנים.

זי וועט דאַרפן אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען פון אַ גננת, וואָס האָט צו טאָן מיט קינדער און אויך מיט סבתאס, וואָס ברענ־גען זיי און נעמען זיי אָפּ. זיי רעדן זיך תמיד אַראָפּ פון האַרצן. ווען אַ גננת וואָלט געדאַרפט שרייבן וועגן דעם אַלעם, וואָס די סבתאס דערציילן וועגן פאַמיליע־אינטריגעס און קאָמפּליקאַציעס, סקאַנדאַלן פון יעדן מין, וואָלט זי אָנגעשריבן דעם שפּאַנענדיקסטן

ראַמאַן, און פאַסצינירנדיקסטן סודות־צונויפפלעכט, וואָס זענען ווען אַרויס אין אַ בוך... זי וועט זיכער שטעלן באַדינגונגען, די סבתא. זי וועט אָפּט וועלן זען דאָס קינד, אַרויסגיין מיט אים אויף פּרישער לופט, אין גן החיות. זי וועט זיך איינלאַדן אויף שבתים, ימים־טובים. זי וועט זיך דאַרפן אַריבערציִען קיין ירושלים. זי וועט פאַרקויפן איר דירה אין חיפה און די קליינע הייזקע אויפן כרמל, די ירושה פון אודיהס עלטערן. דערפאַר וועט זי באַקומען אַ דירהלע אין ירושלים... אויך פון דעם וועט זי מיד ווערן; נישט נאָר כדי נישט צו באַלעסטיקן די איידעלע מענטשן, נאָר צוליב פּיזישער אוממעגלעכקייט. עס איז אַלץ ווערט! אַ קינד איז דאָך כמעט דער קאָנדיציאָנעלער און אימפּעראַטיווער פאַרבאַדינג פאַר עמינדבס געזונט; היינט ערשט באַזיצן אַ קינד, זיין טאַטע־מאַמע צו אַן אייגן קינד!

זשאַן האָט איבערגענומען דאָס וואָרט און דערציילט זיינע אינטערעסאַנטע פאַלן מיט אַראַבער, וואָס זענען געקומען זיך היילן אין טבריהער קוראָרט. ער האָט געהייסן אחמד. אַזוי ווי ביי אונדז הייסט מען אָפּט משה. נישט געווען ביי אים איין געזונטער אבר; אַלץ צעפרעסן דורך רעומאַטיזם, אַרטראָזע. און געווען איז ער פרום, אָנגעטון אין טראַדיציאָנעלע מלבושים און ליב געהאַט צו דערציילן מעשי־פּלא און פאָלקס־מעשיות. האָט ער דערציילט וועגן צוויי בלינדע. איינער אַ ייד און דער צווייטער אַ מוזולמענער. זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען בעטן נדבות. איין טאָג נעבן מוזולמענישן געבעטהויז, איין טאָג נעבן יידישן געבעטהויז. זיי האָבן געלעבט ווי ברידער. ביז איין טאָג — זיי שטייען אַזוי פאַרן מעטשעט און עס גייט פאַרביי אַ רייכער נאַבאַב, און ער פרעגט: "וואָס טוט אַ ייד נעבן אַללאַס הויז?" — ענטפערט דער אַראַבער, אַז אַזאַ אָפּמאַך ביי זיי; מאָרגן וועט ער שטיין מיטן ייד פאַרן יידישן בית־תפילה. איז עס דעם אַראַבישן שייך כלומרשט געפעלן

און ווי אַ באַלוינונג האָט ער אַ קלוגג געטאָן מיט אַ זעקל גאָלדענע מטבעות און געזאָגט: "דאָ האָט איר 100 גאָלדענע דינאַרן" און ער איז אַוועק. אין אָוונט האָבן זיך די צוויי בעטלער געטיילט מיט די אָרעמע פּרוטות. און ווען עס איז געקומען די ריי פון זעקל גאָלדענע מטבעות, איז נישט געווען קיין זעקל און נישט געווען קיין מטבעות. האָט איינער חושד געווען דעם צווייטן, אַז ער האָט זיי צוגענומען פאַר זיך, פּשוט צוגעגנבעט. פון רייד איז מען געקומען צו פויסטן, צו מכות־רצח... וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען? געשען איז, אַז דער שייך האָט די גאָלדענע מטבעות נישט געלאָזן, בלויז אַ קלונג געטאָן מיט זיי. אַ געהער האָבן בלינדע אַ גוטן און דער קלאַנג האָט זיי דאָס מאָל פאַרפירט. זיין כוונה איז געווען צו שאַפן שנאה צווישן דעם ייד און דעם אַראַבער. אפילו די פריינטשאַפט צווישן בלינדע האָט ער נישט פאַרגונען. און די בלינדע זענען זיך געוואָרן טויט־שונאים. צוליב וואָס? צוליב גאָלד, צוליב דעם קלאַנג פון גאָלד... און זשאַן האָט אויסגעפירט: "נישט נאָר גאָלד. אויך מאַכט. העגעמאָניע. נאַפט. פּעטראָ־דאָלאַרן. שבטים־עגאָאיזם. רעליגיעזער סעקטאַנטיזם. זיי קאָנען נאָר געדייען אין אַן אַטמאָספערע פון שנאה, פון קעגנזייטיקן חשד, קנאה, קורצזיכטיקייט און מלחמה־דראָונגען".

— אַחוץ דעם שייך, האָבן מיר נאָר געהערט הײנט וועגן גוטע אַראַבער. נישטאָ קיין שלעכטע פאַרדאַרבענע און בלינדע כאָטש זיי האָבן גוטע אויגן? — האָט געפרעגט דער דאָקטער מיט זיין געוועגלעכן סאַרקאַזם.

— די פיינטלעכע אַראַבער, קענטלעך, ווילן בעסער ליידן ווי היילן זיך ביי יידן, אָדער זיי שווייגן — האָט עמינדב און זשאַן געענטפערט צוזאַמען.

— זיי קרענקען אויס זייער פאַנאַטיזם, און דער פאַנאַטיזם מאַכט זיי קראַנק — האָט דער דאָקטער געפונען אַ ווערטערשפּיל.

— א פּראָפּאַ פּאַנאַטיזם, אַנטיסעמיטיזם ווי אויך ראַסיזם — האָט זשאַן אַנגעשלאָסן אין פריערדיקן שמועס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אומפּאַרענדיקט — הערט אַ מעשה: געווען איז עס בעת מיין ערשטן פעריאָד פון התנדבות אין אַ קיבוץ אין גליל. געווען איז דעמאָלט אויך אַ דייטשער פריוויליקער. אַ יונג אַ הויכער, אַ קשטאַלטנער, וואָלסט געזאָגט די פאַרקערפּערונג פון געזונט ממש, נאָר עפּעס האָט אים געפעלט. זיינע אויערן זענען קיין אויערן נישט געווען, די אויערן־לעבער זענען געווען פאַר־וואַקסן מיט אַ הייטל, ווי דער המשך פון דער באַקהויט און די אויסערלעכע אויער־מושלע, מיט איר ווייכן און כרוסטקע־טייל, האָט אינגאַנצן געפעלט. געווען בלויז ווי אַ רמז אויף אַן עמבריאָ־לאָגישן כרוסטקע־וואָרצל, וואָס נאָרמאַל הייבט זיך פון אים אָן דער קאַנאַל, וואָס פירט אין אויער אַריין. און אַזוי פון ביידע זייטן. וואָס אַן אמת האָט עס אים נישט שטאַרק געשטערט אין געהער. געשטערט האָט עס אים עסטעטיש אַ סך מער. ער האָט פאַרדעקט זיינע אויערן מיט לאַנגע און געדיכטע האָר. ער האָט געטראָגן אַ טיפן הוט, ווייט אַראָפּגעצויגן פון הינטן און ביי די זייטן, אָבער דאָס האָט אים ערשט פאַרוואַנדלט אין אַ טויבן.

— ווו איז דאָ דער מוסר השכל צו ראַסיזם? — האָט גע־פרעגט מאַטילדאַ.

— לאָזט זיך דינען, מיינע ליבע. איר וועט באַלד הערן, ווייל געפעלט האָט אים, אַחוץ דעם, נאָך עפּעס, אַ גאָר וויכטיקער נאָך־עפּעס, דהיינו — עלטערן, נאָרמאַלע טאַטע־מאַמע. ער איז געבוירן געוואָרן אינעם שטילבאָרן־צענטער פון נאָרדראָך, ביי סאָלגאָו. די גערועזענע ראָטשילדס קינדער־סאַנאַטאָריע איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק פון איבערמענטשן פאַר די צוקונפטיקע טויזנט יאָר פון דריטן רייך, די הערשער־ראַסע. האָט מען דאָרטן צונויפגעפאָרט אויסגאָם־העלדן, ספּעציעל־געבראַכטע

פון רוסישן פראַנט, און יונגע געזונטע, אַריש־נאָרדישע מיידן. דער העלדישער פאָטער איז צוריק אַוועק קעמפן, נאָך דעם ווי די מויד איז געווען זיכער, אַז זי טראָגט, און זי איז געבליבן ביזן אויסטראָגן. זי איז שפּעטער אַוועק אין אַן אַנדערן צענטער קאָרמען דאָס קינד מיט איר ריין־אַרישער ברוסט־מילך. קומט דערנאָך די דריטע פאַזע; דאָס קינד וואַקסט שוין אָן מוטער, נאָר צווישן ספּעציאַליסטן פון ראַסן־ביאָלאָגיע, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און באַקומט אַ הוניש־טעוטאָנישע דערציונג... צופעליק איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער חשד, אַז ער דאַרף זיין איינער פון די שטילבאָרן־קינדער, און ער האָט גענומען זוכן די שפּורן פון זיין מוטער. עס האָט געדאַרפט זיין לייכט צונויפ־צושטעלן דעם שייכות צווישן דער מאַמען און זיינע אויערן. אָבער עס איז שוין אַדורך אַ שיין ביסל יאָרן זייט די דייטשע נצחונות ביז סטאַלינגראַד... דערמאָנט אין דעם קינד האָט זיך ווילהעלם שירמער, דער היטער און גערטנער פון אַנשטאַלט. ער האָט פריער אויסגעפירט די זעלבע פונקציעס אין ראָטשילד־שפּיטאָל. די נאַציס האָבן אים געלאָזן, ווייל זיין איינציקער זון איז געפאַלן ביים דייטשן אַריינמאַרש קיין פוילן. האָט ער נישט נאָר געדענקט זיין מאַמען, נאָר אים דערציילט אַ מעשה נוראָ. הערט און שטוינט... נאָר, אויב איך מאַטער אייך, לאַנגווייליק אייך, גיט מיר אַ סימן, רבותי, רייס איך איבער...

ער האָט אַ קוק געטון אויף די אַרומזיצנדיקע, געזען דעם נייגער אין זייערע אויגן, און באַדויערט די פראַגע.

— ער מאַכט עס ווי אַ געשולטער מגיד, אָדער שוישפּילער, וואָס ציט אַריין, ציט אַריין, און אין סאַמע עכטן־געדעכטן מאַכט ער אַ הפסקה לשם טעאַטראַלן עפעקט — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

— אויך טעאַטער האָב איך זיך געלערנט שפּילן, אָבער דאָס קומט נישט אַהערצו — האָט זשאַן אַריינגעכאַפּט אַ פּולע ברוסט

מיט פרישע לופט, און ממשיך געווען. — הערט און שטוינט. ווען די מאַמע האָט באַמערקט דעם מום פון איר קינד, איז איר באַפאַלן אַ פּחד. זי איז געווען זיכער, אַז מ׳וועט דאָס קינד אומברענגען. עס איז אַ שאַנדע פאַר דער ראַסע. אַ חרפה, אַז פון צוויי העכסטע עקזעמפּלאַרן פון אַרישקייט זאָל אַרויס אַ פאַרזעעניש. עס וואָלט אויסגעשטעלט אויף חוזק די גאַנצע ראַסן־טעאָריע און פּראַקטיק פון די נאַציס... וואָס טוט אַ מאַמע? אפילו ווען זי איז זיך מקריב פאַר דער ראַסן־פאַרבלענדעניש, בלייבט זי ווייטער אַ מאַמע. איז זי, אין מיטן נאַכט, איידער עס קומט דער עס־עס־דאָקטער, אַנטרינען. ווי לויפט מען מיט אַן עופעלע, וואָס וויינט און ציטערט פון קעלט? צום הערר שירמער, וואָס די גוטסקייט קוקט אַראָפּ פון זיין פּנים, פון זיינע מילדע אויגן. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן אין אַן איינגעפאַלן, פאַרלאָזט הייזל, וואָס האָט געדינט פאַר צעבראָכענע אַקער־און גאַרטן־מכשירים, וואָס נישט געווען ווער עס זאָל זיי פאַרריכטן; און אַ באַרגטייכל דערנעבן האָט געמאַכט אַ רעש און געדעקט דאָס געוויין פון קינד... ער האָט געהאַט רחמנות אויף דער מאַמען און איר קינד, הערר שירמער. האָט ער דאָך געזען אַזוי פיל ליידנדיקע מאַמעס, וואָס האָבן געבראַכט אַהערצו זייערע יונגע קינדער אויף לאַנגע יאָרן, צוליב שווינדזוכט... און געהערט אויך די געוויינען פון די קינדער, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט געלאָדנט אין פאַרמאַכטע אויטאָס און אָפּגעפירט צום טויט. ער הערט נאָך תמיד דאָס שוידערלעכע קינדער־געוויין... דר. יוסף קליין, דער הויפּטאַרצט און מלאך אויף דער ערד, איז מיטגעפאָרן מיט די קינדער צום טויט. ער האָט געפּליסטערט אַ תפילה, צוגעהאַלטן זיין קאָפּל אויפן קאָפּ און נישט געוויינט... ווען ער האָט געהערט, אַז מ׳דאַרף קומען מיט אויסשפּירהינט דורכנישטערן די גאַנצע געגנט, האָט הערר שירמער אַוועקגעפירט ביי נאַכט די מאַמע מיטן קינד הויך אַרויפצו, פון וואַנען עס פליסט אַרויס דאָס באַרגטייכל, און ווו עס שטייט

אויף בוים־שטאַמען אין מיטן וואַסער אַ מיניאַטור־קירך, גע־ווידמעט דעם גערמאַניש־טעוטאָנישן אורגאָט, וואָטאַן. אין וואַסער פאַרלירן הינט זייער שפּירחוש. און דאָרטן, אין טורעמל, וווינט אַ מאָדנער נזיר, וואָס רעדט צו זיך און צו וואָטאַן. און געלעבט האָט ער פון שירמערס רחמים־געפּיל. ער פלעגט אים איין מאָל אַ וואָך ברענגען שפּייז. האָט דער נזיר מסכים געווען צו האַלטן ביי זיך די מאַמע מיטן קינד . . . כדי אויסצומיידן, אַז אויך אַנדערע מאַמעס זאָלן נישט נאָכטאָן דעם ביישפּיל, איז די געגנט באַזעצט געוואָרן מיט באַוואָפנטע געסטאַפּאָ און אוקראַיִנער. זענען זיי אויבן געבליבן אָן עסן. איז די מאַמע אַראָפּ, אַ נעפּלדיקן פרי־מאָרגן, זוכן שפּייז, און פאַרהאַלטן געוואָרן. די הויפּט־אויפזעעריז פון אַנשטאַלט האָט זי דערקענט. די מוטער האָט געטענהט, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן. זי האָט עס איינגעפּאַקט און געלאָזט לויפן מיטן באַרגטייכל. שירמער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען אַזאַ פּעקל אַראָפּקייקלען זיך מיטן שטראָם. די נאַציס האָבן זיך געלאָזט זוכן לענגאויס דעם ברעג, זיך נאָכגעפרעגט, און נישט געפינענדיק קיין שפּור פון אַ טויט קינד, האָבן זיי די מוטער פאַרפּייניקט בעסטיאַליש און אים, שירמערן, געשיקט קיין שלעזיען, היטן רוסישע געפאַנגענע . . . ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה, איז נישט געווען מער קיין סימן פונעם נזיר. די קירך מיטן טורעמל איז איינגעפאַלן. ער האָט באַטראַכט דאָס קינד פאַר פאַרלוירן . . . נו, שטעלט אייך פאָר די פרייד פון דעם איינזאַמען שירמער, ווען ער האָט פּלוצעם דערזען דאָס קינד אָן די אויערן! זיי האָבן זיך געלאָזט ביידע זוכן אַ רינג, וואָס זאָל באַהעפטן די לעבנסקייט פון קינד פון מאָמענט, ווען ער איז געבליבן ביים נזיר . . . שירמער האָט געהאַט דעם געדאַנק צו גיין אין אַ קלויסטער, ווו עס האָבן געלעבט מאָדנע נזירים פון יענעמס שניט. אפשר האָט דער טורעם־נזיר אָפּגעפירט דאָס קינד אַהינצו? געווען אַ צער בעלי־חיים. דער אַלטער קלויסטער־ברודער האָט אים דערקענט צוליב די

אויערן. יאָ, ברודער זיגפריד האָט דאָס קינד אַהערגעבראַכט. ער איז געווען דאָ אַ דריי־פיר יאָר. אַ חזיר־שלעגער, אַ רייכער אָבער אָן קינדער, האָט דאָס קינד גענומען צו זיך. ער איז געווען ביי אים עטלעכע יאָר און נעלם געוואָרן. מער האָבן זיי נישט געוווסט וועגן קינד...

זשאַן האָט איבערגעריסן, פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט וועלן אָפּגעפינען אַ וויטערדיקע רינג פון דעם קינדס געשיכטע, און גיך פאָרטגעזעצט: — ער האָט שוין געהאַט צען יאָר. ער איז אַנטלאָפן פון חזיר־שלעגער, ווייל אָרטיקע קינדער זענען אים דערגאַנגען די יאָרן צוליב זיינע אויערן. און ער האָט אָנגעשפאַרט אין אַ שולע פאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער, געבוירענע נאָך דער מלחמה. דער אויפזעער האָט פאַרלוירן צוויי זין ביי סטאַלינגראַד און געטראָגן אַ פוס־פּראָטעזע. האָט ער אים צוגענומען ווי אַ געהילף צו רייניקן דעם הויף, די קלאַסן, און ווי אַ שיקיינגל. די דאָזיקע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין "שכל" צו לאַכן און אָפּשפּעטן פון אים... און געווען איז ער זייער אַ גוטער, דער אויפזעער. אין די אָוונטן האָט ער אים געלערנט לייענען, שרייבן, און האָט אים דערציילט געשיכטעס; מוראַדיקע זאַכן וועגן די נאַציס. אויך וועגן דער הערדען־קינדער פאַבריקאַציע... האָט ער געטראַכט, אַז ער איז אפשר איינער פון די דאָזיקע קינדער... און איז אַוועק זוכן... דאָ דערשיינט שירמער... דאָ איז ער פאַרבליבן ביז שירמערס טויט. שירמער האָט דורכגעפירט אַלע נייטיקע פאָר־מאַליטעטן, אַז דאָס קינד זאָל באַקומען דעם נאָמען פון יוסף קליין. קיין איינציקער פון זיין משפחה איז נישט לעבן געבליבן. אַזוינאָך ווערט פאַראייביקט דער נאָמען פון דעם דאָזיקן אויסנאַם־מענטש און ייִד, וואָס זיין חלום איז געווען אַריבערצופירן די קראַנקע קינדער קיין ארץ־ישראל, און שאַפן אַ סאַנאַטאָריע אין די גליל־בערג... איז ער געקומען צוערשט ווי אַ מתנדב. דערנאָך זיך אומגעקערט, ליקווידירט דאָס פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך

ווילהעלם שירמערן, ווייל ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער איינציקער יורש — און אַט לעבט ער איצט אין דער יידישער מדינה...

— און ווו איז דער מוסר־השכל — האָט איבערגעפּרעגט מאַטילדאַ, האַלב פאַרמאַטערט פון דער לאַנגער געשיכטע.

— מוסר־השכל נומער איינס: נאָט אייך אַן אויסגעבלאָזן איי און נאָך ווייניקער פאַרן ראַסיזם און אַלע זיינע טעאָריעס. און פאַר אַלע אַנדערע רהינאָצעראָסיזמען... מוסר־השכל נומער צוויי: דעם מוסר־השכל האָט דער נייער יוסף קליין אַליין אַרויסגעצויגן פון זיין לעבנס־דערפאַרונג און געהאַנדלט קאָנסעקווענט, באַזעצנ־דיק זיך אין ישראל... ער האָט באַשטימט דורכצומאַכן אַן עסטעטישע אָפּעראַציע. אַ ישראלדיקער וועלט־מומחה וועט אים איינ־פלאַנצן, לויט אַ מאָדערנער טעכניק, נייע אויערן. צו דעם דייטשן וויסן אַן געוויסן האָט ער מער קיין צוטרוי נישט. פאַר זיין פאַר־מעגן וועט ער זיך איינאָרדענען אין אַ מצפּה־פּונקט אין די בערג פון גליל, ווו ער וועט שאַפן צוזאַמען מיט ישראל־ספּעציאַליסטן, אַן אינסטיטוט פאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער... ער האָלט ביים רעאַליזירןביידע פּלענער... איך וועל אָפּט זיין ביי אים אין אַנשטאַלט צו שפּילן אויף דער גיטאַרע פאַר די קינדער. נישטאָ נאָך אַזאַ גליק פאַר אַזעלכע קינדער, דער רוב מאָנגאָלישע, ווי מוזיק; זיי האָבן אַליין אַ פּרעכטיק געהער און שפּילן טייל מאָל ווירטואָזיש. נישטאָ נאָך אַזאַ גליק ווי ברענגען פאַר די דאָזיקע קינדער גליק דורך מוזיק...

43

עס איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן די דיקע פּרוי מיטן װעגעלע קיל־געטראַנקען. יואל און יעל זענען אַרויס און אַרײַנגעבראַכט אַלץ, װאָס איז נאָך געבליבן צום פֿאַרקויפֿן. מ׳האָט געעפֿנט די פֿלעשלעך און געגאָסן דירעקט אין מויל אַרײַן. עס איז געװען טרוקן אין האַלדז און עס האָט זיך אויך געניטיקט אַ שטיקל דיגרעסיע, כּדי צו אַנטשפּאַנען די חושים, די נערװן.

דער דאָקטער האָט געהייסן אַװעקשטעלן נעבן זשאַנען אַ צװיי־דריי פֿלעשלעך, װייל ער װיל אים שטעלן אַ פֿראַגע, אויף װעלכער ער װעט מסתּמא, װי זיין שטייגער, זיך װידער דאַרפֿן פֿונאַנדעררעדן, דערמיט איז ער געבענטשט, נישט אמת?

— אמת! — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען מיט אַ מאָל — צװישן אַנדערע מעלות איז ער אויך געבענטשט מיט קענען דערציילן.

— װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע, אַ שטייגער? — איז זשאַן געװען נייגעריק.

— װאָס װיל זאָגן דאָס פּרעמד־לשונדיקע װאָרט, װי הייסט עס דאָרטן, רינאָ... רהינאָס... װאָס װיל זאָגן אויף גריכיש אַ נאָז, רינאָ מיט אַ נאָכשלעפּ...

— רהינאָצעראָס — האָט זשאַן פֿאַרענדיקט — עס האָט צו טאָן מיט אַ נאָז, אויף װעלכער עס װאַקסט אַ האָרן. פֿאַראַן אַ חיה אַזעלכע, נאָזהאָרן הייסט זי, אָדער קרנף. האָט דער באַרימטער דראַמאַטורג, עוזשען יאָנעסקאָ, אָנגעשריבן אַ שם־דבֿרדיקע דראַמע מיט דעם דאָזיקן נאָמען, און רהינאָצעראָסיזם, אָדער נאָזהאָרניזם, קרנפֿיות, איז געװאָרן שפּריכװערטלעך, און מיינט אייגנטלעך עולם־גולם. אַ נאָזהאָרן איז אַ מענטש, װאָס טראַכט נישט, װאָס פֿאַרטראַכט זיך נישט, נאָר נעמט אָן געדאַנקען, אידעאָלאָגיעס, דאָגמעס, פֿון גרייטן; װאָס אַנדערע האָבן צוגעגרייט פֿאַר אים, אָדער גרייטן כּסדר צו פֿאַר אים. ער דאַרף זיי אפֿילו

נישט איבערקייען. ער באַקומט זיי איבערגעקייעטערהייט... נישט נאָר גייט ער מיט בלינד, נאָר ער שטויסט אויך, מאַכט חרוב לעבנס מיט זיין שפּיציק־האָרניקער נאָז, ער הרגעט... אַ שעפּס וואָלט נישט געווען ווייניקער אַלעגאָריש, אָבער אַ שעפּס האָט נישט קיין טויט־האָרן...

ער האָט אָפּגעאָטעמט, געכאַפּט עטלעכע שלוקן פון אַ פלעשל, און תיכף ממשיך געווען: — כדי נישט אויסצושטעלן אונדזער דאָקטער אויף אַ חשש, אַז ער איז אַ שלעכטער דיאַגנאָסטיקער לגבי מיין לאַגאָרהעאַישער טבע, לאָמיר איבערגעבן ווי איך בין דערגאַנגען צו דער שנאה צום רהינאָצעראָסיזם פון אייגענער דערפאַרונג, אויף אייגענעם גוף און נפש... איך וועל ברענגען ראשי־פּרקים. מיר האָבן אָפּגעפונען דעם אבא. פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויס גליק. איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז צווישן טאַטע־מאַמע האָט זיך געלאָשן די ליבע. צוליב איר טראַומאַ ביים גלח? צוליב דעם אבא גאָר? ער האָט זיך אַנגאַזשירט אין מיליטער, סטאַבילע דינסט, און אַהיימגעקומען איין מאָל אַ חודש, אָדער נאָך זעלטענער. די אמא איז געווען איינזאַם. איך בין געגאַנגען אין שולע. איך האָב געלערנט געשיכטע, ווי אַלע שול־קינדער אין לאַנד, פון די ביכער פון זשיל איזאַאַק. איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ ניי ווערק פון זעלבן היסטאָריקער: "די קריסטלעכע וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם" און אַ צווייט בוך "די שולע פון שנאה", צוויי יסודותדיקע ביכער, אין וועלכע ער באַווייזט דעם גרויסן שקר פון די עוואַנגעליסטן און זייערע אויסטייטשער, וואָס האָט געפירט נישט נאָר צו שייטערהויפנס, צו פּאָגראָמען, נאָר אויך צו סטאַבילער יידן־שנאה, וואָס איר קליִמאַקס איז געווען נאַציזם און די זעקס מיליאָן יידישע קדושים... האָט מען מיט די לעצטע געשיכטע־ביכער זיינע זיך נישט גערעכנט. עס איז פון זיין זייט אַ נקמה — האָט מען געזאָגט אין די געהעריקע קרייזן. אַ נקמה פון אַ זון פון אַ הויכן פראַנצייזישן קאַריערע־

אַפּיציר, אַליין פּראָפעסאָר אויף דער סאָרבאָנע, הויפּט־אינספּעק־טאָר פון בילדונג אין דער מדינה — פאַר וואָס פּלוצעם נקמה? ווייל די דייטשן האָבן אים דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייד; זיי האָבן דעפּאָרטירט זיין גאַנצע משפּחה און קיינער איז נישט צוריק־געקומען, נו נעמט ער נקמה... דעריבער זענען זיינע נאָך־מלחמה ביכער פּסול, ודי לדבר... איך האָב זיך פאַרטיפט אינעם קרנפיזם פון קריסטנטום, און געזען די דאָגמעס, די ניסים, די וועלט פון שקר און פאַרבלענדניקן, פאַנאַטישן, קינסטלער־אונטערגעהאַל־טענעם גלויבן פון עולם־גולמיזם. אויפן שלוס־עקזאַמען פון סאָצי־אָלאָגיע, ווען כ׳האָב געדאַרפט אַנטוויקלען די טעמע פון גלויבן, האָב איך אַ פרעג געטון, כלומרשט רעטאָריש: "ווי וואָלט אויס־געזען דער קריסטיאַניזם, ווען יעזוס שטאַרבט ביי זיך אין בעט? וואָס וואָלט געוואָרן פונעם גלויבן ווען דער קרייץ ווערט נישט זיין סימבאָל, ווען דער געקרייציקטער שטייט נישט אויף כלומרשט תחית־המתים? וואָס וואָלט מען אַרויסגעהאָנגען אויף סלופּעס אויף די קרייצוועגן און אויף די געבעט־הייזער — אַ בעט? אַ בעט, אין וועלכן ער איז געשטאָרבן, האַ? און מ׳וואָלט נישט געזען די נעגל, די בלוטיקע וווּנדן, וואָס זענען באַשטימט אַרויסצורופן פּערמאַנענטן רחמנות און אינטער־צוגיסן אייל צום פייער פון האַס לגבי די מכלומרשטע שולדטרעגער, די יידן... הכלל, די דאָזיקע חוצפּה האָט מיך געמאַכט פאַרלירן דעם דיפּלאָם. איך האָב זיך מער נישט צוגעשטעלט צום זעלבן עקזאַמען. איך בין אַוועק פאַר־טיידיקן ישראל אין 1967. ווען דע־גאָל האָט איינגעפירט אַ נייעם רהינאָצעראָסיזם אין פּאָליטיק, דהיינו — פּאָליטיק האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מאָראַל נאָר מיט אינטערעסן, און עולם־גולם זאָגט אמן — האָב איך מער ישראל נישט פאַרלאָזן.

ער האָט ווידער געפרעגט צי ער האָט דעם עולם נאָך נישט פאַרמאַטערט, ער האָט גענומען אַ שלוק, און ווייטער גערעדט. — יאָ, פריער נאָך האָט דער אבא באַשלאָסן צו גיין קעמפן אין

אַלשוזעריע, כדי דאָס לאַנד זאָל תמיד בלייבן ביי פראַנקרייך, און ער זאָל פאַרדינען מער אין דער ראָל פון אַן עקספּעדיציע־סאָלדאַט. האָב איך אים געזאָגט: אבא, לאָמיר עולה זיין קיין ישראל. די אמא וויל פאָרן. עס האָט זיך דאָרטן אָפּגעפונען אירע אַן אַלטע טאַנטע, דער איינציק לעבן־געבליבענער משפחה־מיטגליד, נאָך אוישוויץ. האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט הונדערטער מיטגלידער פון זיין משפחה דאָ. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל קעמפן פאַר ישראל. האָט ער געזאָגט, אַז דער קאַמף איז דער זעלבער, ווייל די שונאים זענען די זעלבע, די אַראַבער. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל נישט וואַרטן ווי זשיל איזאַאַק, ביז מ׳וועט מיר דערמאָנען, אַז כ׳בין פון אַ יידישער מאַמען. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס זענען חלומות. און איז אַוועק. און געפאַלן אין אַלזשער... צום אומגליק איז די אמא אויך אַוועק, דריי חדשים שפּעטער, פון אַ שאַרפער לעוקעמיע...

— צווישן די אומצאָליקע השערות פון קאַנסער — האָט געזאָגט מבינות דער דאָקטער — איז פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס לייגט די אחריות אויף אַ ברוטאַלן שאָק.

— דאָ האַנדלט זיך דאָך אייגנטלעך אין אַ ברוטאַל־־כראָנישן שאָק, אורשפּרינגלעך, ביים גלח. דערנאָך די אָפּגעקילטע ליבע צום אָפּגעפונענעם מאַן. אייגנטלעך אַ פּערמאַנענטער שאָק־צושטאַנד — האָט באַמערקט רעזשין.

— וועלן מיר צושטעלן נאָך אַן עווענטועלע סיבה צו דער לאַנגער רשימה — האָט דער דאָקטער מסכים געווען, נישט אָן איראָניע.

— נו, האָב איך געקעמפט אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. דערנאָך געפאָרן צו די פראָנט־אָפּטיילונגען, צו די גרענעץ־קיבוצים און יישובים, שפּילן פאַר זיי אויף מיין גיטאַרע, הייבן זייער מאָראַל, הייבן זייער גלויבן אין אַנטגילטיקן נצחון, אַנצינדן דאָס האַרץ, הייבן די פיס צום טאַנץ; און צוזינגען, דערציילן דעם

נאָזהאָרניקן גרויסן וועלט־שקר לגבי אונדז יידן, און וועקן דעם ביטחון אין אייגענע כוחות, אין ליבע פון איין ייד צום צווייטן, באַנייען, פונאַנדערפלאַקערן די חסידישע אהבת ישראל ממש. איך בין געקומען אין לאַנד אַריין ביישטייערן אויף מיין אופן צו דער מדינה פון יידן, צו נצח ישראל... איך האָב זיך נישט געשראָקן פאַר קיין שום אַרבעט, פאַר קיין סכנה, פאַר קיין שונא. איך בין תמיד אויסגעוואַקסן דאָרטן, ווו עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מ׳ברויכט מיך אַממערסטן. רייסן פרוכטן אין די פּרדסים, ווו עס פעלן אַרבעטהענט. רייסן באַנאַנעס, מאַנגאָס, אַוואָקאַדאָס. אַ שאָד אַ פרוכט, וואָס ווערט פאַרפוילט, ווייל אַ האַנט ציט זיך נישט אויס צו איר אין דער צייט. און געגאַנגען מיטן רוקנזאַק פון אָרט צו אָרט. ווען מ׳שטעלט זיך אָוועק רעדן צו אַן עולם נעמט מען אייך פאַר נאָך אַ פילאָפלער, נאָך אַ נודניק, נאָך אַ פּאָליטישן קאַריעריסט מיט אויסגעדראָשענע ריידערייען, אָדער גאָר פאַר אַ משוגענעם. אָבער, ווען מען נעמט שפּילן, און מען שפּילט מיט געפיל, צום צוגעפּאַסטן געשמאַק פון אַן עולם, שטעלט מען זיך תיכף אָפּ, מ׳רינגלט אייך אַרום, מ׳האָרכט זיך צו. מ׳בעט נאָך. און נאָך. און לויט פאַרלאַנג. און שפּילנדיק, פירט מען אַריין אַן אייגענעם אויסוואַל, און מ׳זינגט צו, און די ווערטער רעדן צום האַרצן, צום פאַרשטאַנד, צווינגען צום פאַרטראַכטן... אָט אַ פּאַראַדאָקס — אויך אין דרום־לבנון, צווישן מאַיאָר האַדאַדס סאָלדאַטן, האָב איך געשפּילט אַראַבישע פאָלקס־מאָטיוון און אומפאַרגעסלעכע לידער פון דער נאַציאָנאַלער עגיפּטערין אום־קאַלטום. זיי האָבן געלעקט די פינגער. זיי האָבן פאַרלאַנגט ישראל־לידער. נאָר נישט קיין פראַנצייזישע, ווייל פראַנקרייך האָט זיי פאַרראַטן. יאָ, דער פּאַראַדאָקס. האָב איך אַן אָוונט פאַרוואַנדערט מיט מיין גיטאַרע ערגעץ אויף אַ בערגל און געזעצט זיך שפּילן, מוזולמענישע לעגענדע־מעלאָדיעס. פּלוצעם זע איך ווי דריי באַוואָפנטע פּאַלעסטינער זיצן אַרום מיר און האָרכן זיך צו. הייסן

מיר שפּילן אויף פּאַרלאַנג. און איך שפּיל. זיי האָבן אָוועקגעלייגט זייער געווער און צוגעקלאַפּט מיט די הענט, צוגעזונגען, ווי עס איז דער מנהג ביי די מוזולמענער... אין דעם התלהבות האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי זיי ווערן אַרומגערינגלט דורך האַדאַדס אַ פּאַרפּאַסטן. זיי האָבן נישט באַוויזן צו כאַפּן דאָס געווער צום קאַמף, און אַריין אין פּלען...

— דאָס האָט די לאַרעליי געטאָן — האָט אויפגעזונגען דער דאָקטער. און זיין פרוי האָט צוגעגעבן מיט דער זעלבער מעלאָדיע.

— איין מערכעון אַוס אַלטען צייטען, אַוס אַלט-נויען צייטען צוואַר...

עס האָט גענומען ווערן קיל. די פּנימער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שפּעט-אָוונט קאָליר, וואָס האָט אויסגעפּילט דעם געצעלט, און פאַרלוירן זייער אויסדרוק. האָט זשאָן אויסגענוצט אויף נאָך עטלעכע זאַצן: — אָט, בלויז צו פאַרענדיקן די מעשה מיט די גענומענע אין פּלען. די האַדאַדניקעס האָבן געוואָלט מיט זיי אַרוממאַכן, ווייל זיי זענען געקומען פון אַ זאָנע, פון וואַנען מ'שיסט כסדר מיט קאַטיושעס, און צענדליקער קרבנות זענען שוין געפאַלן. האָב איך זיך קעגנגעשטעלט. איך האָב געזאָגט, אַז נישט דאָס איז געווען מיין כוונה, זיי אַריינצולאָקן. איך האָב זיך פּשוט פאַר־לוירן אין באַדן. אויב מ'וועט זיי פּייניקן, האַרב באַשטראָפן, וועל איך מער נישט צוריקקומען שפּילן אַהערצו... האָבן זיי מיר געהייסן משפּטן. זיי זענען געווען יונגע קינדער, קוים 18 יאָריקע. זיי זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַ שולע פון עכו אין 1967. זייערע עלטערן לעבן אין עכו און בשכנות. האָב איך געפּסקנט, אַז מ'זאָל זיי צוריקשיקן אַהיים, צו זייערע עלטערן. ווו וועט זיי זיין אַזוי גוט ווי ביי אייגענע טאַטע-מאַמע? זיי האָבן נישט געוואָלט גלויבן, אַז די עלטערן לעבן. האָבן מיר באַשלאָסן צו ברענגען זיי אַהערצו. דערווייל האָבן זיי געלעבט אין שרעק, אין טויט-פּחד. יידן הרגנען אויס אַלע אַראַבער. נישטאָ מער קיין

אַראָבער אין איזראַיל. יעדן געבאַפּטן אַראָבער הענגען די יידן בײַ דער צונג און שנײַדן אָפּ דעם גליד, וואַרפן אים פֿאַר הינט; בײַ פּרויען שנײַדן זיי אָפּ די בריסט. פֿון דעם פעטס פֿון די אַראַ־בישע לײַבער מאַכן יידן זייף. און מיט די מצבות פֿון די מוזולמע־נער און די שטיינער פֿון די מעטשעטן פֿלאַסטערן יידן זייערע גאַסן... אָט, רבותי, דער אַראַבישער נוסח פֿון רהינאָצעראָסיזם, אַ בוכשטעבלעכע קאַפּיע... נו, זענען געקומען די עלטערן, און די געפֿאַנגענע זענען אַריבער אין זייער רשות. איך זאָג — רשות, ווײַל זיי זענען געוואָרן ערוב פֿאַר דעם אויפֿפֿירן זיך פֿון זייערע אָפּגעפֿונענע קינדער... אָט, מײַן דרך, רבותי... דער דרך, וואָס איך זוך תּמיד, וואָס איך וועל תּמיד זוכן, דער דרך, וואָס איז אייגנטלעך קיין דרך נישט, נאָר אַ שמאָל בריקל, אַ גאָר שמאָלינק בריקעלע, ווי עס זינגט דאָס מאָדערנע ליד, לויטן גאָר אַלטן טעקסט פֿון לעגענדאַרן רבין:

כל העולם כולו
גשר צר מאוד.
גשר צר מאוד —
והעיקר, והעיקר
לא לפחד, לא לפחד כלל.

בײַ די מתיקותדיקע קלאַנגען פֿון זײַן גיטאַרע האָבן ערשט אַלע טיף אָפּגעאָטעמט, און געפֿילט ווי דאָס בלוט נעמט זיך אויסמישן מיט דער קילקייט פֿונעם דרויסן, דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן נאָרמאַלער און די איבערגעשפּאַנטע נערוון־סטרונעס ווערן לויזער, וואָס אַ מאָל לויזער.

44

ווען דער עולם איז שוין געשטאַנען גרייט אַוועקצוגיין, האָט זשאַן אויפגעשפּילט אַ נייע מעלאָדיע, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען, נישט ווייניקער ווי די ווערטער. ער האָט אויפגעקלערט, אַז דאָס איז דער לעצטער שלאַגער פון דעם באַרימטן פראַנציייזשן שאַרם־זינגער, מישעל סאַרדו, וואָס זיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן דיפּלאָמאַטישע רייבונגען צווישן פראַנקרייך און די נאַפט־מדינות:

זיי האָבן נאַפט
און דאָס איז אַלץ
וואָס זיי האָבן.
זיי האָבן פּעטראָ־דאָלאַרן
און גאָרנישט האָבן זיי מער.

האָבן די מדבר־מדינות, מיט סאַוד־אַראַביע בראָש, וואָס האָבן נישט ליב, אַז מ׳שטעלט זיי פאַר נאַקעט, מיט זייער שקלאַפן־האַנדל, מיטלאַלטער־מענטאַליטעט און נאַפט־שאַנטאַזש — ממש איינגעלייגט וועלטן, ביז מ׳האָט פאַרשפּאַרט פאַר דעם ליד די אָפיציעלע, ראַדיאָפאָנישע עטער־כוואַליעס...

אָבער ער, זשאַן, לאָזט הילכן די מעלאָדיע, ווו עס לאָזט זיך נאָר, און נייע ווערטער האָט ער געשאַפן, אַ מין פּאַראַפראַזע:

מיר האָבן די ביבל,
מיר האָבן די ביבל —
האָבן פעלקער
גענומען ביי אונדז די ביבל.
זיי ליבן די ביבל,
זיי ליבן די ביבל,
זיי האַסן דאָס פאָלק פון דער ביבל.

די נאַפט־הערשער האָבן נאַפט
און דאָס איז אַלץ וואָס זיי האָבן.
זיי האָבן פּעטראָ־דאָלאַרן
און גאָרנישט האָבן זיי מער.
מ׳ליבט זייער נאַפט און זייערע פּעטראָ־דאָלאַרן
מ׳ליבט די הערשער פון נאַפט און פון פּעטראָ־דאָלאַרן.

אייביק איז אָבער די ביבל
אייביק דאָס פאָלק פון דער ביבל.
צייטיק איז נאַפט
און צייטיק די פּעטראָ־דאָלאַרן —
און עורבא פרח
און פאַרפיר־ליכטלעך
זענען נאַפט און פּעטראָ־דאָלאַרן.
און דאָס איז אַלץ און נישט מער!

"גיי איך פון אָרט צו אָרט און דערמאָן זיי. און שריי צו זיי: געווג, סטאָפּ, אַוועק מיט אייערע נאַפט־בלוטיקע בילבול־העצט! געווג מיטן פּאָליטישן אויטאָ־דאַ־פעאישן קרייצצוג קעגן דער מדינה פון יידן! אַ קרייצצוג דיקטירט דורך אינטערעסן, דורך מאַטעריעלע קאָלט־גזלנישע אויסרעכענונגען, דורך מיטל־אַלטערלעכע און מיטאָלאָגישע פאַנטאַזמען, וואָס האָבן געפירט לסוף — צו גענאָציד, צו זעקס מיליאָן קדושים און באַצוועקן איצטער — דעם פּאָליטיציד פון דער מדינה... ווו זענען די בייראָנס, וואָס זאָלן קומען אונטערשטעלן אַ פּלייצע די ישראלים אין זייער קאַמף פאַרן לעבן, ווי דער גרויסער ענגלישער דיכטער האָט עס געטון לגבי דער פרייהייט פון די גריכן? ווו איז דער עמיל זאָלאַ פון אונדזער צייט, וואָס זאָל אונטערברעכן די יסודות פון דער פראַנצייזישער בגידה־פּאָליטיק לגבי דער יידישער מדינה; וואָס זאָל אויסשרייען זיין פלאַקערדיקן "זש׳אַקיוז", וואָס זאָל זיין

בכוח צוריקצובאַהעפטן די צוויי רינגען, פּאָליטיק און מאָראַל, אין דער קייט פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציאָנערער העכער־קייט אין אייראָפּע; וואָס נאָר אַזוינאַך איז די קייט אַן אומצע־רייסבאַרע און אייביקע. ווו איז דער עמיל זאָלאַ, וואָס זאָל ראַטעווען כל זמן עס איז נאָך צייט, כל זמן קאַפּיטאַן דרייפוס ציט נאָך דעם אָטעם?! האָבן פעלקער טאָקע גאָרנישט פאַרגעסן און גאָרנישט געלערנט זיך אויף חטאים פון עבר, אויף שרייַקע פאַרברעכנס לגבי דעם עם־עולם?״.

— איך וואָלט אונדזער זשאַנען געמאַכט פאַר אויפקלער־מיניסטער — האָט געזאָגט ערנסט און נישט אָן סאַרקאַזם דער דאָקטער.

— ער רעדט ריכטיק און איז אַ סך מחדש — האָט אונטער־געכאַפּט דבורה — ער פירט אויס אַ וויכטיקע שליחות צעקלאַ־פנדיק די פאַנטאַזמען, די פאַנטאָם־איינרעדענישן לגבי אונדז...

— אגב — האָט זשאַן פאַרטגעזעצט, באַוואָרענענדיק זיך, אַז דאָס איז די לעצטע באַמערקונג זיינע. — אַ פּראָפּאָ פאַנטאַזמען, פאַנטאָם־איינרעדענישן... געווען אַ גרויסער פראַנצייזישער שרייבער, אפשר דער גרעסטער, מאַרסעל פּרוסט, דער מחבר פון דער וועלט־באַרימטער ביכער־סעריע: ״אַ לאַ רעשערש די טאַן פּערדי״; האָט ער געקרענקט אויף אַן אַלערגישער אַסטמע, זייער אַ שווערער פאָרעם. ער איז געווען אַלערגיש צו בלומען, כל מיני בלומען און זייער זריעה־שטויב. האָבן באַקאַנטע און קרובים אים באַזאָרגט אַ צימער אין אַ שטילער געגנט, אָן ביימער, אָן בלומען, אָן בלומען־טעפּ, און געווען זיכער, אַז דאָ וועט ער קומען צו זיך און אַרבעטן בשלווה, אָן אַטאַקן. דערווייל, ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער, האָט ער באַקומען אַן אַסטמע־קריזיס, וואָס האָט שיער אים נישט געבראַכט פון דער וועלט. וואָס איז געווען די סיבה? די טאַפּעטן פון די ווענט האָבן פאַרגעשטעלט בלומען... בלויז דאָס זען געמאָלענע בלומען, הגם אָן ריח, אָן זאָמען־

שטויב, נישט מער ווי דאָס בילד אַליין האָט ביי אים אַרויסגערופן דעם פאַנטאָם־מעכאַניזם פון אַלערגיע... אָט דאָס איז אפשר אויך אַזוי דער מעכאַניזם פון עמינדבס פאַנטאָם־צושטאַנדן, געמישט מיט אַ פּסיכאָפּאַטיש אונטערבאַוווסטזיניקן פאַקטאָר... און דאָס איז זיכער די גענעזע פון אַנטיסעמיטיזם ביי די פּסיכאָ־פּאַטישע אַנטיסעמיטן, וואָס זענען אונטער זיין השפעה נישט נאָר ביודעים, מכלומרשט צוליב דעם וואָס יידן האָבן בייגעשטייערט צו דער תליה פון זייער גאָטס זון — עס קומט יידן נישט חלילה קיין קנופּ אין באָק, וואָס מ׳האָט זיי דעם זעלבן זון פון גאָט געגעבן! — מכלומרשט צוליב אַנדערע ״אייזן־פּעסטע״ און ״נאַזהאַרניקע״ אַרגומענטן — דאָס איז די גענעזע פון דעם, וואָס איך רוף, אַלעגאָריש צו דער אַסטמע פון פּרוסטן, טאַפּעטן־אַנטיסעמיטיזם... זייער נאַזהאָרן ווערט געזעצט אין באַוועגונג בלויז צוליב אַ בלימעלע אויף די טאַפּעטן פון די ווענט פון זייערע פּסיכאָפּאַטאָ־לאָגישע דלד־אמות... האָט דאָך דער באַרימטער פּראָפ. העגרי באַרוק בפירוש באַוויזן, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרענק, ווי מאָראַל און צדק זענען די ערשטע קרבנות פון דער מחלה... אַזוי איז עס אין אַנטיסעמיטיזם, אַזוי אין ראַסיזם, אינעם קרענק־לעכן אַנטי־ציוניזם און אַזוי אין אַלע דאָגמאַטישע איזמען...

אָבער, רבותי, ווי זינגט דאָס ליד:

כל העולם נגדינו
אבל נתגבר.
היושר והצדק לצידנו
הבה נאחד
ונתגבר, ונתגבר!

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און מיטגענומען מיט זיך די אָקערשט־געהערטע מעלאָדיע און די נייע ווערסיע פון די אויפגעכאַפּטע ווערטער.

45

יעל איז דעם גרעסטן טייל פון דער היינטיקער באַגעגעניש ביי די גולניס געווען פאַרנומען מיט זייטיקע געדאַנקען, און נישט גענוג קאָנצענטרירט זיך אַרום די איבערלעבונגען און די אויספירן פון זשאַנען, אַ שטייגער ווי אַ יונגע מאַמע, וואָס הערט אַן אינטערעסאַנטע מוזיק און אין דער זעלבער צייט וויינט איר קינד אין בעטל.

קוים איז זי דערגאַנגען אַ טאָלק מיטן קאַפּיטל אודיה, האָט זי גענומען מאַטערן די פּרשה־זשאַק. זייט דער לעצטער ידיעה פון דאָקטער, האָט זי גאָרנישט מער געהערט וועגן אים אַרום דעם אַרעסטירטן מאַראָקאַנער מאַפיעמאַן אַ פּאָר טריט פון דאַ... זי האָט געלעבט אין שרעק, אַז אָט קומט מען זי אויך אַרעסטירן. זי איז געווען מיט אים. זי האָט פאַרבראַכט מיט אים, ווי ווילד־פאַרליבטע, מעת־לעתן גאַנצע ביים כינרת, און אומצאָליקע שעהען אין רויטן מערצעדעס... זי איז אומשולדיק. זי האָט נאָר געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף זיין הויט און אונטער איר, אָבער נישט מער; זי האָט קיין מאָל נישט געוווּסט וואָס געפינט זיך אַזוינס אין זיין שאַרבן. זי האָט נאָר געקענט זיין אויסלייג־בעט אין זיין אויטאָ, נישט מער. גאָרנישט מער!... אפשר וועט ער זוכן אַן אַליבי? זי איז דאָך אַ טאָכטער פון אַן ערלעכן ייד מיט אַ גוטן שם, אַ גננת דערצו!... אויב דער אבא האָט אים דענונצירט, כדי ער זאָל איר נישט שטערן אין איר גליק, האָט ער זיכער אַרויסבאַקומען אַ הבטחה ביי דער פּאָליציי, אַז מען זאָל נישט אַריינמישן זיין טאָכטער אין דער פּרשה. זי איז, נעבעך, געווען אַ קרבן פון זיין שאַרלאַטאַן־ליבע; זי, אַזאַ אומשולדיקע, אַזאַ ריינע טויב, און ער אַזאַ סכנהדיקער רויבפויגל!... וועט מען זי אָבער קומען נעמען — און פאַר וואָס נישט תיכף, ווי זי וועט אַרויס פון דער אסיפה, אָדער ביי נאַכט, פּאַר טאָגס? — וועט עס זיין אַ סימן,

אַז די משטרה איז אַליין געפּאַלן אויף זשאַקס שפּורן, און עס איז אמת די לעצטע ראַדיאָ־ידיעה...

ביים פּאַרלאָזן דעם געצעלט האָט דבורה איר דערלאַנגט די אָוונט־צייטונג, וואָס זי האָט געבראַכט פון טבריה. זי האָט באַוויזן זי דורכצולייענען, וואַרטנדיק אויף עמינדבן. זיין באַהאַנדלונג האָט געדויערט עטלעכע שעה. יעל האָט געדאַנקט, גיך געלאָפן צו זיך, כדי אַריינצוּוואַרפן זיך אין די ידיעות פון דער צייטונג. זי האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, פאַרפּעסטיקט צו אַ טאַבורעט נעבן בעט און זיך געלייגט אויף אַ זייט. זי איז אַדורכגעלאָפן גיריק שורה נאָך שורה, זייט נאָך זייט, דאָס זעלבע אין די ביילאַגעס און אילוסטראַציע־מאַנטאַזשן.

יואל האָט געפונען אין זיין רענצל אַן אַלטן נומער "במחנה", וואָס איז געווען געווידמעט דעם חיל־אוויר, און ווי עס זענען דערמאָנט געוואָרן אויך זיינע גבורה־טאַטן, האָט ער אַריינגעקוקט, געבלעטערט און געהאַלטן אַן אויג כסדר אויפן ליכטל צי עס גייט נישט אויס, צי עס פאַלט נישט אַראָפּ און קאָן חלילה אַרויס־רופן אַ שרפה, צי מ'דאַרף נישט תיכף אָנצינדן אַ צווייט ליכטל, איידער דאָס פריערדיקע רינט נישט אויס אין גאַנצן. ער איז געזעסן אויף דער זעלבער זייט, צופוסנס פון בעטל, צו געניסן פון זעלבן ליכטשיין, און נישט צו שטערן יעלן ביים לייענען.

נישט געפינענדיק קיין איינציק וואָרט און קיין איינציקע אָנדייטונג וועגן דעם, וואָס האָט זי אַזוי שטאַרק אינטריגירט, האָט זי זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רעפּאָרטאַזש: גן־ילדים במצפּים בגליל. עס רעדט זיך וועגן דעם געלונגענעם עקס־פּערימענט פון חלוצישע מצפּים־פּונקטן אין דער געגנט פון כרמי־אל, אין די בערג. אין אַ בשכנותדיקער גרופּע פּונקטן ווערט פּלאַנירט דורכן משרד החינוך אויסצובויען אַ קינדער־גאָרטן, וואָס וועט דערווייל אַרומנעמען 18 קינדער פון גן־עלטער. עס ווערט

דעריבער געזוכט אַ דיפּלאָמירטע און דערפאַרענע גננת, וואָס וויל אַרבעטן אין די שווערע באַדינגונגען פון אַן אויסקוק־און איינוואָרצלונג־פּונקט פון אַ יישוב, אין באַדינגונגען פון בערג, פעלדזן, ווינט, אָבער מיט גוטע אויסזיכטן. און נאָך ווערט געזוכט — אַ דערפאַרענער טעכניקער, מעכאַניקער, עלעקטריקער, מיט פּאַכמענישער איניציאַטיוו און פעיִק צו אימפּראָוויזירן אין אַזעלכע באַדינגונגען.

— הוררא, הידד! — האָט יעל פּלוצעם אויסגעשריגן מיט טריומף און דערלאַנגט די רעפּאָרטאַזש־זייט יואלן — זע, לייען. אידעאַל ממש, יופי, יופי!

ער האָט גענומען לייענען, צורוקנדיק זיך נאָענטער צום ליכטל.

נישט געפינענדיק קיין וואָרט אָדער אָנדייטונג וועגן דעם אַרעסט פון זשאַקן, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַרדאַכט פונעם פאָטער, וואָס זאָל כלומרשט האָבן געמסרט, און נוטה געווען מער אויף דער זייט פון דער אייגענער איניציאַטיוו פון דער משטרה... זי דערמאַנט זיך אָבער נישט צו האָבן באַמערקט נאָך אַן אויטאָ, וואָס זאָל האָבן נאָכגעפאָרן, נאָכשפּיאָנירט, ערגעץ פון הינטן. זי האָט געהאַט געזונקען דעם קאָפּ, און געטראַכט וועגן איין זאַך נאָר וואָס אַן אמת — ער זאָל זי נישט דערקענען... ווען יאָ, וואָלט ער זי זיכער דערשאָסן מיט זיין פּאַרשטום־רעוואָלווער; און אויך יואלן. איצט זעט זי, אַז ער איז געווען פעיִק דערצו... און אויב די צייטונג שרייבט גאָרנישט דערוועגן, איז נישט אויס־געשלאָסן, אַז דאָס זענען בפירושע אינסטרוקציעס פון דער משטרה, כדי זי, יעל, זאָל דערווייל נישט אָנטרינען, נישט צוגרייטן קיין פּאַרטיקע אויסריידן, און מ׳זאָל זי נעמען בדרך סיורפּריז, ווי אַ רייף עפּעלע גראָד פון בוים אַראָפּ... שיין וועט זי אויסזען, אויב די משטרה וועט זי קומען נעמען דאָ, דאָ! זי וועט זיך

באַגראָבן פון חרפה פאַר די נייע פריינט. וואָס וועלן זיי טראַכטן וועגן איר? זי זעט אויס ווי אַ לעמעלע, אָבער אין דער אמתן איז זי אַ לעמפּערט, איז זי אַ טיגער — איידער ער איז געוואָרן אַ סיאַם־קעצל, וואָס אַנטלויפט גאָר פאַר אַ מייזל... ניין, זי וועט דאָ נישט בלייבן, בשום אופן נישט! זי וועט שוין מוזן אויסהאַלטן ביז פאַר טאָגס, און תיכף צונויפפּאַקן דעם געצעלט און אַוועק פון דאַ... יאָ, זי וועט נישט אַוועק ווי אַ וואַלד־גזלן. זי וועט זיך געזעגענען מיט אַלעמען. זי וועט ווייזן דעם רעפּאָרטאַזש וועגן די מצפּים בגליל, און ווייזן, אַז מען זוכט סיי אַ גננת און סיי אַ מעכאַניקער־טעכניקער. נו, איז ווי מן השמים פאַר זיי ביידן! איר וועט במילא אויסקומען שווער ממשיך צו זיין אין גן אויפן כרמל, ווייל עס וועט איר פעלן אודיה, אין וועלכער זי האָט זיך ממש פאַרליבט ווי אין אַן אייגן קינד; און ער, יואל, וואָס האָט ביז היינט, קנאַפּע דריי חדשים נאָכן פאַרלאָזן צה״ל מיט העכסטע פּילאָט־אויסצייכענונגען אין אינזשינערישע פעיִקייטן, נישט גע־פונען קיין אַרבעט, נו — איז עס דאָך ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים. און דער אידעאַל, וואָס זיי וועלן זיין צוזאַמען, אַרבעטן אינעם זעלבן שטח, אין דער אַרומיקער סביבה... און, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ איין מאָליקע געלעגנהייט ממש אין לעבן, טאָר מען זי נישט פאַרפּאַסן, מוז מען זיך אָנכאַפּן אין איר פעסט... נו, מוזן זיי תיכף פאָרן אַהינצו, נישט פאַרלירן קיין רגע, קיינער זאָל נישט אויסכאַפּן דערווייל די פּאָסטנס, זאָל נישט האָבן קיין צייט אויס־צוכאַפּן. עס ברענט ממש!...

— נו, לאָמיר זען, יואל, צי פאַראַן ביי אונדז אַ מחשבה־קרובהשאפט, צי גיסן זיך אונדזערע געדאַנקען צונויף, וואָס שייך נישט נאָר דעם אַנאַליז פון רעפּאָרטאַזש, נאָר אויך וואָס שייך דעם פּראַקטישן אויספיר; אָ, נו, מיין ליבער, לאָמיר הערן!

זי האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט זיך צו אים פעסט.

זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכטל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו רויכערן און אַריינגעלאָזן שאָטנס פון מעוועס, וואָס האָבן געזוכט ווי אַוועקצושטעלן פעסט זייערע פיס, אויסצומיידן דעם ווינט, וואָס צעשאָקלט היינט זייערע סטאַבילע צווייגן־געלעגערס. עס האָבן זיך געהערט מענטשן־טריט, און געזען שאָטנס אַהין, שאָטנס צוריק, און ריחות האָבן דערמאָנט, אַז זייערע מאָגנס זענען ליידיק...

אָבער נישט עסן איז איר געלעגן אין קאָפּ. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ברעזענט, פאַרשלייפט דעם פאָרהאַנג און צוגעצויגן צו זיך יואלן אויפן בעט.

— נישט אמת, מיין ליבער, אַז עס איז אַן אידעאַלע לייזונג פאַר אונדזביידן? סיי אַרבעט פאַר דיר, סיי פאַר מיר!

— אמת, מיין טייערע. דו האָסט געהאַט אַ געניאַלן איינפאַל.

— מיר וועלן טאָן ווי עס טוט זשאַן; ווי ער, וועלן מיר זיין דאָרטן, ווו מיר האַלטן, אַז מען נייטיקט זיך אין אונדז אַממערסטן.

— ממש אַ הימל־זאַך! צוויי פאָסטנס, ווי אָנגעמאָסטן פאַר אונדז ביידן, און צוזאַמען.

— און מיר וועלן דאָרטן קאָנען האָבן קינדער, אַ סך קינדער.

— אַ סך קינדער, אַ סך...

— מיר האָבן אָנגעהויבן ביים כינרת, מיין ליבער, און ענדיקן אויבן, אין מצפּה, אין די בערג, אויף די ווילדע פעלדזן, אויף די ווילדע פעלדער, צווישן ווילדע פלאַנצן און קאַקטוסן ווילדע...

— יאָ, פלאַנצן ווילדע, קאַקטוסן ווילדע, ווילדע...

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן גאָר פרי. זיי האָבן זיך אָנגעטון וואַרעם. די זון האָט נאָך נישט באַוויזן צו צעשטרויען די קילע, סוף־נאַכטיקע נעפּלען און די שאַרפע ערב־טאָגיקע ווינטלעך, געפּאַנגענע צווישן די קוים־צעעפנטע כוואַליע־ליפּן. זיי האָבן צוזאַמען פונאַנדערגענומען דעם געצעלט, אָפּגעבונדן די פּיקסיר־שטריק, צוזאַמענגעלייגט דעם געוואַנט, צוגעגרייט די וואַליזן און רייזזעק.

— בוקר אור! — האָבן פאַרבייגייער זיי באַגריסט — דרך צלחה.

יואל האָט דערקענט דעם ייד פון די אשר־יצרס און יעל — דעם ייד מיט דער כאַראַקטעריסטישער, הייזעריקער שטים. זי איז צוגעלאָפן צו אים, זיך אָנגעהאָנגען אין זיין האַלדז, אים געקושט פון ביידע זייטן באַקן: — אַ דאַנק, ר׳ ייד — האָט זי געזאָגט אַן איבערגענומענע — אַ דאַנק!

ער האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן און זי אָפּגעשטופט פון זיך.

— פאַר וואָס אַ דאַנק, פאַר וואָס?

— פאַר אַלעם, פאַר אַלעם. פאַר אייערע מעשיות פון יענער וועלט... פאַר אייערע מעשיות, וואָס האָבן דעם ריח פון גן־עדן, דעם ריח פון פרייהייט. אַ דאַנק!

זי האָט אים געלאָזט שטיין, גענומען לויפן צום וואַסער, ווו זי האָט דערקענט דעם שאָטן פון רעזשין און זשאַן אַרומגעאַרעמטע. זי האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אַריין אין וואַסער און זיי וועלן זיך נישט קאָנען געזעגענען. זיי האָבן זיך געוווּנדערט זי צו באַגעגענען אַזוי פרי. די קעצלעך, אויף די פרייע אָרעמס פונעם פּאָרל, האָבן געגלאָצט מיט גליוואָרעם־אויגן פול מיט חידוש. יעל האָט דערציילט אויף דער גיך די סיבה פון זייער באַשלוס. ביידע האָבן איר געגעבן רעכט. עס איז אַ פּאָזיטיווע אַרבעט, אַ קאָנסטרוק־

טיווע, און די בעסטע אין דער איצטיקער, קריטישער צייט. דער באַשלוס פּאַראַייניקט אין זיך אַ ריי צילן ווי אידעאַליזם, מאַטעריעלן נוצן, פאַרטיידיקונג און אויסלייזונג פון גליל; עס איז אַ מאָדער־נער חלוציזם. ווען ער גייט נישט באַזעצן זיך אין מושב, וואָלט ער קיין רגע נישט געוואַקלט זיך, און נאָכגעגעבן זייער ביישפּיל — האָט זשאַן פּאַרזיכערט. יואל, וואָס איז אין צווישן אָנגעקומען, האָט געזאָגט זשאַנען, גוט־ברודעריש און מיט אַ נישט פאַרבאָרגענער כוונה, אַז ער וועט מסתמא דאַרפן אָוועקלייגן די גיטאַרע, און זיך מוזן נעמען צום טראַקטאָר, צו... פאַרטרייבן דעם עולה־רוסיה.

— קודם פאַרטרייב איך קיינעם נישט און האָב קיינעם אין מיין לעבן נישט פאַרטריבן. ער איז געקומען מיט ליבע צום לאַנד, דאַרף מען אים אויפנעמען מיט ליבע, מיט אָפענע אָרעמס, מיט אַבנעגאַציע ממש. דאָס איז אונדזער הייליקער חוב. דאָס האָבן די קעצלעך אים פאַרטריבן פון דעם האַרץ פון זייער האַרינטע; דאָס איז אגב אַ ליבע פון גאָר אַן אַנדערן פלאַך...

— וואָס שייך טראַקטאָר, וועלן מיר זיך איינשאַפן נאָך איינעם, פאַרגרעסערן דעם משק, אַראָפּברענגען נאָך נייע עולים פון רוסלאַנד, זיי זענען זייער אַ פּאָזיטיווער עלעמענט — האָט געזאָגט רעזשין — און אויך זשאַנען איינשפּאַנען צו אַ טראַקטאָר, אדרבה, אַריינציען אין משק, צו פעלד־אַרבעט. ער איז פעיִק צו אַלעם.

— און וואָס שייך דער גיטאַרע — האָט זשאַן אָנגעשלאָסן צו יואלס באַמערקונג — וועל איך זי נישט אָוועקלייגן, ווייל אָן איר, בין איך ווי שמשון אָן האָר... רעזשין איז גערעכט, טאָקע אַרבעטן אין משק, ביי אַ טראַקטאָר, אין פעלד, אין גאָרטן; אָבער אויך האָדעווען די קעץ, איינאָרדענען אויסשטעלונגען. אויך אַ גראַנדיעזע בילדער־אויסשטעלונג פון דער סבתאס מאָלערייען, און אַרומפאָרן מיט איר פון יישוב צו יישוב, פון קיבוץ צו קיבוץ,

פון גרענעץ־דאָרף צו גרענעץ־דאָרף, און תמיד מיט מיין גיטאַרע, מיט מיין בשורהדיקן ניגון און ליד... עס איז אַ פראַגע פון אָרגאַניזאַציע, צו וויסן פאַראייניקן דאָס נוצלעכבע מיטן פאַרוויילעריש־הנאהדיקן, שטרעבן צו דער האַרמאָניע צווישן דעם ערדיש־אוטיליטאַרן און דעם גייסטיק־דערהייבנדיקן... ווען איך וואָלט געדאַרפט מאָלן אַ סימבאָלישן עמבלעם פאַר דעם איצטיקן דור אין ישראל, וואָלט איך אויסגעמאָלן אַ האַרץ און אַרום אים אַ טראַקטאָר און אַ גיטאַרע, און פאַרשטייט זיך — אַ טאַנק, אַ כפיר... און קומען וועלן מיר אויך צו אייך, אין מצפּה, מיר פאַרזיכערן אייך, מיט דער אויסשטעלונג, מיט דער גיטאַרע, מיט אונדזער דערפאַרונג, אַלעביידע, רעזשין און איך. איר וועט זיין צווישן די ערשטע!

עס האָט זיך געעפנט דאָס געצעלט פון ניסימען. זיי זענען גיך אַרויפגעלאָפן. די קינדער וועלן זיך מסתמא גיך פונאַנדערלויפן. יעל האָט זיי דערציילט די סיבה פון זייער באַשלוס, באַשטעטיקט דורכן צייטונג־רעפּאָרטאַזש. טרערן זענען געשטאַנען ביי אַלעמען אין די אויגן. מזל האָט געריבן אירע נישט־אויסגעשלאָפענע אייגעלער און געצויגן די הענטלעך צו יעלן. יעל האָט געקושט יעדעס קינד באַזונדער. זי האָט לאַנג געהאַלדזט מרימען, אַריינגעוויינט די וואַרעמסטע ברכות אין איר ברוסט אַריין. ניסים האָט דערמאָנט דעם אַפּמאַך וועגן נאָמען, געבעטן זיי זאָלן קומען זיי באַזוכן פון צייט צו צייט און וואָס אָפטער. אויך זיי וועלן קומען באַזוכן אין מצפּה, צוזאַמען מיט אַלע קינדער, און ברענגען מתנות צום חנוכת־הבית.

— און מיר וועלן קומען צום ברית, אָדער נאָמענטאָג, דאָס איז זיכער. מיר וועלן שוין דעמאָלט זיין איינגעאָרדנט און שטאָלצע מצפּה־תושבים — האָט פאַרזיכערט יואל.

— השם ישמריכם — האָט ניסים אַרויפֿגעטון איין האַנט אויף זיין קאָפּ און די צווייטע אויף יעלס, און זי געבענטשט מיט אַ מזרח־אַקצענט און איילעק. דערנאָך איבערגעחזרט דאָס זעלבע מיט יואלן.

די קינדער האָבן אויפֿגעכאַפּט ברעקלעך פֿון די ברכות, נאָכ־געזאָגט און אַרייַנגעוויינט צווישן די זילבן.

פייגע האָט זיך געוויגט במנוחהדיק אין איר ליגשטול און געשטריקט. זי האָט דערהערט די גיכע טריט פֿון יעלן און איר באַגלייטער, זיך געחידושט: — פּרימאָרגן־געסט, האַ? וואָס עפּעס אַזאַ אויפֿשטייעניש, אַזאַ איילעניש, אויסגעפּוצט אין האַניק און אין עסיק... מילא, איך מוז זיך איילן מיטן אויסשטריקן פֿאַר מיין יגאלן אַ בלאָ־ווייסן סוועטער, מיט אַ מגן־דוד, וואָס זאָל אויפֿ־רייסן די אויגן... "דערטי דזשו" האָבן זיי אים געזאָגט דאָרטן, די שוואַרץ־יאָרן... נו, וועט מיין סוועטער רעדן דיבורים, אויף צעפּיקעניש, אויף צעפּראַלעניש אַלע שונאים... האָב איך זיך געפֿעדערט, ווייל באַלד נאָך שבועות קומען זיי צוריק, אַהיים! אָה, ריבונו של עולם, ווי האָלט איך שוין אַזוי ווייט מיט מיין צווייטן תכשיט פֿון אויסטראַליע, טאַטע זיסער; אַ וואַגאָן מיט סוועטערס וואָלט איך אויסגעשטריקט פֿאַר אונדזערע חיילים אויפֿן גולן און אויפֿן חרמון, ווען איך זע שוין מיין אביגדורן אין דער זעלבער מערכה ווי זאבן, אַזוי ווי איך בין אַ כשרע יידישע טאָכטער...

זי האָט אויפֿגעהויבן די הענט צוזאַמען מיטן געשטריקעכץ און אויסגעווישט אַ טרער. זי האָט אָפּגעזיפֿצט טיף, צוריקגענומען באַוועגן מיט די נאָדלען, אָפּגעפֿינענדיק דעם פֿאָדעם פֿון איר מאָנאָלאָג: — אָבער דו, יעל, וואָס איז די פֿעדערניש, וואָס? איילסט זיך צום טאַטן אויף די אַנדערע טעג יום־טוב? גערעכט,

כ׳לעבן. אַזוי דאַרף טאָן אַן אײדעלע יידישע טאָכטער; נישט איבערלאָזן יום־טוב טעג אַן אײנזאַמען טאַטן אַליין, גערעכט...

יעל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, געוואָלט דערמאָנען די אמתע סיבה פון זייער צוגעאײלטן אָפּפאָר, אָבער פייגע האָט איר נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. זי האָט זיך אָפּגעקלאָפּט פונעם שאָקל־לייוונט, זיך אונטערגעהויבן מיט אַ קרעכץ, אַרומגענומען יעלן, געקושט זי מיט רעש אין די ליפּן, אין די באַקן, און דערמאָנט צודרינגלעך איר אַנומלטיקע בקשה: ״געדענק, זאָג דעם טאַטן, יעל, אַז זאב מיט דער גאַנצער משפּחה קומען גאָר אין גיכן צוריק. דיין טאַטע וועט זיך פרייען. ער וועט קוקן אין גאַנצן אַנדערש אויף מיר; ער וועט מיך גיכער פאַרשטיין. גענוג געווען אַליין! אַז דו, יעל, גייסט חתונה האָבן, וועט ער דאָך זיין עלנט ווי אַ שטיין. און איך? וואָס בין איך ווייניקער עלנט?״

דערנאָך האָט זי זיך געוואָרפן אויף יואלן מיט דער זעלבער בקשה: ״זיי אַ מליץ יושר ביי איר טאַטן, הערסט! די שטיינער ביי יעקב אבינו צוקאָפּנס זענען זיך אויך צונויפגעגאַנגען, האָבן זיך אויך צונויפבאַהאָפטן, פאַר וואָס נישט אונדזערע צוויי שטיינער? קינדער, לייגט זיך אַריין אין עסק. איך וועל אייך זיין אַ מאַמע, ווי היינט איז ערב־שבת, קינדערלעך, ווי כ׳בין אַ מאַמע צו מיינע אייגענע קינדער!״

דאָס געצעלט ביים דאָקטער איז געווען אָפן. דער דאָקטער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין. ער האָט אויפגעהויבן אויף זיי זיינע קלוגע אויגן, און איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען זיין מויל, האָט יעל געוויזן דעם רעפּאָרטאַזש און אויפגעקלערט די סיבה פון זייער צופעליקן באַשלוס.

— גערעכט, קינדער — האָט באַשטעטיקט דער דאָקטער — ווען איך האָב אייערע יאָרן, וואָלט איך נישט געטון אַנדערש. איך גיב אייך אַ שמעק טאַבאַק פאַר די גאַנצע התנחלויות און

קאָלאָניזאַציע־פּונקטן פון די גוש־אמונים... כל הכבוד פאַר זייער אמונה, פאַר זייער לעבן מיטן אָפענעם תנכ״ל פאַר די אויגן, אפילו אין שלאָף; כל הכבוד פאַר זייער עקשנות, מסירות־נפש און נעגירן סכנות!... איר ווייסט דאָך גוט, אַז איך האָב גאָט אין האַרצן, אַזוי אויך מאַטילדאַ, און טראַדיציע איז אַ טייל פון אונדזער נשמה־לעבן; אָבער גוש־אמונים וועט אונדז די ישועה נישט ברענגען; אפשר גאָר להיפוך! עס לייגט זיך נישט אויפן שכל. דאָס לאַנד וועט נישט געבויט און געשיצט ווערן דורך ישיבה־בחורים און יידן מיט בערד און פיאות, וואָס נאָר זיי שאָקלען זיך איבער די הייליקע ספרים, דורך די ווייבער אין די שייטלען און בייכער אין די הויכע חדשים, און דורך די ביי וועלכע די מערת־המכפלה איז בבחינת ייהרג ואל יעבור, און די אַראַבער זענען זיי אַ שפּין אין די אויגן... ניין, בשום אופן ניין! זיי זענען אַ פאַרפּיר־ליכטל אין דער איצטיקער צייט, ווען ממשותדיקע כוח און גבורה, איבערמענטשלעכע אַרבעט און אָנשטרענג זענען דער געבאָט פון דער שעה, פון דער רגע; ווען יעדער ברעקל פון פּאָטענציעלן מענטשן־רכוש מוז אויסגענוצט ווערן פּאָזיטיוו און מיט אַ ווייטן בליק... זיכער שטערט עס נישט אין טאָן תפילה, תשובה, טאָן מעשים טובים, לערנען... מיינע קינדער און אויך קינדס־קינדער, טראָגן מאַנכע קאַפּעלער, כמעט אַלע גייען צום דאַווענען שבת און יום־טוב, און אין דער זעלבער צייט זענען זיי ווער אַ הויכער אָפיציר אין חיל הים, ווער אַ לייטער פון אַ מפעל אין אַ קיבוץ, ווער אַ מנהל פון אַ שפּיטאָל, אַ פלעגשוועסטער, אַ מיליטער־אינזשעניער, און ווער אַ מושבניק אין אַ גרענעץ־דאָרף, אָדער אַ פאָרשער אין אַ לאַבאָראַטאָריע — אַלץ באַשעפטיקונגען, אָן וועלכע די מדינה קאָן נישט אויסקומען; און איין אייניקל גייט אין אַ ישיבה און וויל ווערן אַ רב, אָבער נישט אַ גוש־אמונים... יאָ, ווו איז דער מאָדערנער אחד העם, וועלכער זאָל אויסשרייען: לא זו הדרך, מיט אַ כוח וואָס זאָל מרעיש־

עולם זיין, ווי זשאַנס עמיל זאָלאַ?!... נו, קינדערלעך, זאָלט איר געבענטשט זיין. אייער מצפּה־פּלאַן אינעם צפון־גליל איז די תשובה, איז דער דרך. און זאָלן זיך מערן די, וואָס וועלן גיין אין אייערע שריט... מיר וועלן קומען אייך זען, אונטערשטעלן אַ פּלייצע, אַן אַלטע, אָבער אַ געלויטערטע אין קאַלכאַויוונס און אין באהבה־דיק אַקצעפּטירטע ראַנגלענישן און אויסטערלישקייטן זייטן באַטרעטן דאָס לאַנד פון די אבות...

— מיר געזעגענען זיך נישט — האָט מאַטילדאַ געזאָגט, באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן די טרערן.

— גערעכט, מאַטילדאַ, מיר געזעגענען זיך נישט — האָט דער דאָקטער נאָכגעזאָגט און אַרומגענומען זיי ביידן, צוגעדריקט פעסט צו זיך, גאָר פעסט.

עמינדב און דבורה זענען פרי אויפגעשטאַנען. זיי האָבן זיך געגרייט אין קוראָרט.

— איר כאַפּט זיך מיט אונדז מיט? — האָט עמינדב געפּרעגט אַ צופרידענער.

זיי האָבן אויפגעקלערט די סיבה פון זייער קומען און געוויזן דעם רעפּאָרטאַזש. יעל האָט פאַרזיכערט, אַז אין דער זעלבער צייט וועט זי אָנגיין מיט אירע באַמיִונגען אין שייכות מיט אודיהן. עס גייט דערוויל אין פאַרזיכערן אַן אָרט פאַר זיי ביידן אין מצפּה, אין דער געגנט פון די כרמיאל־בערג. אָבער, ביז זיי וועלן שאַפן דאָרטן די נייטיקע באַדינגונגען פאַר באַזעצן זיך און קאָנען אָנהייבן אַרבעטן, וועלן נעמען חדשים. יעל וועט ממשיך זיין איר אַרבעט אין חיפהער גן, ביזן סוף פון שוליאָר. אין די נאָענטסטע חדשים וועט זי זיכער אַלץ דערליידיקן מיט דער סבתא און געפינען אַ לעגאַלע לייזונג. אפשר גאָר נאָך גיכער. יעדנפאַלס, וועט זי שטיין אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט זיי. זאָלן זיי זיין רויק.

זי האָט גענומען אויף זיך אַ הייליקע שליחות־אויפגאַבע און זי וועט זי דורכפירן בשלמות.

— מיר באַדויערן — האָט געזאָגט יואל — מיר האָבן געוואָלט פאַרברענגען מיט אייך ביז איבער יום־טוב. די באַגע־גענישן מיט אייך זענען פאַר אונדז אומפאַרגעסלעך. די טעג, פאַרבראַכטע אין אייער סביבה, וועלן תמיד בלייבן אין אונדזער זיכרון.

— נו, דאָס האָבן מיר אַלע זיך צו פאַרדאַנקען קעגנזייטיק — האָט אונטערגעשטראָכן עמינדב.

— דאָס האָבן מיר אַלע, אונדזערע אַזוי רייכע קאַמפּינג־טעג ביים כינרת צו פאַרדאַנקען קודם כל אייך — האָט יואל פאַרטיי־דיקט זיין מיינונג. — אין אייער גאַספריינדלעכן געצעלט האָבן מיר באַגעגנט דעם נאָבעלן ווינער דאָקטער און זיין האַרציקע פרוי, און דאָ באַקענט די אָריגינעלע מאַדמואַזעל רעזשין, מיט אירע קאָנקורענצלאָזע סיאַם־קעצלעך. און דאָ האָט מען געזען ווי עס ווערט געבוירן אַ ליבע, און קעצלעך אין דער ראָל פון שדכנים...

— אגב, וואָלט מען געדאַרפט געפינען אַ יידישן נאָמען פאַר דעם זשאַנען — האָט געזאָגט עמינדב — יוחנן איז פאַרעלטערט. ער איז דאָך אַ מין מאָדערנער משולח.

— איך שלאָג פאָר: אודיהו — האָט געזאָגט דבורה — וואָס איז מענלעך פון אודיה. ער איז ווי אַ מתנה פון די הימלען, אַ משולח מיט אַ גיטאַרע...

— אגב, עס איז גאָרנישט קרום, אַז ער זאָל בלייבן ביים גוייִשן נאָמען — האָט אָפּגעשפּאַרט יואל — יידן ווערן בדרך כלל מער נתפּעל, ווען עס פּראָוועט זיי מאָראַל איינער מיט אַ פרעמדן נאָמען, וואָס קומט פון דער פרעמד, בפרט ווען ער טרעפט

צו אין פּינטל און שפּילט נאָך דערצו אויף אַ גיטאַרע ניגונים און לידער, וואָס קומען פון דער פרעמד. זשאַן מאָנטאַריאַל — איז דאָך כמעט אַ גאַנצער פּראָגראַם, און שוין דער קלאַנג אַליין פונעם נאָמען רופט אַרויס דעם נייטיקן רעספּעקט און צוטרוי, וואָס זענען דער פאַרבאַדינג פון דערפאָלג...

— אַזאַ איינער איז פעיִק אָנצוצינדן אַ נייעם גייסט פון חלוציות — האָט דבורה געזאָגט מיט איבערצייגונג — פאַראַן אין אים אַ רעזערוואָר פון פלאַם און התלהבותדיקער אהבת־ישראל, עקשנות און איבערצייגונג־קראַפט, ווי ביי די ראשונים... רעזשין איז ווי אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון די הייכן, ווי אַ געבענטשטע עזר־כנגדו; זי איז אַ ניכטערע. ווי מ'זעט האָט זי אַ גרויסע השפּעה אויף אים. מ'וועט זיכער אַ סך הערן וועגן דעם דאָזיקן זיווג. מ'וועט אַ סך הערן וועגן זיי און זיך דערציילן וועגן זיי...

— זיכער איז פון דיר אויך פאַראַן אַ סך צו הערן — האָט יעל איר איבערגעריסן — אַלע האָבן דערציילט זייערע געשיכטעס, און צום באַדויער, האָסטו גאָרנישט דערציילט וועגן זיך; זיכער איז דיין געשיכטע אויך באַלערנדיק, אויסטערליש אינטערעסאַנט.

— מיין געשיכטע, מיין טייערע יעל, איז אַ נאָרמאַלע, פון אַ יידישער טאָכטער, אַ דורות־איינגעזעסענער אין ירושלים. אַ געשיכטע פון אַ שטאָלצער ירושלמית, אַ געבוירענער אין טאָג פון דער באַנייטער מדינה. איז מיין געשיכטע, ווי די געשיכטע פון דער מדינה און פון איר פאָלק, וואָס קעמפט שטייענדיק און פאַרעמט זיין אייגענעם גורל מיט אייגענע הענט... אַ נאָרמאַלע געשיכטע. וואָס קאָן שוין זיין מער נאָרמאַל? וואָס קאָן שוין זיין ווייניקער אינטערעסאַנט?!... און וואָס בלייבט מיר אייך צו ווינטשן, מיינע טייערע, אַז די געשיכטע פון אייער לעבן אין מצפּה זאָל זיין נאָרמאַל, באַלערנדיק און נישט אויסטערליש אינטערעסאַנט.

— נאָרמאַל, באַלערנדיק און נישט אויסטערליש אינטערע־סאַנט זאָל זיין די געשיכטע פון אייער לעבן אין מצפּה, אין גליל העליון — האָט נאָכגעזאָגט עמינדב און פאַרענדיקט סוף־פּסוקדיק — אמן!

דער פרימאָרגן־חלל האָט אויפגעכאַפּט די ברכה, געענדערט מיט איר צום כינרת, און פאַרטראָגן ווידערקוליק אין די הימלען.

עוויאַן־לע־בען — אויגוסט 1980
קראַן־סיר־סיער — סעפּטעמבער 1980.

ביז איצט דערשינענע ביכער פון לייב קורלאַנד

מיר זענען ווי פעלדזן (אַ בויגן לידער) 1942

עס האָט זיך אָנגעהויבן (דערציילונגען) 1943

אַמאָל איז געווען אַ דאָרף (נאָוועלע)
פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן 1944

פאַרבטיקע טעג (דערציילונגען)
"לאַנדסבערגער יידישע צייטונג", לאַנדסבערג 1946

אויפן וועג צו זיך (ראָמאַן)
פאַרלאַג "אונדזער קיום", פאַריז 1967

גאולה (דערציילונגען)
פאַרלאַג "אונדזער קיום", פאַריז 1969

ביי די ברעגן פון כנרת (דערציילונגען)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1973

צעקלונגענע שעהען (דערציילונגען)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1975

שרונה (ראָמאַן)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1977

על שפת הכנרת (סיפורים)
הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב 1977

אויף דער גרענעץ (דערציילונגען, מיניאַטורן)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1979

אַ שמאָלע בריק (ראָמאַן)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1981

Corrie du Moulin (Nouvelles)
Ed. "Scorpion", Paris 1963